STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00339

GEKLIBENE VERK

Leib Kvitko

Permanent preservation of this book was made possible by
Jacob Meisel
in memory of
Marcus Meisel

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לייב קוויטקאָ

געקליבענע ווערק

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“

מאָסקווע • 1967

צונויפגעשטעלט — בעטי קוויטקאָ

שטיי
אוף
פארטאָג

שטיי אוף פֿאַרטאָג

פֿויל זיך ניט, שטיי אוף פֿאַרטאָג, זײַ מויכל,
און הער די קראָען אינעם טאָל.
ווּעסט הערן, ווי אין ווײַט און הייכן
גרויסאַרטיק קלינגט דאָס ווידערקאָל,
דאָס יונגוואַרג שרײַט דאָס אַלטוואַרג איבער,
דער שרײַ קלאַפּט אָן אין בערג, וואָס זעסט זיי ניט,
און שפּרינגט צוריק צום טאָל אַריבער
און ווערט אַף ברעקעלעך צעשיט.

פֿאַרטאָג, נאָך איידער זאַכן נעמען ראַשן,
הייבט אוף צום אַלעם ערשט דאָס קאָל —
אין פֿעלד, אין וואַלד, באַם טײַך — אַ שלאָל נעפּאַשעס,
צונויפֿגעזונגען אַלע מיטאַמאָל.
ווילסט הערן, זען, דאָס האַרץ זאָל קוועלן,
פֿון ראַכוועס־שיינקײַטן דערקוויקט,
איז קום צום אָנהייב פֿון דער שטעלונג,
צום ערשטן טאַקט פֿון דער מוזיק.

1946

צו אלדי גוטע יאָר

צו אלדי גוטע יאָר — מע האָט קיין צײַט ניט.
פון אַלע זײַטן רײַסט
מיט אומגעדולד דער טאָג.
א מאָנטיק שפּרינגט ארויס,
סע שפּרינגט אַרײַן א פרײַטיק,
און אַלעמען באַזאָרג, און אַלעמען דעריאָג!

מע קאָן ניט,
אוי, מע קאָן קיין רעגעלע ניט וואַרטן,
די דלאָניעס בײַסן זיך,
עס ציט, עס גלוסט זיך מיִען.

אָט דאָ וועט די פאבריק זײַן —
דערווײַל נאָך שטעקט א פּאַרקן,
און דאָ, ווו דערנער וואקסן,
וועט ווײַנשטאָק בליִען.

באַנאַכט איך הער זיך אײַן אין קלינגען פון פּורגאָנעס,
עס קלינגט דאָס יונג טשוהון אין נאַכט אף שטיין:

„גערולדיק האָבן מיר דאָס דאָרף־גוטס
פארלאָדן אין וואגאָנעס,
גערולדיק איצט מיט שטאָט־גוטס פאָרן מיר אהיים“.

ליג איך לאנג די נאכט־טשוהונעץ־שפראך צו הערן,
און שטייען שטיי איך אוף — כ׳האָב עפעס גוטס
געלערנט:
גערולד, גערולד,
גערולדיק זײַן — ארײַנצוּוועבן שײַן, געזונט
אין אונדזער וואָכיקייט, אין אונדזער גרונט!

1925

דער העמשעך

כ׳בין אופגעשטאנען גאָר פאַרפרי.
כ׳האָב קוים מיט מי פון זיך אַראָפּגערוקט
די שווערע נעץ פון שלאָף.
די קאָסע זון אין סאָד, די ווייניק קלאַנגען
האָבן אופגעמונטערט מײַנע קרעפטן פריש.
דער מויעך לעבט. די פון נעכטן
אָפּגעהאַקטע שנור פון אומצופרידנקייַט
מיט זיך אַליין פאַרקניפּט זיך ווידער.
די האַנט איז פעסט. די אַרבעט גייט.
אין מויעך דלובעט דער געדעכטער
פּיקהאָלץ מיטן קופּער־שפּיץ, וואָס פּיקט:
„ווייניק מאַרך. ווייניק פּלי. ווייניק
האַרץ. ווייניק עכטע לײַדנשאַפט“.
דער גוף פון אינווייניק ברענט. אַ גלאָז
מיט לויטער קילן וואַסער מינעט
אין מײַן האַנט. איך שפּאַר זי אָן אין מויל,
און אָפּגעלאָשן ווערט מיט קילן טרונק די בראַנד
פון יאַסליעס־ראַנד ביז טיפסטער טיף אין מיר.
און נאָר דער פּיקהאָלץ הערט ניט אוף
צו פּיקן זײַנס.

1938

איך האָב נאָך היַינט עפּעס א זאַך

איך האָב נאָך היַינט עפּעס א זאַך,
וואָס כ׳וועל עס טאָן מיט פארגעניגן.
כ׳האָב פארגעסן, וואָס א סאַך
מיט רויִע זאכענישן ליגן
און ווארטן, כ׳זאָל זיי נעמען אין די הענט.
זיי וואָלטן, ווען זיי קענען,
גוואַלד געשריגן:
„מאַך עפּעס פון אונדז,
דער אומגעדולד אונדז ברענט!"

איך ווייס, —
ווײַל מיר אליין דאָך בײַסן זיך די פינגער!
מײַן דאָרשט צו מי —
א שטענדיק ערשט־געבוירענער, א יונגער —
צעשווענקט די מידקײַט,
ווי שארפער שטראָם דעם שטיין.
ווי גוט איז טאָן פאר דײַנעטוועגן,
ליבע, געבענטשטע היים!

1948

אליין זיך פארפלאנצט

איינמאָל, סאָף זומער, אין גאָרטן
פארגרייט איך אן אָרט פארן פלידער:
איך גראָב אויס די יאָדליקעס קליינוואַרג
און לייג בא דער זײַט זיי אנידער.

א פלידער־קוסט וועט בא מיר וואקסן,
ער מאָנט א פרײַ אָרט פאר די בלומען.
זײַט מוחל אונדז, יאָדליקעס קליינוואַרג,
אן אנדער אָרט וועט איר באקומען.

* * *

סאָף זומער איז ארבעט א גוזמע:
אראָפּנעמען, זעצן, פארזייען.
און איך האָב אין קליינוואַרג פארגעסן
און ערשט זיך דערמאָנט מיט די שנייען.

פארגעסן... ווי קאָן מען פארגעסן?!
געוואַרט, ניט דערוואַרט זיך, געשטאָרבן...
זיי האָבן א קאָל דען צום שרײַען?
דאָס קליינוואַרג געפאלן א קאָרבן...

זיי קומען באַנאַכט מיר צו כאַלעם.
אָט שטייען זיי בערלדיק דיקלעך
און שייַנען מיט שטעכלקעס גרינע.
איצט ליגן זיי מיסטיקע שטיקלעך...

אין מיי קום איך ווידער אין גאָרטן,
צום פלידער צוערשט וויל איך גייען.
און דאָ... אוי, ווער בליאַסקעט עס דאָרטן?
דאָס קליינוואַרג, די יאָדליקעס שטייען!

זיי האָבן געוואַרט — ניט דערוואַרט זיך,
סע האָט זיי געגרוילט און געפּרעסטלט,
ביז מ׳האָט זיך אליין אַף די וואָרצלען
אַרופגעשטעלט פעסט, זיך פאַרפּעסטיקט.

די ערד, אונדזער מאַמע געטרייַע,
האָט ווייך זיי פאַרדעקט און געכייַעט,
איצט שטייען זיי פעסט, און זיי בליאַסקען
צו מיר מיט די שטעכלקעס נייַע!

1944

די גרויסע שיינקײַט

עסיען

מיר טיילן אָפּ פון דרויסן־רוים
א פירעק רוים פאר זיך.
מיר טיילן אים אין שטײַגן אײַן:
א שטוב, א זאל, א קיך.

דאָס אָפּגעצוימטע צירן מיר,
און שיינעם לאד פארפירן מיר,
מיר פרעגלען דאָרט און זײַערן,
מיר פוצן דאָרט און שײַערן,
אז שענער ווי דער רוים אָן ענד
זאָל זײַן אין אונדזערע פיר ווענט!

און דאָך, צו אלדי גוטע יאָר,
דאָס שיינקײַט בלײַבט דאָך פאָרט
פון יענער זײַט, אין דרויסן גאָר,
דאָס גרויסע שיינקײַט דאָרט!

גיי שפאר א זון־אופגאנג ארײַן
אין שטיינערנע פיר ווענט,

דעם פויגל־פלי, דעם פליגל־פאָך,
דעם פרײַען יאם, וואָס בלענדט.

דעם רעגנבויגן שפאר ארײַן
אין דײַן באגרענעצט הויז,
דעם ביימער־יאָמטעוו פונעם וואלד,
די פרילינג־שלאכט, וואָס ברויזט!

און ווי דעם קינד מע גיט אין האנט
די וועלט אין פאָרמען קליינע,
אז נאָענט זאָל דעם זײַן באקאנט
דער בער, דער צוג, די פליינען,

אזוי באקומען מיר די וועלט —
צו זיך אין שטוב ארײַנגעשטעלט.
נאָר דו אין דרויסן קום ארויס —
געניס די פראכט אין גאנצער גרייס!

דו ווילסט אין הייך — די הייך איז דיר,
די דרויסן־אָרדענונג איז דיר:
די לופט, דער ווינט, דער דורכגעשווים
פון יונגע פרויען אין שפאציר!

זי איז פון דיר פאר דיר באפרײַט,
דאָס אלץ איז דיר באשערט,
דו שליס זיך אָן אין אָטעמצוג
פון הימל מיט דער ערד!

1947

א לויב דעם נײַ־געבוירענעם

אָ, וויפֿל נײַס צום איבערלעבן וואַרטן,
אָ, וויפֿל געענג און שטערענישן האַרטע,
און וויפֿל סאָד און טרעפּעניש געגאַרטע,
אָ, וויפֿל נײַסן אומדערוואַרטע וואַרטן!

וואָס ווייסט די קוקאָלקע, וואָס ליגט פֿאַרבלעטערט?
זי ווייסט פֿון איצט, פֿון נעכטן צי פֿון שפּעטער?
און אַז אין דריטן גילגול פֿליִען וועט עס
מיט פֿליגל אַלס אַ שמעטערל אין עטער?!

קיין שענערס, גליקלעכערס — ניט צו געפֿינען,
ווי צולייגן דאָס האַרץ און צו באַזינען,
אַז אַלעמאָל דו וועסט אַפּסנײַ באַגינען
און נײַע כּיעסן דו טוסט געפֿינען!

דאָס זײַן אַ קינד, און פֿרעגן, זען און הערן,
דערנאָך דאָס יונג זײַן, מיט דעם שלאַל באַגערן,
דערנאָך דאָס לאַנג־דערוואַרטע פּאַרטיק ווערן,
אַלס מאַן דאָס גליק אַנטדעקן ווי אַ שטערן!

דאָס זײַן אַ קינד, דאָס פֿרעגן, זען און הערן,
דערנאָך דאָס יונג זײַן, מיט דעם שלאַל באַגערן,

דערנאָך דאָס שטויִנענדיקע פּאַרטיק ווערן,
אַלס ווײַב דאָס גליק אַנטדעקן ווי אַ שטערן!

און דאַן דאָס וווּנדערלעך זיך נעמען טײלן
אױף קינדער, אָנלעבן דער וועלט אַ כײלעק,
און דאָ לאָז ווײל זיך גײן! דו קאַרג ניט, צײל ניט!
ווײַל דאָס איז אײביק שײן און אײביק הײליק!

1940

דער ברונעם

דעם ברונעם איז צום הארצן, אז מע שעפּט אים,
אז דער עמער דרינגט צום קאַלטן דעק
און באַברעט מיט זײַן ליִפּ דעם גרונט און וועקט
די קוואַלן אונטער ערד און מערט די קרעפטן.

סע שײַנט דאָס ברונעם־פּאָנעם, און סע קווענט
פון קלינגעוודיקן פּלאַפּל פונעם עמער,
וואָס טאַנצט אַראָפּ דאָס וואַסער נעמען
מיט א פאַרנייג, מיט לאָהעטן שעפּ!

און ווי דעם ברונעמס פּאָנעם ערשט באַלעבט זיך,
ווען כאָווע קומט, די עמער ריין געפּוצט.
זי ציט געהיט אַרויס דאָס אָנגעשעפּטע,
כאָלילע ניט צעפּליעסקענען דאָס גוטס.

פון ווײַטן קומען רײַטער צוגעריטן,
דאָס דאָרשטיק פערד באַקומט צו טרינקען דאָ,
עס הילכט אין ברונעם אָפּ דער קלאַפּ פון טלאָ,
דער פאַרגעניגנפולער פריסק פון טרינקערס ליפּן.

1–1953

און אָט געטראָפֿן האָט, דער ברונעם איז דעם ווינטער
אַליין מיט זיך געבליבן ניט געשעפּט.
האָט אים דער שטויב דאָס פּאָנעם גרוי פֿאַרקלעפּט
מיט פֿוילס, מיט מאָך די כּיִעסן פֿאַרשפּינט אים.

א ברונעם איז צום האַרצן, אַז מע שעפּט אים,
אַז דער עמער דרינגט צום קאַלטן דעק
און באַברעט מיט זײַן ליפּ דעם גרונט און וועקט
די קוואַלן אונטער ערד און מערט די קרעפֿטן.

1936

ווי הייסטו?

ווער ביסטו, בלימעלע ווײַס,
פֿונוואַנען געקומען?
אַ מענטש צי אַ ווינט
האָט דיך פֿון דײַן היים
אַוועקגענומען?

ווי קומסטו צו מיר אַהער,
פֿון מיר ניט קיין געזעצטע?
ווי הייסטו דען, מײַן דופּטיקע,
מײַן הויכגעשעצטע?

דו ציסט זיך ניט אין דער הייך,
די שכנים דיך ניט קימערן.
צי קענסטו ווינטערן אויך
צי נאָר זומערן?

צי בלײַבסטו ביז אָסיען נאָר —
און געענדיקט?
צי קומסטו נאָך איבעראיאָר
צי עפּשער גאָר אַף שטענדיק,

טאקע בא מיר א נײַעם דאָר,
בא מיר א לעבן פארפירן?!
זאָלסטו מיר איבעראיאָר
נאָך ווײַסינקע געבירן!..

1944

א שמועס

סע זאָגט דער דעמב:
— בין גרויס, בין פעסט, בין פול מיט זאפט,
בין דעמב פון דעמב, בין פול מיט קראפט,
אוי, איך וויל זיך באוועגן,
ווי בין איך מעקאנע דעם פערד אף די וועגן!

סע זאָגט דאָס פערד:
— בין פלינק, בין גרינג, בין פערד פון פערד,
איך שפרינג אין צוים, איך מעסט די ערד,
אוי, די הייך טו איך לויבן,
ווי בין איך מעקאנע דעם פויגל פון אויבן!

דער פויגל זאָגט:
— מײַן היים — די הייך, די ברידער — פרעסט.
און אף דער ערד איך בוי מײַן נעסט,
אוי, גלוסט זיך מיר שרײַען:
ווי בין איך מעקאנע דעם מענטשן דעם פרײַען!

1938

וועגן פלוימען

וועגן די פלוימען, זייער „הויכגעבאָרן“,
איז נאָך דאָס וואָרט ניט געזאָגט געוואָרן.
ס׳וועט אמאָל ליכטיק א קלונג טון אין רוים
וועגן ווונדער פון שעפונג, דער אונגערשער פלוים,
וועגן אָדערלעך דינע אין לײַביקן שוואם,
וועגן בלויקײַט פון הויט און פײַנקײַט פון טאם,
וועגן קילקײַט, וואָס לעבט ארום קערל,
וועגן דעם, ווי דער אָוונט באהויכט זיי מיט פערל,
וועגן דעם, ווי באזונדערס סע קושט זיי די זון.
דאָס ליבגעזאַנג זיי — א קלונג וועט ערשט טון.

אזוי איז די מיינונג פון ווערעמל ווײַס,
וואָס זיצט אינעם הארץ פון דער פלוים און פארבײַסט,
פארברענגט דאָרט און פילט דאָרט דעם עמעסן טאם,
און זאָגט עס דער וואָרעם — איז ווייסט ער מיסטאם!

1940

די פרוכט און די ביימער

מע טראָגט אַרײַן די פרוכט אין שטוב,
מע לאָזט דעם סאָד אין דרויסן,
סע כאַפּט אים אָן דער ווינט באַם טשוב
און טוט צו דר'ערד אים שטויסן.

מע עסט די פרוכט געקאָכט צי רוי,
צי באָדט זי זיך אין זאַפט פון סלוי,
צי שטיל אין טיפער פלאַש פאַרברענגט,
מיט זאַמד פאַרדעקט, מיט ספּירט פאַרשווענקט,
צי ליגט זי גאָר אין וואַזעס גרויסע —
און נאָר דער סאָד — ער בלײַבט אין דרויסן.

און רעגן אַף די ביימער גיסט,
און צוגעקילט, ער הוסט און ניסט.
— מיר וואָלטן זיך צעלאָפן גיך,
האָט יעדער נאָר איין פוס בא זיך.
אוי, נעמט אונדז אויך אין שטוב אַרײַן,
מיר ווילן אויך מיט קינדער זײַן,
סע קומט באַנאַכט דער פראָסט נאָך אָן!..

וואָס קאָן מען פאַר די ביימער טאָן?
פאַרבינדט מען זיי די פיס מיט זעק,
און ווײַסער שנײַ די קעפּ באַדעקט.

1929

דער רעגנבויגן

געשענקט קאָרניי טשוקאָווסקין

איך האָב אײַך אין קאַלינינדאָרף געזען, מײַנע פֿרײַנט,
און שטאָלץ מיט אײַך, מיט אײַער ווערק, איך וועל אײַך פֿאַרגעדענקען.
וואָס האָט איר דען געטאָן אַזוינס דער ערד, וואָס זי צעשײַנט,
וואָס זי האָט זיך צעלאָזט אַזוי איר גאַנצע גוטס אײַך שענקען?!

מײַן מאַמען כ׳האָב באַגעגנט דאָ אין פֿרײַדאָרפֿער קאָלווירט,
ניט וויכטיק, ווי מע רופֿט זי, אַ געזונט אין איר געביין.
איר זון בין איך, און טײַער איר, כאָטש ניט פֿון איר געבוירט,
און זי איז האַרציק־טײַער מיר, צום האַרצן ביז געוויין.

מײַן שוועסטער איז אַ־די, וואָס כ׳האָב אין ווײַנגאָרטן געטראָפֿן,
איך האָב מיט איר באַקענט זיך דאָ, איר מי געזען אין בליט.
ווי מוטיק איז די פֿרוי בא אונדז! איר האַרץ איז שטאָלץ און אָפֿן,
פֿון זינט איך האָב גערעדט מיט איר, איז שטאָלצער קלינגט מײַן ליד.

אַ רעגן איז אַראָפּגעפֿאַלן שווער, ווי מיט אַ ראָד,
האָט דורכגעיאָגט, אַרײַנגעקנאַקט, וווהין מע קאָן נאָר קריכן,
סע אָטעמט אָפּ די ערד, אַזוי צעפּאַרעט פֿון דער באָד,
צעלייגט זי זיך און טריקנט זיך די הייס־צעשווענקטע דיכן.

און באַלד די ערד אַ כאַפּ זיך אויף און אופגעקלאַפּט די אויגן,
באַ ביידע עקן רעגנבויגן נעמט די ערד זיך אָן
און וויגט זיך, און פון וויגן זיך צעשמעקן זיך די סטויגן,
די ריוון און די ראַכוועסן מיט מיאַטע און מיט מאָן.

די מעלקערן קאָלווירטלערן אַ רעגע שטייט און קלערט,
שוין אַלע וואָלקנס אָפּגעגאַן — אַלץ פרייַער ווערט און קלערער.
באַ ביידע עקן רעגנבויגן האַלט זיך אָן די ערד
און הוידעט זיך, און איר מיט איר, און איך מיט אייַך, כאַווייריִם.

1938

רויערד

פעסטער די לאָפּעטע
אין די הענט!
ס'האָט ערשט זיך די ערד
מיט אײַזן באקענט.

זי ווערט זיך מיט פּניאָקעס,
זי ברעכט זיך און לעכצט
און לייגט אונטער שטיינער
און ביינער, זי קרעכצט.

זי לאָזט זיך ניט נעמען!
דאָס אײַזן זי קלעפּט!
צו זיך מיט אקשאָנעס
דאָס אײַזן זי שלעפּט!

די לאָפּעטע אָבער —
זי שנײַדט ווי א שווערד,
זי וויל דאָ ניט שוינען
ניט זיך, ניט די ערד.

און איינער דעם צווייטן
זיי טרעטן ניט אָפּ,
נאָר מיר טרעט די ערד
און די לאָפּעטע אָפּ.
איך גראָב אַלץ און גראָב.

1943

בערעזע קרויזלקאָפּ

די יאָדלעס יאָלדן רינגלען די בערעזע אום,
זיי טוליען זיך צו איר און דארן.
נאָר קרויזלקאָפּ וויל וואקסן פרײַ, די סאמע זון
די זאפטן אירע זאָל א סארפע טון.
און איר איז ענג — פון יאָדלשן געדרענג —
נו, זאָל דאָס מיך ניט ארן?

מײַן האק איז שארף, מײַן פּאָך איז שווער,
וואָס פאלש פארייניקט איז — צעשיידט זיך.
איך גיב דעם פלאם אָפּ, וואָס צום פלאם געהער,
די וווּנדן קיל איך מיט א הויפן ערד,
און ליכטיק ארום קרויזלקאָפּ סע ווערט —
צו אלע עקן וועלט זי קוקט און פרייט זיך.

1939

אין פעלד

סע גייט אוועק דער פאסטעך מיט די שאָף,
סע קומט אָן די לעוואָנע מיט די שטערן.
דאָס הימל־פעלד איז גרויס, איז אָן א סאָף,
די שטערן פאשען זיך, ביז גרויס זיי ווערן.

סע וויגט זיך אף כידושים דער קאָמבייַן —
ער שלעפּט אף זיך די שאָטנס פונעם אָוונט,
סע טוט אים אויס צוריק די העלע שייַן,
די לאָמפּן־קייט, וואָס הענגט איבער אים נאָענט.

א נייַער אומבייַט קומט, א פרישער פלייץ
פון מענטשן אפן פעלד צעגייט זיך.
פון זאנגען־קעפּ זיי שאפן בערג מיט ווייץ,
זיי שיטן ווייץ, און ווייץ אין שיטן פרייט זיך.

סע גייט אוועק פון הימל־פעלד צום סאָף —
צוריק גייט אָפּ לעוואָנע מיט די שטערן.
און ווידער קומט דער פאסטעך מיט די שאָף
אף פאשען זיי צו זעט און פעט צו ווערן.

1938

א לויב

ווי זאָל איך ניט לויבן יענעם, גאָר דעם ערשטן שטויס,
ווען פון דאמף און נעפּל־וואָלקן איז די ערד ארויס,
און דעם לייב צוליב שיינקייט געבוירן, צוליב מילך — די קי,
צוליב שפּאס — דעם העלפאנד, צוליב פרישקייט — דעם פרי.

נאָכדעם דעם מאן און ס׳ווייב צום לעבן און צום ליבן,
און אומיסטן ניט קיין האק און ניט קיין פליגל זיי געגעבן,
נאָר א פייגעלע א קליינס זיי באזעצט אינעם קאָפּ:
און אליין מאכט א האק, אליין טאָקט פליגל אייך אָפּ.

נעמט זי, די וועלט, אין די הענט און מאכט זי אייך בעסער,
און איז זי אייך ענג, איז פליט און מאכט זי אייך גרעסער!

און נאָך דערפאר וועל איך רימען יענעם ערשטן שטויס —
ווייל איבער אים ביסטו און איך אף דער וועלט ארויס.

און סאמע ווו? — אף דער בעסטער פון אלע זייטן!
און סאמע ווען? — אין דער שענסטער פון אלע צייטן!

1938

דאָס הויז

מיסטאָם די מוירע צו באַפאַלן ווערן אינעם שלאָף
האָט דעם באַלכיי געיאָגט א נעסט זיך בויען,
אַף אָפּגעטיילט זײַן פונעם רוים מיט פעסטן שטאָף,
דעם פעסטן שטאָף די שאָ פון שוואַכקײַט צו פאַרטרויען.

דער דראַנג צו אײַנפלאַנצן א נײַע צווײַג אין שטאַם,
דעם העכסטן לוין געניסן, דעם העכסטן טײַנעג — ליבע —
האָט אויך געמאָנט: פון אַלץ אין וועלט זײַן אָפּגעצאַמט,
אויך דאָס האָט בויען זיך א נעסט געטריבן.

* * *

און מיר, פון זינט אָן מיר האָבן דערקענט,
ווי וווּנדער־רײַך עס גלאַנצט די וועלט
מיט אירע בערג און גריבער,
און גראָד, אַז אין די נעכט
דער שטערן־אויצער בלענדט,
און גראָד, אַז אַף דער דלאָניע
ווערט דער מין פון ווייץ דערקענט,
ווען דאַפּקע אָפּגעזונדערט פונעם זאַק

מע קוקט אים איבער, —
און ווײַל מיר ווייסן דאָס, דעריבער
איז אונדז דאָס הויז, די אייגענע פיר ווענט —
נאָך נייטיקער, נאָך האַרציקער, נאָך ליבער!..

1946

2–1953

דער ערשטער זינגער

פאַרבאָרגן צווישןביימער
אין בלעטערשן געמיש,
דאָרט צוויטשט דער ערשטער צוויטשער
אַזוי באַהאַרצט און פריש.
ער צוויטשעט אַזוי מונטער,
כאָטש קיינער האַלט ניט אונטער:
צוויטש!

איך זע דיך ניט, איך ווייס ניט,
פון וואַנען, ווער דו ביסט,
איך הער אָבער, ווי מונטער
דײַן צוויטשען וועקט און גריסט.
איך הער, און ס'מאַכט מיך מונטער,
און כ'האַלט מיט האַרץ דיך אונטער:
צוויטש!

איך ווייס, ביסט ניט קיין אָדלער,
קיין וואָלקנס ברעכסטו ניט.
געוויס איז ווײַט דײַן צוויטשען
פון נאַכטיגאַלס אַ ליד.
נאָר ווײַל ביסט פלײַסיק, מונטער,

האַלט אויך דער וואַלד דיך אונטער:
צוויטש!

און כאַטש דו ביסט אַ ברעקל,
מיסטאָם אַ צוויטש די גרייס,
דאָך הערט די גאַנצע וועלט דיך,
ווען גיסט דײַן האַרץ איר אויס,
די גאַנצע וועלט ווערט מונטער
און האַלט דעם זינגער אונטער:
צוויטש!

1944

פרײַנטשאַפט

קוקורוזע און סאָנישניק
וואַקסן אין שכײנעס,
א זומער א גאַנצן
פאַרברענגט מען אינײנעם.

פאַפּעשוי — א פאַרהילטע,
און סאָנישניק — אָפן.
א קאָפּ בײַ א קעפּל —
אין וואַכן, אין שלאָפן.

א זומער א גאַנצן
אין װוּנדער פאַרברענגט מען,
מע בראָט זיך אין היצן,
אין רעגנס מע שװענקט זיך.

געבענטשטע מיט פעסטקײַט
פון הימל און ערד,
מיט קערנער געפּרעסטע
באַזעצטע מע ווערט.

אײַן קאָפּ איז אַ שוואַרצער,
מיט געלן באַברעמט,
דער צװײטער — אײַן װיקעלעך
פּעסט פֿאַרקלעמט.

מע װערט מיט דער שעפּע
אַזױ שױן פֿאַרשטאָפּט,
אַז מע בענקט נאָך דער האַנט,
װעלכע דרײט זײ אַראָפּ...

1945

די זון האָט פאַרשפּעטיקט

די זון האָט פאַרשפּעטיקט —
איז טונקל דער טאָג,
די זון האָט פאַרשפּעטיקט —
פאַרשפּעטיקט דער זומער,
צוויקן די הינדלעך
אין זיפּל פאַרקלאָגט,
די נעבעכלעך צוויקן פאַרומערט.

זיי האָבן זיך ערשט אַף די פּיסלעך געשטעלט,
און אַלץ, וואָס מע ווייסט, איז אַ צוויקע צו טון,
זיי ווייסן נאָך ניט, אַז ס׳איז דאָ אַף דער וועלט
אַ וואַרעמע, ליכטיקע זון!

דאָס ווייסן די ביימלעך,
וואָס אָקאָרשט פאַרפלאַנצט.
עס שמיצט זיי דער רעגן,
דאָך פרייַלעך מע גלאַנצט,
מע קרעכצט, — נאָר די כעדוועו
דאָך ווערט ניט פאַרשטערט,
דער איקער איז האַלטן זיך
פעסט אין דער ערד!

עס שלייַדערט, עס שויבערט,
עס לייגט זיי שיר אויס, —

איז וואָס? אלץ קעדייַ איז,
די זון מוז ארויס!
זיי ווייסן די קונצן,
דאָס לאָזט זיך גיך אויס!
די זון מוז זיך ווייַזן,
די זון מוז ארויס!

1946

נאָכן הייסן שניט

בלאָטע־טיאָפּקענדיקער דרויסן,
סע קומט פון הארבסט דער טונק׳לער אָל,
די פּײַערלעך פון זאכן, פון גערוישן
ווערן שמעלער, ענגער.
געשלאָגן קלינגט דאָס קאָל
און קאָן צוריק קיין ווידערקאָל ניט ברענגען.

שליאָפּ־שליאָפּ,
איידלער שוך פון שטאָט
א שטיקל שטיינדל טאפּט.
און רעגן אויף די ראָגן בייז איז.
ווינט א בייזער,
און קאטער, דער קאטער, דער שטאָטישער העלד,
פארפארעט די נעזער.

די שיך,
פארקײַלעכדיקט פון בלאָטע,
ווי די פלעצל־טעך,
טעלעפּען זיי אין קאלטער נעץ...

נאָר ס׳איז מיר ליב דער אָל פון הארבסט,
סע פרייט מײַן בלוט,

סע פרייט און קוויקט,
ווײַל לאנד מײַנס,
לאנד מײַנס —
— ברייטס און שטארקס
נאָך הייסן שניט
זיך קילן דארף,
זיך גרייטן דארף
פאר נײַער שארף
פון הייסער זון און הייסן שניט.

שפרינגט אריבער איבער שטאָט מײַן אויג,
מײַן ניכטער אויג,
צום פעלד, צום סטויג,
צום יונגן יִשעוו,
צום ווײַטן אייגנס,
צו גרויער זאָרג פון סטעפּעס הארטע,
וואָס לערנען איצט דעם טאָג פון רעגן:
צי ברענגט עס גוטס פאר אונדזערטוועגן,
אף אקער־פעלד,
אף זאמד,
אף סטעפּ,
אף אונדזער גרויס סאָוועטיש לאנד!

1937

געאָרגינען

די גראָזן ליגן קוטשעסווייִז
אין אָפּגעקילטן שוויס נאָך זומער,
שוין איינגעזייערט איז די ערד
אף הארבסט־געשמאקן זאפט.
דער דאך האָט, ווי די מיל,
נאָך אָפטן זומערדיקן שטומען
מיט אלע רינוועס פיר
א רייד געטאָן מיט קראפט.

איך גראָב די געאָרגינעס אויס.
באם הייפטל — פרישע וואָרצלען שטעקן.
ווי כאזערלעך זיי שטופּן זיך
צו זייער מוטערס ציץ.
באם אָפּטרייסלען פון זיי די ערד
דערזע איך ברוינע ווערעם־עקן,
וואָס צאפּלען שערעצדיק,
אופגערעגט פון מיינע שמיץ.

אין סאמע כּיִעס זיך אריינגעקוועטשט,
אוי, ווערעם, מארך־געניסער!

און איך אף וואָס בין דאָ?!
אף וואָס דאָ קלאפּט א הארץ?!
נעמט אָן דעם מישפּעט מײַנעם,
באקומט די מיסע —
פאר מאָרדן, גאזלענען,
פאר לעסטערן דאָס צארטס!

1946

ערשטער הארבסט־טאָג

לעצטע זומער־טעג,
איינער פון צווייטן שענער.
סע לויפן אין דרויסן
אין קורצינקע הויזן
אויסגעוואקסענע הענער.

הינדעלעך פּיקן ניט מער
מיט דער קוואָקע,
פּיקן אליין שוין
און שפּרינגען און האָקען.
איבער די גאסן,
איבער דעם ליקל
שפּרינגען זיי דורך
דאָס שמאָלינקע בריקל.

פּיסלעך מיט בענדלעך
שארן דעם וועג.
הינדעלעך און הענדלעך —
זוניקע טעג.

אָבער א נאכט,
א נאכט א שווערע,

קומט און מאָנט:
הארבסט זאָל ווערן!

קומט אזא נאכט
מיט ראש און קויעך,
פאלט אָן די נאכט
און שפאלט דעם מויעך,

קרעכצן די ביימער,
הירזשען די פערד,
קרעכצט די ערד.

— אף מאָרגן דער דרויסן
אין וואָלקן־געיאָג:
— דער אָנהייב פון אָסיען
ערשטער טאָג.

1935

א רעגן פֿארנאכט

דער הימל — איין גרויסער אָנבראָגיקער רעגן,
גיסט אָף דער ערד אָפּ
דאָס גרויע פֿארמעגן,
נאָס ביז דער שוועל.
זעט אויס די שטאָט
דורך שויבן פֿאַרשוויצטע —
א קרום צעקריצט געמעל.

די מאמע דעם קינד האָט געזאָגט:
ס׳איז פֿארקילט.
זיצט עס א שטילינקס
און, זיצנדיק, שפּילט.
שטיל, ווי א קעצל, דאָס שפּילכל באקוקט.

און אונטן, פון אונטער א טויער,
קינדיש א קעצעלע קלאָגט,
קלאָגט, וואָס סע קאָן ניט אוועק

פון אונטערן טויער,
פון טרוקענעם פלעק.

מיסטאמע דאכט זיך זיי ביידן —
די זון איז דערטרונקען אין רעגן.

1936

די אַלטע מורעשקעס אַין הארבסט

דער זומער גייט צו ענד.
א ווינט צעקעמט מיט הארטן קאם
אין בייזע הענט
דעם טײַך — ביז מוטנע ספערן,
דאָס גראָז — ביז דאר צו ווערן.

ווו איז דער מוט, די האָזע
פון קריכערלעך,
פון שפּרינגערלעך
אין גרינער וועלט פון גראָזן?
ווער ס׳האָט זיך געעקט,
ווער אין שלאָף אוועק,
און ווער — אין רײַזעס זיך געלאָזן.

סע דרייט זיך אום א מורעשקע אליין,
דער בלאט איז דאפקע גאנץ נאָך, שיין.
נאָר קיינעם טרעפט זי דאָ ניט, קיינעם,
כאָטש נעם און דריי זיך דאָ אליין אום.

אנו, א ברעקל זון זאָל בראָטן! —
נאָך דאפקע שיין דער בלאט, נאָר הוילע שאָטן.

זי טרעפט, די מורעשקע, א צווייטע,
זי שטעלט זי אָפּ, דערפרעגט זיך, פרייט זיך:
— פאַרוואָס א דאַרינקע אזא, נו, זאָג שוין, נו?..
און יענע ענטפערט איר:
— און דו?

1939

און ווידער

ערשט צוויי — דרײַ כאַדאָשים צוריק
בין איך דאָ געווען אין די ערטער,
אַדאָרט האָב איך בעזעמס געפּליקט,
און גראָז האָט אַ קוואַל זיך געשטיקט
פֿון פֿרײלעכן פֿרישן געלעכטער.

און זון־בלומען האָבן די קעפּ
אָן דאָרט, ווי אַן אײדע כאַכאָמים,
אױף טרוקענע שטעקנס געשטרעקט.
און דאָרט האָבן שניטערס געשעפּט
פֿון פֿעלד־יאַם דאָס ברויט און די בסאָמים.

און איצט איז דאָ ווײַס מיטאַמאָל,
ווי אַלץ וואָלט געשען אין אַ מײַסע:
אַווו איז דאָס בונטקײַט פֿון טאָל,
דער פֿעלד־ראַש, די ריוועס אָן צאָל,
אַז אַלץ איז איין דרימלענדע ווײַסקײַט.

אין אָפּרו, אין שלאָף האָט די ערד
פֿאַרגראָבן זיך טיף הינטער שנייען.
אין יוירן, אין טראָגן פֿאַרקלערט,

זי שטאַרקט זיך אָפּ בײַ אונדז דערפֿרײען,
זי זעט אונדז אין טרוים און באַגערט,
מיר זאָלן זי גראָבן און זײען.

איז שלאָף דיר געזונט־ינקערהייט,
אַ בראָכע אין יעדער דײַן זעמדל.
מיט דיר איז, מיט דיר קינד־און־קייט:
אויף גליטשערס, אויף ליזשעס צעשפּרייט,
זיי שיסן פֿון רינוועס די סטרעמפּלעך,
זיי שטרעקן זיך אויס אויף דײַן ברייט —
אויף שנײַ דײַנעם מענטשעלעך שטעמפּלען!

1940

די זונען־שײַן

א קלייניקײַט די זונען־שײַן!
אפילע אײַז־צעפלעך פון דעכער,
ווי לויטערע קרישטאָלן־בעכער,
צעפינקלען זיך,
ווען ס׳קומט אין זיי א שטראל ארײַן.

און כאָטש צעגיין איז זיי באשערט,
ארײַנטריפן אין ברודיק ריטשקעלע
אף דר׳ערד, —
דאָך קלינגט א פרייד
אין זייער טריפן:
אונדז האָט די זון אדורכגעשליפן!

1948

א ווינטער־בילד

א זעגמיל שורשעט מיט דער זעג
באַם ווינטער־וואַלד דעם זוניק־ווייַסן.
עס קלאַפּן העק,
און ראָבן שטעלן זיך אַוועק
אין הויף בײַ פרישן מיסט צום איבערבײַסן.

אין יעדער הויף קימאַט איך טרעף
א קינד מיט אַרבעט זיך באַשעפטיקט,
אין זעלבן סוק א ייִנגל טרעפט
און ווערט ניט מיד צו שלעפּן העפטיק
די האַק פון סוק, וואָס האַלט זיך קרעפטיק,
אין קלעם באַהעפט.

דער טאָג איז אָנגעצויגן פול פון ראַנד ביז ראַנד
מיט שײַנער מי אין ראַכוועסדיקן לאַנד,
ווי אָנגעצויגן ס'איז א וויִאָלאָנטשעל מיט ניגן,
און איך, מיט ווערקצײַג אין דער האַנט,
גיב אויך זיך אָפּ דעם פאַרגעניגן.

1946

געצײַג

אך, איז דאָ א האק באם שאָכן מײַנעם בעני שענקער,
נאָך אזא מין האק איך טו דאָך שטענדיק בענקען.
נאָך אזא מין גרינגער שווערקײַט, נאָך אזא מין שארף,
מיט אזא מין טיפן אײַנבײַס — פונקט ווי איך באדארף.

סאָסנע בראָקט זי ווי די לאָקשן, יאָדלעס שניצט זי גרינג,
ווי דער כאַלעף בא דער באָרד איז זי אײדל, פלינק,
ווי מע שנײַדט א קאָרנלעקעך, שנײַדט זי פרישן דעמב,
גלײַכסט א טיש מיט איר ארום, ווי מיט דער שער א העמד.

כ'האָב געהאלטן אין די הענט זי, האָט זי מיר געשפילט.
אפן האָלץ די ווונטשן מײַנע אלע אויסגעפילט.
אויסגעפילט און אויסגעשפילט און אויסגעטאנצט און שטראלט.
ווער סע האָט אזא מין האק — איז יענעמס דאָך דער וואלד!
טוט מען אזא הייב מיט איר, א פאָכע, ווען מע דארף,
אוי, בין איך דעם פרײַנט מעקאנע, וואָס זײַן האק איז שארף!

ס'האָט זיך זייער ניט געוואָלט מיר מיט דער האק צעשיידן,
נאָר צעשיידן פאָרט געמוזט זיך — לײַט זאָלן ניט ריידן:
„פאר א האק אן אייגענער דארף א מענטש זיך זאָרגן!"
א געמוטשעט לעבן איז א האק בא יענעם באָרגן.

1946

גאָטס בעהיימעלע

זע, א האלבינק קערעלע א רויטס,
און שווארץ, אווו ס׳איז דער יאָדער...
זיבן פּינטעלעך... ס׳א זשוק גאָר! ס׳איז טויט?
שלאָפט עס? פוילט זיך? אָדער?..

ווי זשע קומט עס איצט אין הויז,
סאמע איצט אום ווינטער,
דאָס גאָטס בעהיימעלע א רויטס,
און ווי קומט עס לעבן טינטער?

אין א שאָל, אף וואטע כ׳זעץ עס אוועק,
און פּעטרישקע, כאָטש עפּעס גרינס, אהין איך לייג, —
טאָמער שלאָפט עס טאקע — שלאָפט בעשאָלעם —
זאָל דער פרילינג קומען דעם צו כאָלעם.

ס׳וועט פארשלאָפן, נעבעך, אלע יאָמטעווס:
סײַ דאָס גליטשן, סײַ דאָס שליטלען
און דאָס נײַ־יאָר מיט די יאָלקעס,
זיידעס — פרעסט אין הויכע היטלען...

אין דער שאָל, בא וואטע — פּעטרישקע אין שוץ
וועט עס שלאָפן, ביז ס׳וועט ווערן ווארעם...
ווי פארשלאָפּט מען אזא גוטס,
גאָטס בעהיימעלע דו נארישס!

1946

איז זאָאָגאָרטן

מיט רעכט באַוווּנדערסטו דעם לייב —
ווי אומבאַרירט ער איז, ווי ציכטיק!
ווי סראָרעדיק דעם קאָפּ א הייב,
און ווי זײַן עק־פּראַנדז טוט א שוועב,
און ווי זײַן מאַלכעס־פּעל איז ליכטיק!

אַרופֿלייגן די האַנט כ׳פּאַרלאַנג
אַף זײַנע אויגאַנעס, וואָס גליִען,
איך וויל דערפּילן יענעם דראַנג,
וואָס א פּייגעלע דערלאַנגט,
ווען פון דער האַנט סע רײַסט זיך פּליִען.

און ווען דער לייב דערלאַנגט זײַן ברום —
דערציטער איך, — די וועלט צערוקט ער.
ער רוקט אַראָפּ צו דר׳ערד די זון,
ער דרייט צו זיך די מידבערס אום.
מיט לייבן־קוק די וועלט באַקוקט ער.

און מיטאַמאָל, מיר ווײַזט זיך אויס,
ער טוט פון שטײַג א שפּרונג אַרויס,

באַרירט מײַן לײַב מיט זײַגע ליפּן.
און ווען קיין סטרוזש וואָלט ניט געווען,
וואָלט מיט די קינדער שלעכטס געשען,
און מיר געפעלט וואָלט א פּאָר ריפּן!

1934

די עלטער

אין באָד איז מיר צו הייס, אין יאַם איז מיר צו קאַלט,
מע זאָגט, אין מײַנע יאָר איז מען א קאַפּל דול.
דעם עמער דאָך פון ברונעם איך דערשלעפּ נאָך פול,
און גלײַך און פעסט אים אין דער האַנט איך האַלט.

אום זומער שלאָף איך נאָר אין דרויסן, דאָס איז עכט,
און איך באַדויער אַלע מאָל איין זאַך,
וואָס איך האָב דורכגעלאָזן אין מײַן לעבן נעכט
און אויסגעשלאָפן זיי אונטער א דאַך.

מיך אַרט דען, וואָס צו לאַנג דעם ביסן איך באַטראַכט,
צי קומט ער אין מײַן מויל ווי שטיין, צי ווייך ווי מאָך?
און ס׳אַרט מיך ניט, וואָס זאַכן, וואָס פון זיי מע לאַכט,
דערזע איך שוין ניט בוילעט זייער לעכערלעכן טאָך.

וואָס יאָ מיך אַרט און שרעקט מיך אַלץ — איז דאָס:
דער ווײַנשל־בוים, וואָס כ׳האָב פאַרפלאַנצט,
אָט דער, וואָס טראָגט די ווײַנשל פון א היפשער מאָס,
די זיסע און די שטײַפע מיטן פלאַמעדיקן גלאַנץ,

וואָס אָט דער ווײַנשל־בוים, גלײַך ער וואָלט פּיס פאַרמאָגט,
גייט אָפּ פון יאָר צו יאָר אַלץ ווײַטער פון זײַן אָרט.
דאָס זע איך דאָך בעכוש, מיט צייכנס, ווי ס׳איז טאָג,
עס גלייבט זיך קוים, און דאָך — אַזוי דאָך איז עס פּאָרט!..

אָט הײַנטיקס יאָר האָב איך געמוזט שוין לויפן ווײַט,
ווען ס׳האָט מיך אַ פאַרנאַכט נאָך ווײַנשל שטאַרק פאַרקלעמט.
די ווײַנשל האָבן איבערגעוואַנקען זיך פאַרשײַט,
וואָס כ׳האָב דאָס נײַע אָרט שוין ווידער ניט דערקענט...

1938

די וויג

צו מיר איז אָנגעקומען,
אַז מ׳האָט אָפּגעשאפּט דאָס וויגן,
מע האלט, אַז געזינטער איז,
סע זאָל דאָס קינד פארגליווערט ליגן.
איך גלייב דער וועלט — זי איז גערעכט מיסטאם,
און מיר ליגט נאָך ביז היינט די וויג אין טאם.

מיט צוגעמאכטע אויגן
איינהערן דאָס קאָל פון מאמען,
סע פליסט פון רייַנסטן קוואל,
פונוואנען דייַנע טרוימען שטאמען.
זי וויגט די וויג, באוועגט מיך מיט דער וועלט,
וואָס כ׳האָב אליין מיט אויגלעפּלעך פארשטעלט.

כ׳זאָל זייַן א קינד, וואָלט איך דערקלערט א קריג,
אַז לעבן זאָל די וויג!

1937

זומער פאַרטאָג

דער טאָג באַגינט,
דער טוי אויף גרינס,
אויף גרינס, אויף גראָז.
עס פינקלען ראָז
די שפּיצן פון סעדער.
א קאפּעלע זון
אויף יעדער
בוים און בלום.

שטאַרן שרייַען
אין אַ ראָד:
„ניטאָ קיין ווערעמלעך
אין סאָד!“
די סעדער
אָפּגעשיט מיט פּרוכט.
אָט פּרוווט,
א ווערעמל זוכט
אין גאַנצער סוויווע,
דאָס זייַנען סעדער קאָלעקטיווע.

די סעדער פֿול מיט פֿרוכטן
אַף דורך און דורך,
טו אַ צווײַג אַ שטורך —
וועט זיך נעמען שיטן!

ניטע!
זײַ האַלטן נאָך אין וווקס —
אין סאַמע מיטן.

1938

מיר שיטן בעסטן אָפּקלײַב

מיר שיטן בעסטן אָפּקלײַב,
בעסטן װײץ און גערשטן,
אונדזער לאַנד — דאָס פּרײדיקסטע,
אונדזער לאַנד — דאָס ערשטע!

טיפער אונדזער אקער,
ברייטער דעם פארזיי!
די זין די רויטע היטן אונדז,
די העלדישע ארמיי!

מיר גרייטן רײנעם האָבער,
באוול, טיי און קאָרן;
אונדז — א גרויס גערעטעניש,
דעם פײַנט — אין אויג א דאָרן!

טיפער אונדזער אקער,
ברייטער דעם פארזיי!
די זין די טרײַע היטן אונדז,
די העלדישע ארמיי!

און איבער הויכע פעלדער
פידלען ווינטן לינדע,
אוי, סע וואקסן קינדערלעך,
אוי, סע וואקסן רינדער!

טיפער אונדזער אקער,
ברייטער דעם פארזיי!
די זין די רויטע היטן אונדז,
די העלדישע ארמיי!

און אויב סע וועט זיך טרעפן,
אויב מע וועט באדארפן, —
בײַטן מיר דעם אקער־קלונג
אף א שווערד א שארפן!

טיפער אונדזער אקער,
ברייטער דעם פארזיי!
מיט זין מיט טרײַע גייען מיר,
מיט העלדישער ארמיי!

1925

יאָמטעוו

מיט פײַנערע טענער,
מיט שטאַרקערע טענער
גלוסט זיך א נעם טון
העכער און שענער,
גלוסט זיך א נעם טון דעם דרויסן באַם הארץ,
אזוי ווי די זון,
אַט דער בלענדנדער טעלער,
אין וויג פון בורשטינען,
אין לויטערקײַט העלער.

מיר — אף גרויסע וואַסערן,
אפן הויכן יאַם,
אף ווײַטן שווים אנטשלאָסענע,
דורכן ווינט און שווינד — מאַטראָסן מיר,
מיר — דער קאַפּיטאַן!

ווי וואָגיקע פּיירעס —
צעצוויטעטע ווערטער,
פון גרענעץ צו גרענעץ,
פון יאַמים ביז גערטנער
יאָמטעווט דעם יאָמטעוו דאָס אײַזן, דאָס ברויט.

פאבריק־הענט און פעלד־הענט,
און בויער און בערגער
זעצן די פאָן
אין די הייכן באַגערטע!

מיר — אף גרויסע וואסערן,
אפן הויכן יאם,
אף וויַיטן שווים אנטשלאָסענע,
דורך ווינט און שווינד — מאטראָסן מיר,
מיר — דער קאפיטאן!

1926

געזאַנגען

אומרו

•

און ס׳טרעפט באנאכט, אין שלאָף, זי הערט,
איך דריי זיך אַלץ און קאָן ניט שלאָפן,
פון מאָל צו מאָל מײַן בעטל קרעכצט,
סע רעדט צו איר פון עפּעס שלעכטס,
מיט אומרו ווערט איר האַרץ פאַרלאָפן.

זי כאַפּט זיך מיט איר שלאָף צו ראַנגלען,
איר יונגער שלאָף איז קלעפּיק־זיס,
און קלעמט די אויגן, קלעמט די אַנגלען,
נאָר ס׳שטעלן זיך אַראָפּ די פיס
אין בלאָנדזשעניש צו מיר דערלאַנגען.

„איך קאָן ניט שלאָפן“, — זאָגט זי קוים
פון שטאַרקן שלאָף נאָך טרוימענד־שיקער.
זי שפּאַרט זיך צו אַף מײַן געלעגער
און גלעט מײַן קאָפּ און צו מיר רוימט —
און יאָגט פון זיך אַף מיר איר טרוים,
און יונגן שלאָף מיט רו דערקוויקטער
אין מײַן געמיט זי הויכט אַרײַן.

און זי ווערט וואַך. און איך שלאָף אײַן.

1946

א ליד אין דרײַ טיילן

1

איך האָב דיך ליב ביז גאָר, ביז גאָר,
ווי גלײַך כ׳האָב אליין דיך באַשאַפן,
אליין פון א שטאָף א באַזונדערן.
און לאנג דיר צוגעקליבן האָר,
איך זאָל מיט זיי די וועלט באַגאַפן,
און לאנג דיר צוגעקליבן אויגן
און איבער זיי צוויי שטרענגע בויגנס,
איך זאָל מיט זיי די וועלט באַוווּנדערן.

גליד בא גליד אזוי דיך צוגעקליבן —
אף שטענדיק לעבן און שטענדיק ליבן.

2

איך לויף צו דיר אין היצן און אין קרירעס,
ווי ס׳לויפט דער צוג געטרײַ אף זײַנע ווירעס.
קיין פלאָג, קיין שום פאַראַט דעם אָדלער פּרעסט.
ער באָדט אין וואָלקנס זיך און ליבט זײַן נעסט.
און העכער וואָלקנס נאָך און העכער רעגן
איך פלי אף הויכע אומבאַקאַנטע וועגן,
און ציִען ציט צום הויז פון שטיין און ליים —
ווײַל ווי דעם אָדלער איז מיר ליב מײַן היים.

3

צוזאמען, צוזאמען דרייען מיר די ראָד,
צוזאמען, צוזאמען פּליקן מיר אין סאָד,
טאנצן אין א ראָד,
פאָרן איבער יאמען —
אפילע די וויטעקן האָבן מיר צוזאמען.
צוזאמען, צוזאמען גייען מיר אין גאנג,
צוזאמען געשפּאנט פון פארלאנג צו דערלאנג,
זינגען איין געזאנג,
לייגן וועגן שיינע —
אפילע דאָס בענקען בענקען מיר אינײנעם.

איינציק און לײַביק און אלגעמיין —
נאָר דער טויט קומט צו יעדן אליין,
יעדן באזונדער רוימט ער אין אויער, —
און דאָס טוט מיר באנק, באנק אומגעהייער!..

1935

דו...

איך זע פונוויַיטן דיך מיט מענטשן ריידן,
ווי דו הערסט אויס, ווי דו שטימסט אײַן,
אָ, וויפֿל טיפֿער זין און אייד׳לע שײַן
אין שוויַיגן דײַנעם, אין דײַן וואָרט באשיידנס.
און וויפֿל ליכטיקײַט עס טראָגט אריַין
א שמייכל דײַנער אינעם ריידן.

דיך אָפּזוכן אין אוילעם, אין טונקל צי אין ליכטיק
צווישן פּענעמער, געשטאלטן פיל, דערזעען דיך —
מײַן גרונט און פעסטונג, מײַן שאָלעם־בונד מיט זיך!
צי וואָלט איך רעכט געהאט צו זאָגן אף זיך א י ך
און פילן, אז מײַן אָרט פארנעם איך ריכטיק,
ווען מיר וואָלט ניט באשערט געווען צו קענען דיך?

1946

דײַן נאָמען

בעטין

האָסט ניט קיין ראשיקן נאָמען,
האָסט אָרעמע פינגער, די קלענסטע — א ביסעלע קרום.
קינד מײַנס, מײַן קינד,
ווּ גייסטו אום?

פרויען אף גאסן, ווי וואלדישע שוואָמען.
ווּ גייסטו אום? ווּ גייסטו אום?
ווי שפּאנסטו איבער דעם פלאץ,
אז אווטאָס יאָגן אזויפיל ארום?

מײַן בלוט איז אונטער זיבן הויטן,
די הויטן זײַנען הארט.
דאָך פיל איך א זעלטן געפיל א צארטס,
פײַנסטע גערוכן, וואָס קוויקן און לײַטערן.

זאָג:
וועסט קיינמאָל פון מיר זיך שוין מער ניט
דערווײַטערן?..

1927

איך לעב ניט לויטן זיקאָרן

איך לעב ניט לויטן זיקאָרן —
איך לעב, ווען דו ביסט מיט מיר.
פון זינט ביסט אוועקגעפאָרן,
הענגט מײַן הארץ בא דער טיר.

זילבער מיט זילבער באגעגנט זיך —
טוט א קלונג,
אויג מיט אויג באגעגנט זיך —
טוט א פונק,
און דאָס הארץ דערבײַ א שפרונג...

זינט איך געדענק זיך, בין איך יונג —
ס'לאָזט ניט צורו מיך
דאָס שיינס, דאָס איידלס!
עס וועקט מיך, עס ווינקט, עס בלענדט,
עס טראָגט מײַנע הענט
באריירן דעם זון־אופגאנג,
די האנט א מיידלס.

פון זינט ביסט אוועקגעפאָרן,
הענגט מײַן הארץ בא דער טיר.

איך לעב ניט לויטן זיקאָרן —
איך לעב, ווען דו ביסט מיט מיר.
די שכיינעטעס שמייכלען און גאפן,
וואָס כ׳גיי אזוי אָפּט אין קיך.
איך שעם זיך צו זאָגן זיי אָפן,
אז דאָרטן זוך איך דיך,
אז דאָרטן אָטעמט דאָס ליכט
פון פרויען־הענט, וואָס רוימען,
ווי דײַנע די הוילע הענט.
איך גיי אף זיי קוקן און שטוינען —
ווען כ׳וואָלט זיי א גלעט טאָן געקענט!

1946

מיטוואָך...

באַגינענדיקער שימער.
רוט מײַן זויבערע אף קלאָרן בעט.
עס קוקט אַרײַן דער טאָג דער פרישער,
פאַלט זײַן שײַן אף אירע אויגן,
גלעט זיי, גלעט...

אין פאַרטאָגעדיקן שימער
עפנט זי די אויגן אוף,
טונקלען זיי מיט טונק׳לע פונקען
אף די פענצטער, אף די כפּייצים,
אויך אף מיר א פונק אַרוף...

פון אונטער קאָלדרע ריזלט שטיל
און קומט אַרויס א שמייכל;
קומט אף ליפּלעך,
וויגט זיך, שײַנט.
זי ציט מיר אויס א דרימלענד הענטל:
— איז יאָמטעוו הײַנט?..

אָ, מײַן פּעפּערקע, מײַן קליינע,
דו, מיט ווײַסע דרעמל־הענטלעך,

דו, מיט ליפּעלעך פּארבויגן —
ווילסט א יאָמטעוול, מײַן קינד?..
הײַנט איז מיטוואָך... פּראָסטער מיטוואָך
גראָד אצינד.

1918

שטיינער איינציקע

שטיינער איינציקע, מײַן קינד,
ציגל סטאָסנווײַז צעוואָרפֿן —
פאַר דער שוועל פון אונדזער מאָרגן,
פאַרן קרײַז פון אונדזער גליק.

מיט שמייכל דײַנס, מיט ארבעלעך פאַרשאַרט,
לאָמיר פורעמען דאָס גליק,
מיר האָבן ביידע בליִענדיקע יאָר
און געזונטע אָדערן מיט יונגן בלוט.

זע: איך פאַרוואַרף א קלעטערן־געשטעל,
מיט שטריק און ברעטער אײַנגעפּרעסט אין ווענט...
קינד, מיט דײַנע און מיט מײַנע הענט
וועלן מיר אויסטאָקן א שוועל...

שלאַנק וועט זײַן דער אויסגעבויטער טרוים,
ווי א גאָטיש טעמפּל־שפּיץ פאַרשפּיצט,
און מײַסע־בילדער אויסגעשניצט
אַף יעדער ראַם און יעדער זוים.

און שטעל דיר פאָר: איך בין דאָרט דאָ,
און שטעל דיר פאָר: דו ביסט דאָרט דאָ,

5*

אוןביידע — פאר דער ליוסטרעס פרייד,
אין שוימיק וועבעכץ אָנגעקליידט,
לייענען שטיל, אהין, צוריק,
ווי געטראָפּן ס׳האָט דאָס גליק...

און דו גלייבסט דאָרט יעדער וואָרט,
און איך גלייב דאָרט יעדער וואָרט.

1917

כ׳האָב געקליבן

כ׳האָב געקליבן, כ׳האָב געקליבן
אין מײַן האַרצן פרייד,
כ׳האָב באַהאַלטן, זי באַהאַלטן
שטילערהייט —
כ׳האָב געמיינט: די זון, פאַרגייען וועט זי רויט,
וועל איך קאָנען פאַר דיר שטייען
מיט מײַן פרייד.

איז דאָך אָבער זון פאַרגאַנגען אַזוי בלאַס,
שטיי איך עלנט מיט מײַן האַרצן אויף דער גאַס.
עפשער האָסטו, עפשער האָסטו דאָס געוווּסט,
אַז עס זאַמלט פרייד מײַן האַרץ אין ברוסט,
אַז פאַרגייען וועט די זון הײַנט בלאַס —
עפשער האָט פאַרגלוסט זיך דיר אַ שפּאַס,
דיר און זון עס האָט זיך דאָס פאַרגלוסט...

שטיי איך עלנט מיט מײַן האַרצן אויף דער גאַס...

1917

קום ניט, מײַן פרײַנט

פראָסט האָט מײַן קליאמקע געפּענטעט
און פראָסטיק פארכאסמעט מײַן טיר.
קאלטבלוטיק אף וועלט קוקט מײַן פענצטער,
אזוי סטאם זיך קוקט דאָס אף איר.

איך וויל איצטער קיינעם ניט זען,
איך וויל ניט, זאָלסט קומען, מײַן פרײַנט,
כ׳האָב געסט איצטער — אומעט און שטילקײַט,
מײַן הארץ איז פארנומען אף הײַנט.

קום מאָרגן... עפשער נאָך שפּעטער,
ווען ס׳וועט זיך פארהוילן אין בלעטער
מײַן בענקענדיק הארץ שוין צוריק.

וועסט טרעפן מײַן טיר דאן א גרינגע,
צוריק אויך מײַן שטימע די יונגע,
מײַן העפקערדיק פרײלעכן בליק...

1917

דײַן פערדל

האָסט דורכגעשוועבט אף דײַן פערדל
פאר מײַנעם א פענצטער,
מײַן שענסטער.
איך זוך דיך —
ביסט שוין ניט פאראנען,
נאָר אף די גרינע קאשטאנען
פיבערט דײַן אימפעט אף בלעטער,
און ס׳רייכערט דער שטויב פון די ברעטער,
וואָס רוען באם פארקן.

ווייסטו? מיר כאָלעמט זיך צארטקײַט,
די צארטקײַט, מיט וועלכער דו גלעטסט דײַן פערד —
זײַן האלדז און זײַן רוקן —
דײַן פערד!
כ׳וואָלט אין פאָרכט פאר אים בוקן,
די אנגסטן פארטרויען,
פארטרויען אין אויער:
„טראָגסט מײַן ליבן פאר מײַן הויז פארבײַ,
הייבסט אוף א ווינט נאָר
ווי א קנויל קורײַ,
וווהין זשע קומט מײַן ליבער אין אָוונט,

ווּ זײַן נאַכטלעגער טוט ער באַשטעלן?
ווייסט ער, ווי ס׳בענקען:
איך,
מײַנע שוועלן?..״

1918

א באַגעגעניש

אין מעטראָפּאָליטען, אין ווייכן בלענד,
אין ניקל ליכטיקן, ווי ריינסטער שפּיגל,
האָב איך דערזען אין אָפּשײַן אירע הענט,
זיי האָבן זיך א הייב געטאָן ווי פליגל.
ס׳האָט מיר דערמאָנט די יונגע יאָר —
ניט יענע יאָר פון בייזן וואָר,
נאָר די, וואָס כ׳האָב געזען אין בענקשאַפט־שפּיגל.

אין מעטראָפּאָליטען, אין ווייכן בלענד,
דאָרט הויכט א מילדע צוגלופּט פון טונעלן,
ס׳האָט אָפּגעהויכט איר קאָפּטל פונעם הענד
און אָנגעבלאָזן עס אין צוויי — דרײַ שטעלן.
ס׳האָט מיר דערמאָנט די יונגע יאָר —
ניט יענע יאָר פון בייזן וואָר,
נאָר די, ווען כ׳האָב געיאָגט אין טרוים אין שנעלן.

און איצט, אז כ׳האָב דערלעבט די יאָר,
דאָס הארץ איז פריש, דער קאָפּ איז קלאָר,
די יאָר, וואָס הייבן אויף די פיס צום טאנצן.

איך פּאַק אין שויב דעם שוים פון דײַנע האָר,
איך וואָג דאָרט זען, ווי דײַנע אויגן גלאַנצן.
מע גאַנוועט ניט דאָס גליק אין מײַנע יאָר,
און וואַרטן הייסט — פּאַרשפּעטיקן אינגאַנצן!

1938

וואַסיליסע

כ׳וועל צוּוואַרטן באַם פּלויט און זי באַגריסן,
די בראָנזענע באַלגאַרקע וואַסיליסע,
איך וועל זי וועגן בונטע ציכלעך פרעגן,
וויאַזוי זי פאַרבט זיי, ווי זי זוימט די ברעגן,
זי פרעגן, וועלכן ווייַנטרויב ליבט זי בעסער,
זי פרעגן, ווי די טשערעדע ווערט גרעסער,
זי פרעגן וועגן פּרעכטיקן קאָלווירט,
ווו זי דעם הויף פון שאָף און קעלבלעך פירט.
— וואַסיליסע, אויב איר׳ט ניט פאַרגעסן —
פירט צו מיר דאָס הינטל ביינער עסן...

כ׳וועל עסן ווייַנטרויב נאָר בא וואַסיליסען —
דאָס איז פון אַלע ווייַנטרויבן דער זיסטער.
כ׳וועל ריידן וועגן פּולקייַט פון די שטענגלעך
און ווי געדיכט די פולע טרויבן הענגען.
איך וועל זי פרעגן, צי סע פּאַסט איר קרעלן,
איר זאָגן, וועלכע אויגן מיר געפעלן,
און פרעגן, אין די בערג צי קאָן זי לויפן,
צי וועט מען ווייַנטרויבן ביז שפּעט פאַרקויפן.
— וואַסיליסע, אויב איר׳ט ניט פאַרגעסן —
ברענגט צו מיר דאָס הינטל ביינער עסן!

צו ווייַזן וועט זי מיך אין שטיבל פירן
די וואָל, מיט וואָס מ׳האָט זי געטאָן פרעמירן,
די וואָל פון ווייַסע שאָף מיט קרייַזלעך.
די שיינע ציין צעשייַנען באַם באַווייַזן
דעם שיין געשטריקטן טעפּיך, וואָס מיט פארבן
איז אָנגעלאָדן, ווי דער יאַם מיט קארבן.
און אָט איז אויבס געטריקנטע, אָט פּאָמידאָרן...
און וואסיליסעס בראָנזע־ברוסט איז הויך געוואָרן.
— וואסיליסע, אַף אַן עמעס, ניט פארגעסן —
ברענגט צו מיר דאָס הינטל ביינער עסן!

הייַנט טינקעוועט איר שטיבל וואסיליסע,
און נאָר אין רוקן קאָן איך זי באַגריסן.
איין האַנט סע קלעפּט, די צווייטע האַלט דעם לייטער,
איין קלוב איז נידעריקער פון דער צווייטער,
איך רעד צום הונט: „אַך, דו...‟ און קוק צו איר —
נאָר זי אין וואַנט פארטאָן, די וואַנט זי שמירט.
— אַך, וואסיליסע, איר וועט נאָך אים ניט בענקען?
איך נעם דעם הונט. איך אָוונט כ׳וועל אים ברענגען.

1939

א דועט

— זאָלן לאַכן אַלע,
זאָלן שפּעטן אַלע,
דו נאַר, דו, מײַן שײנע,
דו װעסט זײַן מײַן קאַלע!

— הײב אױף פון די אױגן,
הײב אַרױף דעם יאַלעם,
ס׳האָט זיך דיר געכאָלעמט,
כאָלעם בלײַבט אַ כאָלעם.

— איבער אַלע גריבער
װעל איך דיר אַריבער,
איבער אַלע הײכן
װעל איך דיך דערגרײכן,
הײ,
זינגערקע, שפּרינגערקע,
סאָלאָװײ!

ס׳טעלערל פון הימל
וועל איך דיר דערלאנגען,
וועל איך דיר דערלאנגען,
וואָס דו טוסט פארלאנגען!

— בעסער פון די סעדער
ברענג מיר א פּאָר עפּל,
ס׳טעלערל פון הימל
איז ליידיק ווי דײַן קעפּל.

— איבער אלע גריבער
וועל איך דיר אריבער,
איבער אלע הייכן
וועל איך דיך דערגרייכן,
היי,
זינגערקע, שפּרינגערקע,
סאָלאָוויי!

כ׳גיי דיר בלומען רײַסן,
וועלכע קיינמאָל וועלקן,
פויגל־מילעך זיסע
גיי איך פאר דיר מעלקן.

— אלע בלומען וועלקן,
וועלכע זאָלסט ניט רײַסן,
פויגל־מילעך, ווייס איך,
מעלקט מען אין א מײַסע.

— איבער אלע גריבער
וועל איך דיר אריבער,

איבער אלע הייכן
וועל איך דיך דערגרייכן,
היי,
זינגערקע, שפרינגערקע,
סאָלאָוויי!

1938

א ליבע־ליד

איך האָב די שילער
געפירט אַף שפּאַציר,
אוי, די נעשאָמע
טיאָכקעט אין מיר!

רײַט ער פאַרבײַ
און קוקט אזוי טריב.
ער האָט מיך ניט ליב —
זי האָט ער ליב!

זי האָט די שילער
געפירט אַף שפּאַציר,
איז ווי האָט ער פריילעך
געשמייכלט צו איר!..

כ'וואַרף אים א בלימל —
בלײַבט עס אַף דר'ערד.
צו איר נאָכן בלימל
שפּרינגט ער פון פערד...

איך האָב געטראָגן
די ערשטע די פאָן —
אוי, אז מײַן לעבן
הייבט זיך ערשט אָן!

רײַט ער פארבײַ
און קוקט אזוי טריב.
ער האָט מיך ניט ליב —
זי האָט ער ליב!

זי האָט געטראָגן
די צווייטע די פאָן,
איז ווי האָט ער פריילעך
א ווונק איר געטאָן!

איך ווארף אים א בלימל —
בלײַבט עס אף דר'ערד.
צו איר נאָכן בלימל
שפרינגט ער פון פערד...

1930

עלף טעכטער

וואָס מײַן אַלטיטשקע האָט מיר געבראַכט צו טראָגן,
דאָס האָב איך געהאַט, אָט דאָס פֿלעג איך פֿאַרמאָגן:

עלף טעכטער, ווי די בעכער,
איינע פֿון דער צווייטער העכער,
איינע פֿון דער צווייטער ברייטער,
איינע שענער פֿון דער צווייטער,
אײן כּיסאָרן האָבן זיי —
עסן, עסן ווילן זיי!

קויפֿן מיר א הערינג — האָט ער גאָר איין עקל,
נעמען מיר אים טיילן, מיט כאַכמע, סע זאָל קלעקן:

סאָרע, ריווקע, ראָכל, קיילע,
עלקע, שפּרינצע, טײַבל, ביילע,
פֿייגע, פֿריידע און די קלענסטע —
און דער קלענסטער קומט דאָס שענסטע!
איין כּיסאָרן האָבן זיי —
גרויסע ריפּטלעך ווילן זיי!

טרעפּט זיך, ווי סע טרעפּט זיך, און סע פעלט דער גראָשן,
זיצט מען אָנעם הערינג, ס׳לעמפּל אויסגעלאָשן:

טוט מען פּיסנע פּלעצל פּיקן,
פּיקן, פּליקן, ס׳האַרץ דערקוויקן,
און די שטאַרקע ציינער קנאַקן —
מײַנע מוידן האָבן באַקן!
איין כיסאָרן האָבן זיי —
נאַדן, נאַדן דאַרפן זיי!

* * *

איצטער טוט א קוק אף מיר:
קענאָרע פּריש, א כאַלע!

עלעף טעכטער?
ס׳א געלעכטער!
ס׳א געלעכטער —
עלעף טעכטער,

כ׳האָב זיי אויסגעגעבן אַלע,
מ׳האָט זיי אויסגעכאַפּט בא מיר!
איך האָב כיילעק אינעם לאַנד,
אומעטום אין דעם פאַרבאַנד,
יעדע בעט מיך: „קום צו מיר!“
און איך, איך ווייס ניט, וו׳ין אַפּריי׳ר!
כ׳זאָג אײַך — א געווינס א ריינס!
כ׳פאָר אין לאַנד אף רײַזן.

עלעף טעכטער!
ס׳א געלעכטער?

6*

ס׳א געלעכטער —
עליעף טעכטער?!

און פארמעגלעכע — אן איַיזן!
כ׳זאָג איַיך, א געווינס א ריינס!
קלאפן קלאפט מען מיר אין טיר
און מע פרעגט זיך אָן בא מיר,
צי כ׳האָב ניט נאָך א מיידל איינס,
ווי יענע מיַינע, נאָך איין שיינס!

1938

יאוודאָכע

מע קלינגט פאַרשלאָפן אין ווײַסן קלויסטער.
פּויערטעס אײַלן.
טונקעלע קליידער און ווײַסע פּאַטשיילעס.

ווער א פּעקל סע טראָגט,
א מאַטאָנע אין פּויסטל,
אין באַיאָרטע לײַבער — א מאַקע אף צו היילן.

מע זעצט זיך דערווײַל אף לאַנגע טרעפּ.
דאָס דאַר געביין,
וואָס אָן די אונטערהויזן,
קוקט ארויס
מיט בענקשאַפט נאָך אָוונטיקער לופט פון סטעפּ.
מע זיצט אזוי,
ביז דריבנער ווערט דער בלויז
פון קלאַנג צו קלאַנג
און שטאַרקער ווערט דאָס בילן פון די גלעקער.

א קלויסטער נאָך פאַראַן.
א גאַלעך נאָך פאַראַן, —

6–1953

סע קומט ארויס יאוודאָכע פון איר הויז,
קומט אין קלויסטער און קוקט אין אַלע עקן
צו דערקענען דאָ די זוינעס פון איר מאַן
און צו פארקלאָגן זיי און צו דערשרעקן...

*

יאוודאָכע שלעפּט צום טײַך דעם פּאַק מיט גרעט.
...אויך אין אומגערעטעניש געראָט
קורײַ און בודיקעס.
וואַקסן גלײַך ווי עפּעס רעכטס — הויך און ברייט.

באַם הימל בעט מען רעגן נאָך,
צום קלויסטער קומען „זינדיקע",
די וועגן נאָך צעווייקטע און צעדרייט.
יאוודאָכע שלעפּט צום טײַך דעם פּאַק מיט גרעט.

דער פאַרטאָג — ווי מיר זיך ווינטשן —
פרײַ און פריש.
שלענגלעך וואַכן אויף
באַ סאַמעטענע פיסלעך פון קאַמיש.

יאוודאָכע קלאַפּט דאָס וועש אין שטיין און טײַנעט,
גלײַך דער מאַן וואָלט דאָ דערבײַ זײַן.
טײַנעט, שעלט און קלאַפּט דעם שטיין,
גלײַך דאָס וואָלט דער מאַן געווען.

טײַנעט, שעלט אויך זיך אַליין:
צו פערציק יאָר געגלוסט אַ מאַן.
געוווּנען אַ קינד. אַ ווייטעק רײַסט,
זי מיימעסט דעם שטיין, דעם שטיין, דעם מאַן.

דאָס טײַכל איז רו. די זון דערוף — ווײַס.
א שיפל אױף דעם —
גלײַך א בוקעט.
אין שיפל א פישער,
דאָס שיפל שווימט צו:
איר קרעפּטיקער מאַן...
(א בענקעניש רײַסט).
זי גלעט מיטן וועש דעם שטײן, און זי גלעט:
— גײ
טרינקען טײ,
דו...

1926

זײַטיקע באַגערן

ס׳האָבן באַגערן ביז איצט זיך געוואַרעמט
אין ייִנגלשן פּוך,
אין ייִנגלשן מאָך.
און איצטער מיט דאָרשט
און מיט אַזעס זיי שפּאַרן
מיט פֿויגלשן ליאַרעם:
„נאָך!..
נאָך!..
נאָך!...“

באַגערן, באַגערן!
איר הונגעריקע מעוועס —
איר פֿליט נאָך באַלאָדענער שיף פֿון מײַן טאָג.
קאַרג מיר די מאַנגלען,
די נויט, דער געראַנגל?
פֿעלט מיר צום רומל נאָך אײַער געיאָג!

ניט־זיס איז דאָס פֿאָכען
פֿון פֿליגל פֿון אײַערע,
ניט ניכע איז מיר

אײַער גלױסטיקער פּיק. —
מע פּרוּװט מיך אָף װאַסער,
מע פּרוּװט מיך אָף פֿײַערן,
מע רופט מיך אַ פֿרענט זײַן צו ענדלאָזער בריק.

פֿליט אײַך, באַגערן,
איר הונגעריקע פֿייגל.
מיך בראָט גאָר, מיך קרעפּטיקט
דער װינט פֿון מײַן גלױבן,
דער ברען־װינט דער פֿריסעק
קלאַפּט אין מײַן שלײף. —
די אויגן איך זשמורע,
און שפּאַר אָפּן שטורעם,
און שנײַד אים און זייף!..

1925

קליפּקע

קום שוין גיכער, קליפּקע מײַנע,
בא דעם סטויג דאָרט אין דער בידער.
וואָס, דײַן הערשל? ניט זײַן אײַסעק!
וואָס זשע, זאָג, ער מישט זיך ווידער?

קום שוין גיכער, קליפּקע מײַנע,
מיט די פּיסלעך די פֿאַרברענטע,
כ׳האָב א נײַס דיר צו דערציילן,
נאָך א מײַסע א בעלענדע.

פֿון אן אָקס מיט זיבן גריוועס,
פֿון א וועוויריק מיט א האָרן,
ווי פֿון בײדע זײַנען קליפּקעס
קליפּקעס, פּונקט ווי דו, געוואָרן!

אוי, זאָלסט זען, ווי זיי נארן,
ווי זיי ווינקען, ווי זיי רייצן...
נאָר איך זאָג זיי: „בײַן, איך ווארט דאָ,
אָט־אָ קומט זי, אָט־אָ גייט זי...״

1916

זאָל איך קרענקען

ניט דאָס פּאָנעם, ניט די ציינער —
אינעווייניק לאַכט אין מיר,
לאַכט דאָס כּעס אין די ביינער,
זינט איך האָב שפּאַצירט מיט דיר.
לאַכט דאָס כּעס אין די ביינער —
נאָר פון דיר, פון דיר אַליין נאָר!

איידלער פון דײַן איידלען פּאָנעם —
זאָל איך קרענקען, צי סע דאָ.
ס׳קאָנען בלײַבן מויל־סימאָנים,
אויב דעם גרינגסטן קוש דיך טאָן.
ס׳קאָנען בלײַבן מויל־סימאָנים
אויף דײַן איידלען ליבן פּאָנעם!

קושן דיך זאָלסטו פאַרווערן —
כ׳קאָן עס טאָן דאָך צופיל שטאַרק.
דיך ארומנעמען זאָלסט שטערן —
טאָמער טוט עס דיך א וואַרג.
דיך ארומנעמען זאָלסט שטערן —
כ׳קאָן פון גליק צעגאַנגען ווערן!

1935

ביקלעך

זי האָט געפּאַשעט אירע ביקלעך
און זיך יאַשטשערקעס געפאַנגען,
און די ביקלעך, אוי, די ביקלעך,
זײַנען ערגעץ־ווו פאַרגאַנגען.

גייט איר נאָך דער ווילדער יאָסקע
אין די אַזעסדיקע ברויטן, —
פאַר די ביקלעך, פאַר די ביקלעך
וועט דער טאַטע וועלן טויטן.

זי גייט פאָרנט, גייט ער הינטן,
אָוונט פאַלט אַף פעלד און כאַטעס, —
און סע טוט אין אים א סאַרפּע
און א ברי אים אין די פּיאַטעס.

און זי פירט אים ווײַטער, ווײַטער,
און זי וויגט אין גאַנג די אַקסל,
יאָסקען דאַכט: זי איז א שײַטער,
און דער שײַטער ווערט צעוואַקסן.

יאָסקען דאַכט, אַז אָט פאַרכאַפּט אים,
אָט־אָט פאַלט ער אינעם שײַטער,

סע צעפּלאָמט אים, סע צעשטראַלט אים,
סע פאַרגאַנצט אים, סע צעבײַט אים.

און ער כאַפּט אַרום דאָס מיידל
און מיט פײַער־ווערטער שטיקט זיך:
„טויזנט, טויזנט וועל איך געבן!
איך וועל געבן טויזנט ביקלעך!"

1916

א כאָסן אָן א קאַלע

זײַנען מיר אַרויסגעפֿאָרן
אויפֿן ערשטן שליטן,
אויפֿן ערשטן שליטן,
אַלע מעכוטענעסטעס —
די קאַלע אינדערמיטן,
די קאַלע אינדערמיטן.

אוי, אוי,
זינגען אַלע,
נאָר סע שווײַגט אַליין די קאַלע.
אוי!

זײַנען מיר אַרויסגעפֿאָרן
אויפֿן צווייטן שליטן,
אויפֿן צווייטן שליטן,
אַלע מעכוטאָנימלעך —
דער כאָסן אינדערמיטן,
דער כאָסן אינדערמיטן.

אוי, אוי,
זינגען אַלע,

נאָר סע שוויַיגט אַזוי די קאַלע.
אוי!

זייַנען מיר אַרויסגעפאָרן
אויפן דריטן שליטן,
אויפן דריטן שליטן,
קאַלעס צאַד און כאָסנס צאַד —
די קלעזמער אינדערמיטן,
די קלעזמער אינדערמיטן.

אוי־אוי,
שפּילן אַלע,
וואָס זשע שוויַיגט אַזוי די קאַלע?
אוי!

ווי מיר זע׳ן אַרויסגעפאָרן,
פליט פאַרביַי אַ רייַטער,
פליט פאַרביַי אַ רייַטער,
האָט די קאַלע אויפגעפלאַמט,
ווי אַ פייַער־שייַטער,
ווי אַ פייַער־שייַטער.

אוי, אוי,
שוויַיגן אַלע,
נאָר סע זינגט אַליין די קאַלע...
אוי!

שליטעלעך, איר שליטעלעך,
מעגט צוריק שוין פאָרן,
מעגט צוריק שוין פאָרן,
כאָסן־לעב, אוי, כאָסן־לעב,

אז ווײ צו דײַנע יאָרן,
אז ווײ צו דײַנע יאָרן.

אױ, אױ,
אױקען אַלע.
זעט, א כאָסן אָן א קאַלע —
אױ!..

1935

אן אלטער ניגן

— איַ, נאכמעניו! — שריַיט אויס דער פּאן צום מעשאָרעס. —
נא יארמארקו מארש און קויף אָקסן דעם פּאָרעץ! —
האָט נאכמען גענומען דעם בייַטל מיט געלט,
דעם שטאָק אין דער האנט און געגאן אין דער וועלט.

גייט ער און גייט
און א סטאדע דערזעט,
און פּאסטעכער ליגן
און זינגען א ניגן:

. . . .

האָט נאכמען פארגעסן אין פּאָרעצלס רינדער,
אין פּאָרעצלס רינדער און אין וויַיב און קינדער.
און סאָכריש ער טוט זיי א פרעג:
— איַ, פּעטערלעך, כאָשעווע לייַט,
וואָס קאָסט אזא ניגן בא הייַנטיקער צייַט?

זאָגן די פּאסטעכער: זיבן פּריאָלן!
זיבן פּריאָלן טוט נאכמען באצאָלן
און גייט מיטן ניגן זיַין וועג.

גייט ער און גייט,
און א בויד ער דערזעט,
און קלעזמער דאָרט ליגן
און זינגען א ניגן:

. . . .

האָט נאכמען פארגעסן אין פּאָרעצלס רינדער,
אין פּאָרעצלס רינדער און אין ווײַב און קינדער,
און סאָכריש ער טוט זיי א פרעג:
— אײַ, קלעזמערלעך, פריילעכע לײַט,
וואָס קאָסט אזא ניגן בא הײַנטיקער צײַט?

זאָגן די קלעזמערלעך: דרײַצן פריאָלן.
דרײַצן פריאָלן טוט נאכמען באצאָלן
און גייט מיטן ניגן זײַן וועג.

איז ער אזוי אין מארק געקומען,
הערט ער די שיינע אָקסן ברומען.
נעמט ער זיך דינגען,
און ווידער זיך דינגען,
און פאטשן מיט הענט
און אונטערצושפּרינגען,
און אָפּגעמאכט, שלעפּט ער דעם בײַטל ארויס
און טרייסלט פון דאָרטן — א גאָרנישט ניט אויס...
— צאָל! — שרײַט דער סוחר. — צאָל אָפּ דאָס געלט!
— צאָל! — שרײַען סאָחרים, — קלעפּ וועסטו קריגן!

צענעמט אונדזער נאכמען די ליידיקע הענט,
עפנט דאָס מויל און זינגט זיי דעם ניגן:

. . . .

גייט ער פון מארק צוריק אָן די רינדער,
קומט אים אנטקעגן ס׳ווײַב מיט די קינדער:
— וואָס האָסטו, נאכמען, געבראכט אונדז פון וועג,
ווו זײַנען, מאן, די מאטאָנעס, איך פרעג?

בייגט ער איַין פארן ווײַבל דעם קאָפּ,
עפנט דאָס מויל, און ער זינגט איר אָפּ:

. . . .

נעמט דאָס ווײַב די האָר אף זיך רײַסן,
מיט דער פאטשײלע דעם מאן נעמט זי שמײַסן.
באלד קומט דער פּאָרעץ און שטעלט זיך אוועק;
און אף די אָקסן ער טוט אים א פרעג.
הייבט ער אוף צום פּאָרעץ דעם קאָפּ,
עפנט דאָס מויל, און ער זינגט אים אָפּ:

. . . .

דאָ האָט דער פּאָרעץ באפוילן אים בינדן,
בינדן צום סלופּ, מיט ריטער אים שינדן.
שטייט ער באַם סלופּ, די רוט אף אים שפּרינגט,
אָבער געהויבן זײַן ניגן ער זינגט:

. . . .

1937

דאָס פישעלע לאכט



דאָס פישעלע לאַכט

דער טאַטע שטראָפט מיך:
— נאַ דיר גאָר אַזױנס!
ער לױפט, ער שפּרינגט, ער רוט ניט, װי אַ כאָרט,
שױן װידער זיך אין טײַך געשװענקט, פאַרשױן!
װען װעסטו זיצן רויִק אױף אַן אָרט?

די מאַמע שטראָפט מיך:
— נאָר סע לױפט אַרום.
אין אַלץ סע לױפט אַרײַנצוקוקן.
אָן האַרטע בײנער װאַקסט בײַ מיר מײַן זון,
אַ פעלער האָט מײַן זון — אַ װײכן רוקן...

און אין אַקװאַריום מײַנעם אױפן טישל
לאַכט דאָס גאָלדן פישל
און דרײט זיך, קערט זיך, שװימט זיך מאָלע־כײן:
— װאָס דען איז גוט, אַ האַרטער בײן,
און זיצן רויִק, װי אַ שטײן?

כ׳מאָל זיך אױס, כאַ־כאַ — װי מ׳װאָלט אױף מיר דאָ קוקן,
װען איך, כאַלילע, האָב אַ האַרטן רוקן!

ניט דאָ געדאַכט, ניט זײַן קײן נאָסער!
ניט דאָ געדאַכט, ניט שווימען רונד־אַרום!

— אוי, פֿישל, פֿישעלע, דו לעבסט דאָך נאָר אין וואַסער —
און איך — איך לעב דאָך אומעטום!

1938

גערויש און שטילקייַט

— וואָס ליארעמסטו, אָסינע־בוים,
און ציטערסט און פלאטערסט,
און שטרעקסט זיך און עקסט זיך,
און נייטסט דייַנע בלעטלעך
זיך איבערצוקערן?

— איך ליארעם,
מע זאָל מיך דערזען,
מע זאָל מיך דערהערן!

— עס רוישט ניט דער בארנבוים.
מיט פיירעס באשווערט,
שטייט ער פעסט אף דער ערד
און פרוכפערט באשיידן.
נאָר די, וואָס געניסן
די פרוכט זייַנע זיסע,
זיי רימען דעם בארנבוים,
און זיי פאר אים ריידן!

1940

דער קאָכלעפל

דרייט זיך דער קאָכלעפל אום אינעם טאָפּ
און מישט דאָרט און נישטערט, דעם שוים שוימט אראָפּ,
און הייבט פונעם דעק אויף, און וויגט זיך אין קאָך.
דאָ שרײַט ער: גענוג! און דאָ פאָדערט ער: נאָך!
דאָ זידלט ער אויס, און דאָ שטעלט ער זיך אײַן —
און פּאסקנט און זעלצלט און שמעלצלט ארײַן,
א שמיץ מיט די גרויפּן, די ציבל א שטויס,
און פײַער מיט וואסער צעקריגט און גלײַכט אויס.
דעם ארבעס א שעפּ און דעם קרײַטעכץ א שלעפּ,
און מישט זיך און קריכט אין די שכײנישע טעפּ,
ער וואָלט אָן א סאָף נאָר געדרייט זיך אין טאָפּ,
ווען ס'שטעלט אים זײַן אייגענע גײַוועו ניט אָפּ:
ער הייבט זיך און גיט צו פארזוכן א לעק —
און דעמלט איז פארטיק — מע לייגט אים אוועק...

1944

אויסגעטראַכטע יאַגד

די קאַץ וואַרט אויס די פּאַרנאַכטיקע שאָ,
ווען קיינער אין הויף, אינעם סאָד איז ניטאָ,
זי כאַפּט זיך אַרײַן צווישן ביימער,
אַ קאַפּל, אַ קאַפּעלע טרוימען,
אַז זי איז אַ ווילדע און ווילד איז אַרום,
אויף „קיצעניו־קיץ״ זי קוקט זיך ניט אום.
אַז לאַנג איז איר עק, לעאָפּאַרדיש לאַנג,
אַז רויבערש־געוואַגט איז איר ווילדער גאַנג.

זי רוקט זיך אין גראָז געהיט און באַדאַכט,
צו יאַגד, וואָס איר גלוסטונג האָט אויסגעטראַכט.

אַ רוק זיך — און וואַרט, אַ רוק זיך — צוריק,
אַ שפּרונג מיטאַמאָל און אַ פּאַק און אַ פּליק,
און גיך, ווי אַ מאַזיק, צורעכט געמאַכט
די יאַגד, וואָס איר גלוסטונג האָט אויסגעטראַכט.

נאָר זאַט ווערן גייט זי צום הויז, צום באַלקאָן —
פון שיסעלע מילך, וואָס אַ קינד גיסט איר אָן.

1933

די טריסקאַווקע

ווען רײַף סע ווערט נאָר די טריסקאַווקע —
צעלאַכט זי זיך פון פרייד,
זי טוט אַ שפּאַר אין דרײַלינג בלעטלעך,
וואָס האַלטן זי פאַרשטעלטערהייט,
דער דרײַלינג וועכטערלעך פאַרשטעקן
די טריסקאַווקע הינטער זיך,
מע שרעקט זי אָן מיט טויזנט שרעקן:
„אָט כאַפּט מען דיך, אָט פּאַקט מען דיך!“

דאָס רויטע קעפּעלע, עס האַלט זיך
הינטערן דעכל פון די דרײַ,
און קוקט אַרויס און ווינקט אַרויס
און גאַרט אַ שפּרונג טאָן אַף דער פרײַ:

„איך בין שוין רײַף,
איך בין שוין גרויס —
לאָזט מיך צו דער וועלט אַרויס...
איך וויל ניט ווערן דאַר און פויל —
איך וויל צום קינדעלע אין מויל!“

1945

קונדייסים

ביזוואנען כ'האָב אלײן ניט אײַנגעזעצט קײן רויזן,
איז האָב איך זײ אלס מאָשל בלויז באנומען —
פאר מײדלעכס בעקלעך, ליפּעלעך, פארפומען
און אנדערע פּאָעטישע שאלמויזן.

און דאָ גיט מיר דער גערטנער קוסטעס־שטעקלעך,
זײ זײַנען גרין און הויך, די וואָרצלען — בערדיק,
ער הײסט זײ אונטערשערן קורץ פון בײדע עקן,
און זעצן ביז די פּאכוועלעך מיט פערדן־מיסט פארערדיקט.

און כאָטש ער האָט מיר דרײַ קאָלירן אָפּגעקליבן:
צװײ װײַסע שטיק, דרײַ רויטע און צװײ ראָזע —
דאָך האָבן זײ מיר, ווי קונדײסים, אָנגעבלאָזן:
זײ זײַנען אופגעגאנגען געלע אלע זיבן...

1944

די קאַץ און דאָס פייגעלע

— פייגעלע, וואָס פלאַטערסטו?
גייסט דאָך אויס פון היץ!
דו קום צו מיר, צום קעצעלע,
מיט מיר א קאפל זיץ.
דיך רופט דײַן פרײַנט דער בעסטער.
איך ראַט דיר ווי א שוועסטער,
דאָ שטייט א שטײַגל פוסט,
דו ווין דיר, ווי דו גלוסט.

— כ׳האָב אין וואלד, אין וואלד אין העלן
טויזנט צווײַגן אף צו שטיין,
טויזנט לאָנקעס אף צו גיין,
טויזנט סיבעס זיך צו פרייען,
ווי זאָל מיר א שטײַג געפעלן?
קאַץ דו, וואָס דו ביסט,
וואַרטסט אף מיר אומזיסט!

כ׳האָב אין וואלד, אין וואלד אין העלן
טויזנט סאָסנעס אויסצושפּרינגען,
טויזנט לידער אויסצוזינגען,
אין דער הויכער לופט צו רינגלען —

זאָל מיר גאָר א שטײַג געפעלן?!
קאַץ דו, וואָס דו ביסט,
וואַרטסט אַף מיר אומזיסט!

— פייגעלע, וואָס פלאַטערסטו?
דײַן אַלטער פרײַנט דיך רופט,
די קויעכלעך וואָס פּאַטערסטו
אַף פליִען אין דער לופט?!
סע ראַט דיר ווי א שוועסטער
די קאַץ, דײַן פרײַנט דער בעסטער,
אין שטײַג איז שפּײַז צעשיט,
און איך דאָס טירל היט!

— טויזנט מאָל איך זאָל דאָ שטיין,
טויזנט מאָל איך זאָל דאָ גיין,
טויזנט מאָל איך זאָל זיך פרייען,
טויזנט מאָל איך זאָל דאָ שפּרינגען,
טויזנט מאָל איך זאָל דאָ זינגען,
טויזנט מאָל איך זאָל דאָ רינגלען
איִנעם גרויסן הימל העלן —
וועסטו אויך מיר ניט געפעלן.
קאַץ דו, וואָס דו ביסט,
וואַרטסט אַף מיר אומזיסט!

1938

א ריז

סע גייט א שטרוי, א לאנגע שטרוי —
היי, היט זיך, ווער ס'אין וועג!
זי הייבט זיך אוף, זי גייט אזוי,
ווי גלייַך אין א געשלעג!

זי שטעלט זיך אוף און וואלגערט אום
און רייַסט זיך דורכן גראָז.
היי, היט זיך, קריכט דאָ ניט ארום,
ווער שוינען ס'וויל די נאָז!

עס גייט א שטרוי! ווי קאָן עס זייַן,
א שטרוי זאָל גיין, נו, זאָגט?
ווער זאָגט עס דען? ס'א מערעשקע,
א מערעשקע זי טראָגט!

פון אונטער שטרוי מע זעט זי קוים;
דאָס ברעקל טראָגט דעם ריז!
נאָר אויב דאָס ברעקל טראָגט די שטרוי,
איז ווער איז דאָ דער ריז?!

די שטרוי איז טאַקע מער ווי מער!
די מי איז זייער גרויס!
נאָר ווער פֿאַרטראַכט זיך — גרינג צי שווער,
ווען בויסטו זיך אַ הויז!

1945

דאָס כאַזערל עסט, מע זאָל עס עסן

אוי, איך, כאַזערל, לויף אהיים,
מע וועט מיר געבן פֿיש מיט כריין.
פֿון אַלע טעפּעלעך —
באָרשטש מיט קרעפּעלעך,
פֿון אַלע שיסעלעך —
אַלץ צו ביסעלעך.
איך עס און פֿרעס און נאָך איך בעט,
זײַן זאָל איך געשמאַק און פֿעט,
און דערפֿאַר מע וועט מיך נעמען,
און דערפֿאַר מע וועט מיך בינדן,
און דערפֿאַר מע וועט מיך קוילען,
און דערפֿאַר מע וועט מיך שינדן,
און דערפֿאַר מע וועט מיך זאַלצן —
און מע וועט מיך אויפֿעסן
גאָר־גאָר אינגאַנצן!

1936

שאכמאטיסטן

צוויי פינטעלעך פליגעלעך האָב איך געזען
אף איינעם א גרינעם בלאט.
זיי זײַנען געווים שאכמאטיסטן געווען
און האָבן געשפּילט שאכמאט.
זיג־זאג און א שפּרונג און גערוקט זיך,
א ביסל געטראכט און פארקוקט זיך.

די שווארצינקע פינטעלעך האָב איך געזען,
פון אויג זיי ניט געלאָזט.
דאָס לערנען זיי עפּשער זיך שפּרינגען און גיין
אין זייער וועלט פון גראָז?
צי זוכן אזוי זיך עסן?
צי אנדערע גאָר אינטערעסן?
זיי האָבן פארענדיקט און זײַנען אוועק,
און איך האָב צו פרעגן פארגעסן.

1945

קרויט

דאכט זיך, ניט מער ווי א קרויט,
און דאָך האָט עס זײַנע מאנערן.
פּרוּוו נאָר פארזעץ עס באם פּלויט,
עס וועט דיר קיין הייפּטל ניט ווערן!

געקנייטשט און געאָדערט גערדיכט,
א קאטשן ליגט גראָב, א געפּאקטער;
דאָך טראָגט עס א צארטקײַט אין זיך,
אן איידלען, קאפּריזנעם כאראקטער:

עס וויל ניט, עס וואקסט ניט פארשטעלט
באם פּלויט צי באם שטאל, בא געבײַען.
ס'האָט ליב, אז ס'איז אָפן די וועלט,
סע וואקסט, אז מע זעצט עס אין פרײַען!

1935

די הון

— דו נארישע הון, דו נארישע הון,
האָסט פליגל און קענסט קיין פלי ניט טון.

זאָלסט האָבן געדאנקען, איז וואָלסטו געטראכט,
דו וואָלסט מיט די פליגל גימנאסטיק געמאכט.

סע זאָלן די פליגל דיר ווערן שטארק,
די הון, זי זאָל פליִען אריבערן בארג.

א הון בא די וואָלקנס, די פליגל צעשפרייט!
וואָלסט זען פון אויבן די וועלט, ווי זי גייט.

דו וואָלסט דאָך פאר נאכעס אין הימל געקוועלט —
צו פליִען איז וווּנדער, פון דעם טרוימט א וועלט!

וואָס דארפסטו מיט פליגל גאָר הינערפלייש זײַן?
זאָלסט האָבן געדאנקען, טראכסטו זיך אײַן.

— כ׳זאָל האָבן געדאנקען, וואָלט איך באטראכט,
ווי פעטער די יויך אינעם טעפל מע מאכט.

1938

וווהין שפּאַנט ער?

צעשטעלט זיך באַ טירן, באַ שפּאַרעס,
שטעלט אָפּ די מינוט דאָס געלויף!
אַ וואַרע, אַ וואַרע, אַ וואַרע!
דער האָן טרעט אַרײַן אינעם הויף!

דער קאָפּ מיט דער קרוין איז פּאַריסן,
געהויבן די שפּאָרן ער שטעלט,
זײַן גאָלדענע הויב, ווי די פּליסן,
מיט אַלע קאָלירן צעקוועלט.

ער זעגט מיט דעם קאָפּ באַ דעם שפּאַנען,
ווי גלײַך ער צעזעגט זיך אַ וועג.
ניט אַנדערש — די וועלט איז מעקאַנע
זײַן שוואַרצן, זײַן גלאַנציקן עק!

מיסטאָם הערט די קאַץ אויף צו דרימלען,
שטייט אויף, און זי קוקט, ווי ער שפּאַנט,
מיסטאָם הערט די גאַנדז אויף צו ווימלען
און שטייט מיט רעספּעקט באַ דער וואַנט.

8–1953

די קו מיסטאָם אופגעהערט עסן,
זי קוקט, מאַלעגיירעט ניט מער,
דער כאַזער — אין פרעסן פאַרגעסן,
פון קינע אַן אייגל צעטרערט.

דער הונט וויל די הינטלעך ניט זייגן,
פאַרכידעשט אַף צוויי נאָר ער שטייט,
ווײַל אַלע — מע קוקט אויס די אויגן:
ווי שיין ס'איז דער האָן, ווען ער גייט!

און טאַקע, די הון שטייט פאַרגליווערט,
די שרעקיקע הינדלעך מיט איר.
זי קוקט אַף דעם ליכטיקן גיבער
מיט שרעק און מיט אָפּשײַ אָן שיר.

די וועלט אָבער גייט, ווי זי גייט זיך —
דאָס ווייסט ניט דער האָן נאָר אַליין —
ער מיינט, צוליב אים אַלץ סע דרייט זיך
אַרום און באַוווּנדערט זײַן כיין.

סע דרימלט די קאַץ, ווי זי דרימלט,
אין גוטע כאַלוימעס אַף זון,
די גאַנדז מיט די גענדזעלעך ווימלט —
ווי שטענדיק, אין עסן פאַרטאָן.

די קו האַלט דעם קאָפּ טיף געבויגן
און קײַט, גלײַך קיין האָן איז ניטאָ,
דער כאַזער — אויב ס'טרערט אים אַן אייגל,
איז נאָר, ווײַל דער טאָפּ האָט א דנאָ.

דער הונט ליגט פֿאַרשלאָסן די אויגן
און הערט נאָר די הינטלעך אַליין:
ווי זשעדנע די פּרעסערלעך זויגן,
ווי ס׳איז יעדער פּרעסערל שיין.

די הון נאָר אַליין שטייט פֿאַרגליווערט,
די שרעקיקע הינדלעך מיט איר.
זי קוקט אױף דעם ליכטיקן גיבער
מיט שרעק און מיט אָפּשײַ אָן שיר.

ווי׳ן שפּאַנט ער פֿאַרבײַ אַלע כײַעס,
דער שטאָלצסטער פֿון אַלעמען זיי?
ווי׳ן שפּאַנט ער מיט שטאָלצע האָװײַעס?
דאָס שפּאַנט ער צו געבן א קריי!

1938

אף דער אויסשטעלונג

אוי, האָבן כאַזערלעך געשריגן,
געשפּרונגען, איינגעלייגט די וועלט,
די כאַזערטע, די מוטער, איז געלעגן
און נאָכגעקוקט און אָנגעקוועלט.

מיט כיטרע אייגעלעך דרינגט צו זיי,
און מיטן עקל ווינקט צו זיי:
— שרייַט, לאָזט זיך ניט פאַרגעסן!
ווער קאָן דען בעסער פון אייַך פרעסן!
איר קאָנט דאָך אַלע פרעסערס פון דער וועלט פאַרשעמען!
שרייַט, וועט מען אף דער אויסשטעלונג אייַך נעמען!

האָט מען טאַקע זיי אין א וואָליער געבראַכט,
טאַקע זיי באַזעצט אין אַזא פראַכט,
און מענטשן שטעלן טאַקע לעבן זיי זיך אָפּ
און שאָקלען שטאַרק פאַרכידעשט מיטן קאָפּ:
אוי, כאַזיירים, טאַטעניו!

און די כאַזערטע אינמיטן ווי א באַרג,
און ווי א באַרג דאָס קליינוואַרג בא איר בויך און קאַרק,

דאָס עקל העפקער־פּעטרישקע פּאַרדרייט,
מיט די כיטרע אײגעלעך דערפרייט:
— וואָדען, צי זײַנען מײַנע אכט און צוואַנציק שטיק
ניט מאָלע־כײַן?!

הײַנט איך אַליין?

1938

דער אינדיק

דעם אינדיקס עק
געזאָגט האָט צום קאָפּ:
— דו גייסט אַלץ פון פאָרנט
און טרעטסט מיר ניט אָפּ!

דאָס שוואַנצל בין איך דאָך...
גיי הינטן — איך פיר!
— נו פיר... — זאָגט דער קאָפּ אים, —
נאָר מיך ניט פאַרשמיר...

פירט דער הינטן דעם פאָרנט!
איז שיין זעט מען אויס!
מע פאַלט אין א בלאָטע,
מע קריכט קוים ארויס.

מע טרעפט אין א פייַער,
מע סמאַליעט זיך אָפּ.
— אוי־וויי! — שרייַט דער אינדיק. —
ווען עק ווערט א קאָפּ,
איז בעסער דעם אינדיק
שוין ליגן אין טאָפּ!

1938

דאָס קעלבל

דאָס קעלבל וויל א טרונק,
צום טײַכעלע א שפּרונג.

דאָס וואסער גלאַט און ריין,
סע זעט דאָרט זיך אליין
דאָס קעלבל און סע שטוינט:
„א כײַע דאָרטן וווינט!"

דעם קעלבלס שווארצע אויגן
צום וואסער־בילד געבויגן.
אין שרעק, געהיט סע פּרווט
א זופּ טאָן — און סע זופּט.

סע זופּט און שרעקט זיך ווילד
פאר דעם, וואָס אפּן בילד,
פאר שווארצן בליק דעם זעלבן.

א קעלבל בלײַבט א קעלבל!

1947

דער שטשור מיטן וועוואריקס עק

— דעריבער בין איך שטארק באטריבט,
ווײַל וועווריק איז פֿיל מער פֿון מיר באליבט.
פֿאר וואָס, פֿאר ווען דערגייט מען מיר די יאָר?
מיט וואָס איז וועווריק בעסער פֿונעם שטשור?

צי בין איך דען ניט גלײַך מיט אים אין שטאט,
מיט שארף פֿון ציין, מיט לוין, וואָס איך דערהאלט,
מײַן האָב־און־גוטס, מײַן קראפֿט איז דאָך נאָך גרעסער,
דערצו בין איך א בעסערער צעפּרעסער.

מיסטאמע האלט די וועלט דערפֿאר פֿון שנעק,
ווײַל וועווריק טראָגט א גרויסן בעזעם־עק!
איז אין מײַן שטוב א פֿעלץ הענגט אף א שטעקן,
איז ער אינגאנצן נאָר פֿון וועווריקס עקן!

און אויב די וועלט איז יאָ אזוי פֿארבלענדט,
אף יעדן נישט איר ליבע זי פֿארשווענדט —
איז טו איך אויכעט אָן אן עק אזא
און גיי פֿארנאכט שפּאצירן זיך, כא־כא,
כא־כא!

1938

טרערן

איינמאָל האָט די ציבעלע געהערט,
אַז עס לאָזט דער מענטש אַמאָל אַ טרער —
צי פֿון אומדערוואַרטער פֿרייד
צי אַמאָל פֿון גרויסער לייד,
אָט די טרערן שעצט מען אָן אַ שיר —
ווער עס זעט זיי, ווערט פֿון זיי גערירט.

מיינט זיך די ציבל בלאָו און בלאַס:
„סטײַטש! — צעציבלט זי זיך שטאַרק אין כּעס. —
און די טרער, וואָס ציבל רופֿט אַרויס —
פֿעלט איר העלקײַט, פֿעלט איר אויס אין גרייס?!
ווען מע שנײַדט מײַן לײַב,
ווען סע שרײַט מײַן לײַב
פֿונעם מעסער־טרײַב, פֿון די ציינער־רײַב —
שיסן טרערן פֿונעם אויג ווי באָב!
איז פֿאַרוואָס פֿאַר זיי בייגט קיינער ניט דעם קאָפּ?!“

טוט דער קנאָבל זײַנע צײנדלעך א צעשפּאר:
„ציבע נאר, אוי, ציבע נאר!

די סיבע איז א ציבל דאָך די גרייס —
פון ציבל־טרערן לאכט דער מענטש זיך אויס!״

1946

די באַשיידענע

„איך בין ניט אַזוי באַוווּסט,
און איך שעם ניט אין דער וועלט —
ניט ווי יענע דריידלעך פּוסט,
וואָס פאַר הוילער זון מע קוועלט.
איך בין ניט פון די באַרימטע,
כ'האָב מיר מײַנע גענג באַשטימטע:
פאַר דער העלער זון, וואָס גלוסט,
האַלט איך בוזעמלעך פאַרשטעלט.
ניט צו לאָזן יעדן שפּינקע
זויגן פון מײַן ווײַסער ברוסט...
ערשט פאַרנאַכט, ווען זון פאַרגייט,
טו איך זיך אָן עפן ברייט,
און דער קישעף פון מײַן דופט
יעדן איינעם צו זיך רופט...“

— — — — — — — — —

אָט אַזוי שיט שטילע רייד
יעדן אָוונט נײַן מאָס רייד
און מיט דופט מיך נעמט אַרום —
אונדזער ווײַסע טאַבאַק־בלום!

1938

צו דער זון

אף דער זון

די זון איז ארויס,
די זון איז ארויס,
ווער ס'שטייט אף דער זון —
יענער וואקסט אין איר אויס.

דער בוים ווערט צעפיקט,
די בלום ווערט צעבליט,
פון דער זאפטיקער ערד
אלע שפראָצונגען ציט —

צו דער זון, צו דער זון,
צו דער פריילעכער זון.
יעדעס מינדסטע געוויקס
איז אין וואקסן פארטון.

און איך מיט די פרײַנט
בין אין דרויסן ארויס,
אינעם קאָן, אינעם טאָג,
אף דער זון וואקס איך אויס!

1944

האסטיק־לאסטיק

האסטיק־לאסטיק
צי זיך אויס,
טו זיך אָן באלד,
גיי ארויס!

ווײַל דער טאָג דאָך
האלט שוין ווײַט,
טאנצט און פּילדערט
שוין א צײַט.

שוין דער פּאסטעך
בא די פי,
זון בא בערגלעך
אף די קני.

טוי אף בלומען
פונעם סאָד,
הימל־בלוי איז
גרויסע ראָד.

1918

פון זאמד

אלע זאמדן נעמט אהער,
מיט דער האנט און פוס א קער,
לאָמיר אופשטעלן א הויז
און א סעדל מיט א רויז,
און א גרויסן פארק ארום,
װעכטער שטעלן אומעטום.
האָט מען זאמדן, זאמדן פיל —
קאָן מען מאכן, װאָס מע װיל.
װילט איר פעלדער? — נאט אײַך, זייט!
און א װעלדל נעבן שטייט.
און א פויער הייבט א האק.
מיט קארטאָפליעס שטייט א זאק,
אָט א לאָשעק, אָט א ציג,
און א קעצל אין א װיג.
און א קו פליט אפן דאך,
לייגט אן איי... נײן, איך לאך!
װייסט איר, פון װאָס אלצדינג שטאמט?
נאָר פון פראָסטן, פײַכטן זאמד!

1918

גערעטעניש

וואָס פאר פורן
אפּן ברוק?
וואָס פאר קלאנגען:
„טוק, טוק!"

וואָס פאר רעדער
אף ברוקיר
קלאפּן, קלינגען
אָן א שיר?

פון פארטאָג,
פרי פארטאָג,
פאָרן פורן
אפּן ברוק.

שטייסט נאָר אוף —
זײַנען דאָ.
שלאָפן גייסט —
זײַנען דאָ.

9–1953

ווּ אַ וועג,
ווּ אַ שטעג,
פֿאָרן פֿורן
גאַנצע טעג.

גרוזאָוויקעס
מיט געלאָד —
צו די דערפֿער,
צו דער שטאָט.

פֿון ראַטווירט,
פֿון קאָלווירט,
פֿון די באַנען,
צו די באַנען
אַלץ מע פֿירט.

פֿירן פֿורן
נאָכאַנאַנד
גרויס געדרענגעניש
אין לאַנד.

1937

כאזערלעך

— אנא־וואנא, בריגאדיר,
עפן אוף פון שטאל די טיר!
ווײַז די נײַע, שיינע
כאזערלעך די קליינע!

— שפעטער, קינדער, כעוורעלײַט,
איצטער דאָ ניט ראשן,
כ׳האלט דאָך איצט די כאזערלעך
גראָד אינמיטן וואשן.

— אנא־וואנא, בריגאדיר,
עפן אוף פון שטאל די טיר,
לאָז זיי דאָך א גלעט טאָן —
מאָגערע צי פעטע?

— שפעטער, קינדער, כעוורעלײַט,
האָט איר דען פארגעסן?
סע דארפן דאָך די כאזערלעך
גראדע איצטער עסן.

— אנאַ־וואַנאַ, בריגאַדיר,
עפן אויף פון שטאַל די טיר!
גיכער שוין באַווײַז זיי —
ראָזעווע צי ווײַסע?

— שפּעטער, קינדער, כעוורעלײַט,
שטילער, ניט געלאָפן,
כ׳לייג אַוועק די כאַזערלעך
גראַדע איצטער שלאָפן.

— אַנאַ־וואַנאַ, בריגאַדיר,
קינדער בעטן זיך בײַ דיר!

— שאַ, שאַ, כאַווײַרימלעך,
סע שלאָפן די כאַזײַרימלעך!
אָט־אָ רוען זיי זיך אויס —
לאָז איך זיי צו אײַך אַרויס!

1939

דאָס זשוקל

א רעגן! א רעגן!
סע גיסט מיטאמאָל
אי רינוועס אי ריטשקעס
פון בארג און אין טאָל.

סײַביימער סײַ טוועס —
זיי ציטערן נאַס,
קיין מענטשן, קיין פייגל,
קיין הינט ניט אין גאַס.

און איינס נאָר א זשוקל
מיט פיסעלעך רויט —
עס דרייט זיך מיט ריטשקעס
און שפּילט מיטן טויט.

אָט קערט זיך דאָס איבער —
אוי, גול־גול, און אויס!
אָט שטעלט דאָס א פיסל
און רײַסט זיך ארויס.

אָט טוט אים אײַן קעפּל
א טראָפּן א קלאַפּ,
און אונטן א בולבע
אָט טוט עס א כאַפּ.

נאָר דאָ טוט א שפּענדל
א קרים זיך, א לויף,
א בייג זיך צום זשוקל
און נעמט עס ארויף.

דאָס שטעלט זיך אינמיטן
און האלט זיך גוט צו,
עס שווימט זיך דאָס שפּענדל
און טראָגט ערגעץ־ווו.

די ריטשקע, זי בלעבלט,
און זילבערט און בלענדט.
עס טראָגט זיך דאָס שפּענדל
פאר שטיבער, פאר ווענט.

און קומט צו א שטיבל
און טוט זיך א שטויס.
ארײַן אין א לעכל,
ארײַן אין א הויז.

דאָ וווינט א מישפּאָכע
מיט קינדערלעך דרײַ,
זיי כאַפּן דאָס זשוקל
און לאָזן עס פרײַ.

1917

קראָען און שוואַלבן

1

שטייט בא פרעמדער נעסט די קראָ,
און זי שרײַט אזוי אראָפּ:
קראַ־קראַ!
געפּאַקט א נעסט!
קראַ־קראַ!
זי האַלט זיך פעסט,
איך האָב ניט געבויעט,
איך האָב ניט גערויעט,
און כ׳האָב,
און כ׳האָב
א נעסט!

די פיס ניט גערירט זיך,
מײַן פּיסק ניט געשמירט זיך,
און כ׳האָב,
און כ׳האָב,
און כ׳האָב!

— שעם זיך, שעם זיך, קראַקע־קראָ,
וואָס דו שרײַסט אזוינס אראָפּ!

2

און די שוואלב,
און די שוואלב,
אָן א שרײַ,
בויעט שווער,
בויעט שווער
איר געבײַ.
און ניט פויל
מיטן מויל,
מיט די פיס,
הין־און־הער,
פון דער ערד
צום קארניז.

ארבעט שווער,
בויעט שווער,
בויעט פעסט,
קלעפּט פון ליים,
קלעפּט פון ערד
זיך איר נעסט!

ליבע שוואלב, ליבע שוואלב,
נא דיר פון מײַן פרישטיק האלב!

1946

כ׳ווייס א סאָד

כ׳ווייס א סאָד,
כ׳ווייס א סאָד,
ווי עס וואקסט א זאך אין סאָד.

ברעקלעך זוימען
זעץ איך אײַן —
וואָס מיט זוימען
וועט דאָ זײַן!

אונטער ערד סע וועט דאָרט יוירן,
איידלע בלעטעלעך געבוירן,
גרינע, דינע פּעדערלעך.

און די דינע — אומדערהערט! —
ברעכן דורך די שווערע ערד,
ברעכן דורך, שטעכן דורך
אזא שווערקייַט, אזא גרייס —
און צו זון מע שפּראָצט ארויס!

נאָר דאָס טשוביקל פון גראָז
האלט זיך אָן בא עפּעס־וואָס!

אונטער גראָזן אין דער ערד
אזא גרויסע פּיירע ווערט.
נעם באַם טשוביק, צי אַרויס;
אוי, אַ ראָזע ווי אַ רויז,
נאָר ס׳איז פעסט אַזוי און שווער —
אונדזער שיינע, זיסע מער!

1944

דער קאַוון

א מײַסע, א געשיכטע,
א טרעפּעניש, א ליד,
ווי פון א טרוקן קערל
א קאַוון האָט צעבליט.

פאראַנען ערד א פּאסיקל
בא אונדז לעבן דעם פּלויט,
צעאַקערט כ׳האָב דאָס פּאסיקל,
א קערנדל פאַרזייט.

פאַרטריקנט כאָטש דאָס קערנדל,
געוואַלגערט אונטער טריט,
האָט דאָך פאָרט א בלעטעלע
פון דעם אַרויסגעבליט.

געגאַנגען רעגנס, רעגעלעך,
דאָס בלעטל ווערט א בלאַט,
דער בלאַט ציט אויס גאָר פינגערלעך
און ווערט א גאַנצער יאַט!

נאָך רעגנס און נאָך רעגעלעך,
נאָך זונען און נאָך ווינט —
און די בלעטער־בלעטעלעך
געבוירן גאָר אַ קינד!

אַ קאַוונדל אַ קליינינקעס,
אַ קיַילעכדיקס, אַ גרינס,
האַלט זיך בא אַ האָדענע
מיט העלדזעלע אַ דינס.

געוואַקסן איז דאָס קאַוונדל,
געוואַקסן איז מיַין גליק,
אַרומגעצאַמט מיט בערעלעך
פון יִינגלעך־צינגלעכס בליק.

ביז איינמאָל נאָך אַ וואַרעמעס,
איך גיב אַ שפּרונג צום אָרט, —
טרעף איך שוין קיין קאַוונדל,
נאָר שוין אַ קאַוון דאָרט!

מיט פּאַסיקלעך, מיט שטריַיפּעלעך
און מיט אַ וויַיסער באַק.
איך פּרוּוו עס צווישן קניִעלעך,
האַ־האַ! סע טוט אַ קנאַק!

איך האָב געכאַפּט אַ מעסערל,
געטאָן אַ ריר און — טראַך!
דער קאַוון איז צעפּאַלן זיך,
אָ, דימענטן אַ סאַך!

א האָלבס געשענקט דעם שוועסטערל,
א האָלבס פאַר מיר אַליין,
ס'איז יעדער אַף מײַן קאָוונדל
מעקאַנע מיר געווען.

פאַרענדיקט מיטן קאָוון שוין,
געבליבן שיסלעך צוויי,
האָב איך פאַר די הינדעלעך
א טרונק געשטעלט אין זיי.

און מיט די שוואַרצע קערעלעך
איך זעץ זיך בא דער טיר,
און מאַך א בײַטשל פּערעלעך —
מײַן שוועסטער א באַציר.

א מײַסע, א געשיכטע,
א טרעפּעניש, א ליד,
ווי פון א טרוקן קערל
א קאָוון האָט צעבליט.

1916

מאָן

א גוט־מאָרגן, סעדל, פעלד,
עפּלבוים און קאָרן!
זעט די מאָנען, קוקט זיי אָן,
ווי גרויס, ווי שיין געוואָרן!

נעכטן ערשט די מאָנענ דאָ
אין גרינעם כ׳האָב געלאָזט זיי;
איצט איז שווער דערקענען זיי —
אין פּערל־קליידער ראָזע!

נעכטן ערשט נאָך גרינע דאָ —
גרויסע שוין אצינדער!
זאָלן וואקסן אָט אזוי
אלע ליבע קינדער!

1918

דאָס בלאָזל־בלימל

קוק נאָר אָן דאָס בלאָזל־בלימל,
ווי פון הוילער לופט געוועבט,
קוים־קוים פעדערלעך — דאָך זע נאָר,
ווי עס אָטעמט, ווי עס לעבט!

הויך וואַקסט אויס דאָס בלאָזל־בלימל,
ווי א טורעמל אין גראָז.
און א ווינטל טרײַ באַדינט עס —
ווען מע דאַרף, טוט דאָס א בלאָז.

אויסגעבויט איז שלאַנק און לופטיק
אָט דאָס טורעמל־געבײַ:
ניט געזייט און ניט באַזאָרגט עס —
וואַקסט עס אויס דאָך פראַנק־און־פרײַ!

אופגעוואַקסן — טוט עס פלײַסיק,
וואָס צו טאָן דעם איז באַשערט:
זוימענדלעך אַף פּאַראַשוטלעך
לאָזן פאַלן אַף דער ערד...

כאָטש דאָס ווינטל טראָגט אַף העפקער,
לאָזט באַזונדער יעדן אָפּ,
דאָך בעשאָלעם לאָזט דער זוימען
זיך אין פרעמדער פרעמד אַראָפּ.

ווו מע פאַלט — אַדאָרטן בלײַבט מען,
דאָרטן גריבלט מען זיך אײַן.
דאָרטן וואַקסט מען, קויכעס קלײַבט מען
אַף אַ שטאַרק געוויקס צו זײַן!

1946

ציקאָריע

ציקאָריע האָב איך פֿאַרזייט,
די עמעסע, די דופּטיקע!
די גרויסע זומערלעך פֿאַרנייט
אין בייט מיט ווייך־ערד לופּטיקער.

געגלוסט האָב איך, באַגערט:
אין צאָפּנדיקער ערד,
בא שניי־בערעזעס קלאָרינקע
זאָל אויסוואַקסן ציקאָרינקע.

די דופּטיקע, די ריכטיקע,
די ביטערלעך־געדיכטיקע,
וואָס כ׳פֿלעג באַקומען קליינערהייט
פֿון באָבען מייַנער צוגעגרייט,
מיט ציגן־מילך פֿאַרפֿלאָמבירט,
וואָס ליגט נאָך הייַנט אין טאַם בא מיר.

איצט קום איך טאָג־בא־טאָג אַרויס
און קוק מיר מייַנע אויגן אויס,

10–1953

נאָר די דערוואַרטע קומען נישט,
ווי אײַנגענומען שטומעניש!

און הײַנט פֿאַרטאָג, איך גיב א קוק,
צוויי רייען זיך ארויסגערוקט!
צוויי רייען שפּראָצלעך קלאָרינקע —
אוי, זאָגט, איר זײַט ציקאָרינקע?!..

1945

שוין צוגעגרייט

זיך צוגעגרייט שוין בורעקעס,
קאַרטאָפל, קרויט און ציבל,
סע טוען אָן די פּויערים
די לײַבלעך און די שטיוול.

שוין אוגערקעס און קאווענעס
פאַרזײַערט אין די פעסער.
מיט זאַלץ און קריפּ באוואָרנט זיי
און צוגעדעקט מיט פרעסן.

און ראַדיאָ ארײַנגעפירט —
דאָס גאַנצע לאַנד צו הערן!
און לערנביכער אײַנגעקויפט —
נאָר עפן אוף און לערן!

אָט נאָך א ביסל עפנט מען
די אויסגערוטע שולן,
דער שוואַרצער פּאַר אָף פעלדער ליגט
ווי גוטע קאַראַקולן.

און סירקע הונט גייט אום אזוי
מיט אויסגעשמירטע לאפּעס;
דאָס הינדעלע — א סטאטעקל,
כאָטש נעם עס און כאָטש כאַפּ עס.

און אלע ריידן ווייניקער
(זיי קאָנען ווערן שטומע),
דער פעטער ארבעט שווייַגנדיק,
אפילע אויך די מומע!

די פויגלען שטייען אָנגענעצט
און פורקען אף די פּלויטן,
בא ביימעלעך בא אייניקע —
אך,
שיילן זיך די הויטן.

1929

פראָסט־ליד

אינעם דרויסן שטייט דער פראָסט,
ווי ער שטייט, אזוי זיך שטייט ער,
גייסט ארויס צו אים — ער לאָזט,
נאָר ווו דו גייסט, אהינצו גייט ער.

האָט מען וועש ארויסגעהאנגען,
איז דער פראָסט דאָס וועש באפאלן
און באשיט עס מיט קריסטאלן.
האָט מען וועש ארויסגעהאנגען —
כאפט דער פראָסט
און מאכט עס הארט,
הארט און פראָסטיק
און פארדארט.
ווי ס'איז אופגעהאנגען,
שטעל אוועק דאָס וועש —
עס שטייט.
טו א שטופּ דאָס וועש —
עס גייט.
עס איז אוועקגעגאנגען!

אויב די זון דערלאַנגט מיט שטראַלן,
גייען אויס די שניי־קריסטאַלן,
און דאָס וועש אין גאַנג וועט פאַלן.

ווינטל, ווינטל, רײַטערל,
אַף מײַן דאַשעק רײַט;
פראָסט, דער פראָסט, דאָס שנײַדערל,
מיר דאָס נעזל שנײַדט.
פראָסט, דער פראָסט, דאָס צופּערל,
צופּעט אין די באַקן.
די שליטנס אַף די שנייען
קנאַקן!

1932

א נײַער שליטן

מע ווייסט, אַף וואָס א שליטן טויג,
אַף שלעפּן און אַף פירן,
אַף אַן א סאַך צו שליטלען זיך,
די צײַט ניט צו פאַרלירן.

נאָר גיי א גאַנצן שליטן מאַך,
וועט דאָס א וואָך פאַרנעמען!
דאַרפסט צוועקעס, בלעך און האַנט־געצײַג,
א זעג, א האַק, א קלעמער!

אמיין האָב איך גאָר צוגעטראַכט
א שליטן, וואָס צעפאַלט ניט,
אָן אינסטרומענטן — דאָך געמאַכט!
אָן צוועקעס — דאָך ער האַלט זיך!

איך האָב א לאַנגן אײַזן־פרענט
אזוי באַטראַכט, געבויגן,
אז ס'איז אַרויס א שליטן — פראָסט
א פּראַכט שטייט פאַר די אויגן!

1947

מיטן שליטל

אָנגערוקט דאָס היטל,
א נעם געטאָן דאָס שליטל,
צו דעם בארג דאָרט מיטאמאָל —
און פון דאָרט אין טאָל.

כ׳קען זיך שליטלען ליגנדיק
און זיצנדיק און וויגנדיק,
אויך אף אלע פיר —
ווי סע גלוסט זיך מיר.

טוט א קרים דאָס שליטל,
פאלט אראָפּ דאָס היטל,
פאל איך אויכעט מיט,
נאָר דאָס שליטל ניט.

שליטל פאָרט אליין אוועק,
מיטן לאנגן שטריקל־עק.
טוט א גליטשע ווי א שאָל —
און סע בלייבט אין טאָל.

נאָר מײַן שליטל וואַרט ניט לאַנג,
כ׳פֿלי אַראָפּ צו דעם — דערלאַנג,
און איך הייב אָן נאָכאַמאָל:
פֿונעם באַרג — צום טאָל!

1940

אפן גליטש

גליטשן, גליטשן, גליטשן ווידער,
ווארעם ווערט אין אלע גלידער,
פלאם אין בעקלעך,
קראפט אין הענט,
אין די אויערן פײַער ברענט!

מיט א שליטל,
אָן א שליטל,
אף א קלאָץ, א דראָנג, א ריטל,
אף די קני צי אפן היטל,
היי, אלציינס!
יאט און יאט —
גליטש איז אויסגעגאָסן גלאט!

פראָסט האָט ליב צו זײַן אין דרויסן,
פראָסט האָט ליב א גליטש א גרויסן!
פראָסט האָט ליב, אז מ׳איז ניט מיד!
לאָמיר זינגען אים א ליד:

שמידער, שמידער,
מיט גלעזערדיקע גלידער,

קומסט אף גאנצן ווינטער,
האַלטסט זיך מיט אונדז אונטער,
ציסט אונדז פון די טויערן,
שנעלסט אונדז אין די אויערן,
מאכסט פאַר אונדז טרוקן!
שטעלסט פאַר אונדז בריקן!
און אף באַרג און אף טאָל
שטעלסט פון אײַזן און פון שטאָל,
שטעלסט אַזוינע גליטשן,
אַזוינע גוטע גליטשן!

1926

דער בער אום ווינטער

לויפט ארום א בער אין וואלד:
אָט־אָ איז שוין ווינטער באלד.
ווינטער,
ווינטער,
ווינטער גייט!
און דער וואלד איז אָן א קלייד,
אָן א פויגל, אָן א נעסט,
גאָר א נאקעטער פאר פרעסט.

אין אזא מין גרויסן,
גרויסן,
קאלטן, ווינטיקן
אינדרויסן —
הוילערהייט,
אָן א קלייד!

שטעלט זיך בער באם ברעג אוועק,
ביידע לאפעס אויסגעשטרעקט:
„פעטער שנייער!
כ׳בעט דיך זייער, כ׳בעט דיך זייער,

ס׳איז דעם וואַלד שרעקלעך קאַלט,
שיק אַ צודעק אַראָפּ באַלד!״

פליט דער פּעטער שנייער, פליט ער:
שיט ער, שיט ער, שיט ער, שיט ער
פּוך און פּוך,
אָן אַ ברעג,
באַלד דעם וואַלד שוין צוגעדעקט.
לויפט צוריק אין וואַלד דער בער,
פרײלעך־דרײלעך הין־און־הער —
ס׳פּאַלט דעם וואַלד אַ קלייד אויף ווינטער!
לויפט דער בער, און באַלד פאַרשווינדט ער.

— וווהין איז ער אַנטלאָפן?
— געגאַן זיך לייגן שלאָפן!

1928

ארויס פון די קאַליוזשעס

מע טיאָפּקעט אין פּרילינג
מיט שיך און קאַלאָשן.
די זון אָבער האַלט זיך,
זי ווערט ניט פאַרלאָשן.

איך קלאַפּ מיט א שטעקל
דאָס וואַסער — עס שפּריצט:
די זון — זי צעשפּאַלט זיך,
צעפּליט זיך, נאָר בליצט!

זי בליצט אין די קויטיקע
קאַליוזשעס קליינע,
און פּליעשקעט און פּליוסקעט
און איז נאָך א שיינע.

— ארויס פון די קאַליוזשעס,
זאָגט מען דיר, זון!
וואָס האָסטו מיט קויטיקער
וואַסער צו טון?

— איך קריך ניט ארויס,
ביז איך טרינק זי ניט אויס!

1927

דער בושל

נאָך וואַרעמען רעגן,
אין די וואַרעמע גראָזן,
מיט זומפּיקן ברעג
אַף דער יאַגד זיך געלאָזן,
מיט די גייערס די רויטע,
מיט די באָרוועסע, לאַנגע
אינעם וואַרעמען כליופּ —
אָט אָ־דאָס הייסט געגאַנגען!
ווי אַ טענצערל שפּאַנט ער,
מיטן קעפּל פאַרוואַרפט ער —
שטעכט דאָס גראָז מיט זײַן שפּיז
מיט דער געלער און שאַרפער,
עפּעס זוכט ער אין בלאָטע,
און דאָס עפּעס דערשרעקט זיך,
טוליעט אײַן זיך אין גראָז,
טוט אַ שפּרונג און פאַרשטעקט זיך.
נאָר דער פּראַנט דער געפּוצטער
קריכט אין בלאָטע, מעכילע...
צוליב וואָס? נאָך אַ מויז,
נאָך אַ פראָש צי אַ גרילער!

— איז קעדײַ דיר זיך שמירן
מיט א פּראָש, מיט א מײַזל?
— ס'איז קעדײַ, — מאכט דער בושל, —
מײַנע קינדערלעך שפּײַז איך!

1945

דער אווטאָ־שפּריצער

דער אווטאָ־שפּריצער איז ארויס
אף די ברייטע גאסן.
ער לייגט מיט וואסער־וואָנצן אויס
אף ביידע זײַטן פּאסן.

די וואסער־וואָנצן שפּריצן ווײַט,
שטראָצלדיק צעשטראלטע.
איז ווער ס׳א לײַט — דער שטעלט זיך צו
און קריגט א באָד א קאלטע!

הא, פריש מע ווערט! די גאסן פריש,
שפּיגלדיק, פארגאפּטע,
אָט אויב דער רעגן רעגנט נישט —
בארעגנט אונדז דער אווטאָ.

גאס־אויס, גאס־אײַן
פּאמעלעך
שפּאצירט דער אווטאָ
פריילעך,
די ברייטע וואָנצן
א צעפּאָך,
ער באָדט און ניסט

11–1953

און טרײַבט דאָס מיסט.
און איך פֿון הינטן
לויף אים נאָך
און נעם א באָד אומזיסט!

1946

צוויי פרײַנט

די צוויי זײַנען פרײַנט —
ס׳קאָן בעסער ניט זײַן!
ווי איינס פארן צווייטן
זיי שטעלן זיך איין!

כאָטש צוויי — נאָר זיי זײַנען
א גאנצע כאוורײַע.
זיי שפּילן טשאפּײַען,
זיי פירן פיל שלאכטן,
און זשוקעס באטראכטן,
און ווײַמפּערלעך זוכן,
און האָבן ליב קוכן.
אויב איינער געווינט —
איז דער פרײַנט זײַנער שײַנט.
אויב איינער א ביס טוט —
איז ניסט אויך דער פרײַנט.
מע וויל זיך ניט פּאטשן,
און באָרען זיך — יאָ.
אוןביידע פארקאָכטע
אין לויף פון אווטאָ.
אָט לויפט מען אים נאָך,

דער שטויב דעקט זיי ביידן,
אריַין איז מען קינדער,
ארויס איז מען שיידים.

זיי זיַינען צוויי פריַינט
די טעג דורכאנאנד.
מ׳איז איינס פארן צווייטן
אן איַיזערנע וואנט!

1946

פּאַגאַנעס

װער האָט נאָך קײן פּאַגאַנעס ניט?
כ׳װעל אױסלערנען, איך קאָן עס...
פּארב אָפּ, מאָל אױס צװײ ברעטעלעך,
איז האָסטו צװײ פּאַגאַנעס.
כ׳האָב עס אױסגעפּרוּװט אלײן,
ס׳האָט געפּאסט מיר זײער שײן!

נאָר עמעס, כ׳האָב געכאפּט א פּסאק
פון מאמען מײַנער — יענעם!
װאָס כ׳האָב מײַנע פּאַגאַנדעלעך
מיט דראָט געטאָן פארקלעמען.
ס׳העמדל טאקע איז א שאָד,
נאָר ס׳האלט זיך שטארקער מיט א דראָט!

— איך זע, דו ביסט א לײטענאנט
אף אלע צװײ פּאַגאַנעס!
איז װוּ איז, זאָג מיר, דײַן פארשטאנד,
און עמעסער װעט טאָן עס?! —
האָט די מאמע זיך געקלאָגט,
כ׳האָב איר גאָרנישט ניט געזאָגט.

אצינד וועל איך קאַרטאָנדלעך שוין
אין זילבערלעך פּאַרוויקלען,
כ'וועל אַ גאַנצן קאַפּיטאַן
מיט שטערנדלעך באַציקלען,
אַ קוק צו טאָן וועט זײַן אַ פרייד,
ווען איך וועל זײַן צום שווימען גרייט!

1946

ערעוו דערוואכן

סע האַלט נאָך דער שלאָף
מיר די אויגן פארמאַכט,
דאָך הער איך, ווי אָפּענער
דרויסן דערוואַכט.

און זון קומט אַראָפּ
און צעעפנט די טיר.
און אַ שטיק פון דער וועלט
גייט אַדורך פאַר מיר.

סע גייט פאַר מיר דורך
די באַוואַקסענע ערד;
סע שאָקלען די מערן
די העלגרינע בערד;

אָט גייט קוקורוזע
געפּאַקעוועט פעסט,
אין פלאַשטשן געהילט,
ווי געהיט זיך פאַר פרעסט;

סע גייען פּאַמידאָרן,
די בעקעלעך רויט.
איך שפּיגל זיך אָנעט
בא זיי אין דער הויט,

איך און מײַן שלאָף
און מײַן בעטל אין זיי —
דאָ כאַפּ איך זיך אויף,
און אין דרויסן איך גיי!

1947

כאָלעם

מיר אז א כאָלעם
כאָלעמט זיך אָן,
וועק איך זיך אוף
און קוק זיך ארום.

א כאָלעם א גוטער —
א כאָלעם איז בלויז!
א כאָלעם א שלעכטער —
לאַך איך זיך אויס.

אראָפּ פון געלעגער,
דאָס וואסער איז פריש,
סע כיינדלט און שיַינט
די טיי אפן טיש.

און פריש איז די לופט,
א פייגעלע רופט.
כ׳האָב עס אליין אלץ
אויסגעפּרוּווט!

1936

די קליינע ווערבע

אין הויף האָט מען געבויט
א נײַע שטוב און קאמערן,
אין הויף האָבן גערוישט
די זעגן און די האמערן.

אוווּ מע גייט און שטייט,
איז וואלגער־האָלץ און זעגעכץ,
מיט ליים און שטויב און דזעגעכץ
אין איין געדריי פארדרייט.

און דאָ, אינמיטן־דרינען,
אין קלעם פון זעג־געשטעלן —
איז א קליינעםביימל
צעבליִען זיך געפעלן.

ס׳האָט קיינער ניט געפלאנצט עס,
זיך קיינער ניט געקימערט,
אליין דאָס קליינע ביימל
האָט זיך באזאָרגט דעם זומער.

פאר ענגן אָרט — קיין מוירע ניט,
פאר מיסט און נויט — קיין שרעק ניט,
גרינג און פריש און צוטרוילעך
צום העלן הימל שטרעקט זיך.

די בויער קוועלן אָן,
ווי דאָס האָט זיך צעבליט,
זיי גייען עס ארום
מיט ליבשאפט און געהיט.

1939

נעפּל

אוי, וווּ איז די קו שוין ווידער?
שווערער נעפּל בידערט, בידערט,
שווערער נעפּל דעקט די ערד,
מאַני, קו דו, קום אַהער!

נעפּל, נעפּל, וואָלקן ווײַסער,
אויס, ניטאָ קיין טײַך, קיין הײַזער.
אַלץ צעגייט אין ווײַסן רויך,
נאָך א ווײַל צעגיי איך אויך!

נאָר א בארג מיט קאָפּ א שמאָלן
וואַרפט דעם נעפּל אין די טאָלן.
וואַרפט דעם נעפּל טיף אַראָפּ
און באַפרײַט זײַן הויכן קאָפּ.

העלער ווערט דער בארג און לויטער,
בלאָסלעך, ראָז, און רויטלעך, רויטער.
און פון נעפּל־טאָל שווימט צו —
צו דעם בארג דאָרט אונדזער קו.

שפּאנט אף באַרג, צום קאָפּ צום שמאָלן,
און דער נעפּל לויפּט פון טאָלן,
און די קו שפּאנט אַלץ אַרוף,
איר אנטקעגן זון גייט אוף.

1930

זעט זשע!

(א שפּרוך)

אייגלעך פון קאַרטאָפל,
אין דר׳ערד גייט אַרייַן!
מיט ערד מיט וואַרעמער
דעק איך אייַך איַין.

ליגט זיך, פּיקט זיך,
וואַרעמט זיך אויס.
די גרינע היטשקעס
שטעקט אַרויס.

כ׳וועל אייַך באַשאַרן,
פּוצן און קעמען,
וועט אייַך דאָס ווילדגראָז
ניט פאַרקלעמען.

וועט איר אָטעמען
קאָנען פרייַ,
וואַקסן נייַ —
הויך און בייַכיק,

פעסט און קײַל׳כיק,
היי זשע, זעט זשע,
ווערט אונדז שטארק,
וואקסט אונדז אויס
אזא־אָ בארג.

צום קאָכן, צום רײַבן,
צום קוועטשן און בראָטן,
אַף טויזנט געריכטן
זײַט אונדז געראָטן!
היי זשע, זעט זשע!

1945

די דרייסטע שפּערלעך

איינמאָל זיץ איך אינעם סאָד
און זע א קאַץ א גרויסע,
דעם עק פֿארבויגן ווי א ראָד,
וואָס איז די קאַץ דאָ אויסן?

א פּאָרל שפּערלעך אויף א בייט
פֿארטאָן אין פּיק־איניאָנים,
ווער טראַכט אין סאַמע זומער־פֿרייד,
אַז ס'איז פֿאַראַן דאָ סאָנים?

די קאַץ קריכט נעענטער אין קאָן
צו זיי און ווייך באַלעקט זיך.
אָט נאָך א ווײַל, און זי פֿאַלט אָן,
און זייער לעבן עקט זיך.

איך וויל שוין אופֿשפּרינגען פֿון אָרט
דאָס אומגליק צו פֿאַרהאַלטן,
האָט זיך אליין די פֿייגל־פּאָר
א הייב געטאָן מיט געוואַלדן —

מיט גרויס געשריי די קאַץ געדעקט,
זי אומצובראָכענגען גרייטע,
די קאַץ — ווי אײַנגעדאַרט פון שרעק —
האָט גיך געמאַכט די פּלייטע.

דאָס פּאָרל איבער איר, נאָך איר,
פאַרפּאָלגט זי מיט די גוואַלדן,
ביז האַרט צום לאָך אונטער דער טיר,
וווּ זי האָט זיך באַהאַלטן.

1945

אין סעדער

עפּל פּעפּינקעס און פלוימען
און די שווערע בארן־בער!
בעטן ביימער: „ליבע קינדער,
נעמט אראָפּ א קאָפּ, ס׳איז שווער“.

לאָזט זיך כעוורע לאנג ניט בעטן,
לאנג ניט בעטן — צוליב וואָס?
אף דער ערד איז אָנגעשאָטן,
פול מיט פּרוכטן אפן גראָז.

פריִער פּילט מען אָן די קוישן,
גלײַך פון ביימער — ניט פון שאָט.
פולע קוישן, פולע קוישן
פאר די ארבעטער פון שטאָט.

נאָכדעם עסט מען זיס און זאפטיק,
זאפט און זיסקײַט — האָניק־ווײַן.
ווען אין מויל שוין קאָן ניט קריכן —
קריכט אין קעשענע ארײַן.

פולע קעשענעס געפּאַקטע,
קוים צו רירן זיך מיט זיי,
און עס גלוסטן נאָר די אויגן,
נאָר די ביַיכלעך טוען וויי!

מוז מען אָפּרוען א ביסל,
און א לייג זיך אפן גראָז,
קוקט אַראָפּ א באק פון עפּל,
און פון פלוים א בלויע נאָז.

און א בינטל שוואַרצע וויַינשל,
אַף דער לעצטער צוויַיג, אָן דאָרט,
אַך, זיי לאָזן דאָך ניט רוען,
און א כאַפּ זיך פונעם אָרט.

קריכן, וואַרפן, טרייסלען, ריַיסן,
פלאַטער־פליטער, בלעטער־בלאַט!
און געפּאַקט שוין, און באַקומען,
און א לייג זיך ווידער מאַט.

און אַריַינגעשטעקט די ציינדלעך
און געהאַלטן לאַנג אַזוי, —
עפּל, באַרן, וויַינשל, פלוימען,
אַך, ווי גוט איר זיַיט, אוי, אוי!

— ווער פאַרזייט די פּרוכט אַף ביימער?
ווער גיסט אָן אין זיי דעם זאַפט?
שטעלט זיך איינער אויף און ענטפערט:
— ווייסט איר דען ניט, ווער דאָס שאַפט?

גוטע גערטנער, גוט־געניטע,
גוטע גערטנער, פרײַע מי —
פירן אָן מיט בוים און זאפטן,
היטן אָפ פון פראָסט און גלי.

זיי באשטעלן עס די פארבן,
שטעלן אָפ די גרייס, די קליין,
און באקליידן און באצירן
אלע פרוכטן איידל, שיין.

דעם־אָ עפל מאכן װײַניק,
און איענעם — האָניק־זיס,
אָט די בארן — עטװאָס טערפקע,
יענע — קאשיק, אזש צעפליסט.

דאָ — א נאָפעלע א שפיציקס,
דאָרט — א בעקעלע א ראָזס,
דאָ — א קעפעלע א שװארציגקס,
דאָרט — א געלבלעך־לאנגע נאָז.

ביז עס קומען אָן די קינדער,
און די פרוכטן זיי געפעלט —
פרייען זיך די גוטע גערטנער,
און דאָס פאָנעם בא זיי קװעלט:

רײַסט און טרייסלט אָפ די פרוכטן!
זאפט און זיסקײַט — האָניק־װײַן.
װען אין מויל שוין קאָן ניט קריכן —
שטופט אין קעשענעס ארײַן!

1931

דער גאָלד־זשוק

דער גאָלד־זשוק איז פֿריילעך,
א גליק האָט געטראָפֿן:
ער איז פֿון דער זשאבע
א גאנצער אנטלאָפֿן.

סע האָט הײַנט די זשאבע
פֿארשלונגען אים שיר...
ר׳איז קוים מיטן לעבן
אנטלאָפֿן פֿון איר...

איז לויפֿט ער איצט פֿריילעך
נאָך רויפֿן אין גאָרטן,
טרעפֿט ער גאָר קלייניקע
רויפּעלעך דאָרטן.

— הײַנט עסן קלייניקע?
די קליינע הײַנט? ניין!
ער שפּאנט זיי אריבער,
לאָזט ווײַטער זיך גיין.

סע פינקלען די טויען
מיט אלערליי פארבן,
סע גייט מיט א טענצל
דער גאָלד־זשוק אף ארבעט.

אונטער די גראָזן
איז טונקל און קיל,
איבער די גראָזן
איז זון אזוי פיל.

פאראן אונטער גראָזן
טונעלן און וועגן,
דער גאָלדענער האָט דאָרט
באקענטע באגעגנט.

אָבער מיט קיינעם
קיין שמועס ניט פארפירט,
נאָר מיט די וואָנצעס
קוים יעדן בארירט.

„די רופן די גרויסע
אליין וויל איך פאקן!
די גרויסע, די גרעסטע
אליין וועל צעקנאקן!

שווארץ איז מײַן פאנצער,
סע גלאנצט אזש די הויט!
גאָלד — מײַנע פליגל,
די פיס מײַנע רויט!“

דערזעט ער א רויפּע
א גרויסע, א גראָבע,
איז וויל ער זי נעמען,
דערשרעקט ער זיך אָבער.

אזעלכע באַדאַרף איך!
אזא איז א גליק!
וויל ער זי נעמען,
נאָר כאַפּט זיך צוריק.

דרייט זיך דער גאָלד־זשוק
ארום לעבן ביסן.
ער הייבט זיך, ער בלאָזט זיך,
נאָר קאָן ניט געניסן.

איז ער געלאָפן,
דריַי זשוקעס געבראַכט,
האָט מען אינפּירען
דעם אָנפאַל געמאַכט.

האָט מען אינפּירען
די רויפּע געכאַפּט,
האָט מען אינפּירען
די רויפּע צעקלאַפּט.

1939

בארסוקעס

ווי קאָנען זיי וואקסן
אָן זון און אָן שײַן?
ווי קאָנען זיי וואקסן
און קרעפטיקע זײַן?

איך מיין די בארסוקלעך
די קליינע אין וואלד,
וואָס טיף אין דער נאָרע
די מוטער זיי האלט.

זי לאָזט זיי באטאָג דאָך
אין וואלד ניט ארויס.
אין וואלד גייען יעגערס,
זיי כאפן זיי אויס.

די יעגערס — זיי דארפן
די פעלעכלעך בלויז.
די מוטער וויל אָבער
ניט ליידן און אויס!

זי דארף זיי, זי דארף זיי
אײנגאַנצן אַליין!
זיי וואַקסן אין נאָרע
אי קרעפּטיק אי שיין.

און טאָמער באַדאַרף מען
א קאַפּעלע זון,
איז אויב מע באַדאַרף נאָר,
איז קאָן מען עס טון.

דערוף איז די מוטער
אוואדע ניט פֿויל,
פֿאַמעלעכן כאַפּט זי
דאָס קינד אינעם מויל

און טראָגט עס אין דרויסן,
אין וואַלד אַף דער פֿריש,
אָט דאָרט, ווו די זון איז
מיט שאָטן געמישט.

זי שטעלט זיי, די קליינע,
זי שטייט לעבן זיי,
און ווען זיך דערוואַרעמט,
איז ווערט א געשריי!

„מיר ווילן ניט מערער
די וואַרעמע זון! —
מיר האָבן גענוג
אין די נאָרעס צו טון!

מיר ווילן ניט מערער,
סע בריט אונדז, סע שטיקט!״
דערשרעקט זיך די מוטער
און שלעפּט זיי צוריק.

זי פּרוווט זיך פֿאַרכאַפּן
צו צוויי מיטאַמאָל.
אין נאָרע איז בעסער,
ס׳איז קיל און סע שמאָל.

ס׳איז שמאָל, און ס׳איז פֿינצטער,
ניטאָ דאָרט קיין זון.
וואָס דאַרפֿן באַרסוקלעך
נאָך בעסערס דערפֿון?

1934

דער צווילינג

א פּאַרעלע וואַקסט בא דער שכיינע
ביז גאַר, נו ביז גאַר אלציינע.
ווי צוויי טראָפּן וואַסער מ׳איז ענלעך,
און ווער איז דאָ ווער — ניט דערקענלעך.
איך קום אָפּט צו העלפן דער שכיינע,
כ׳האָב ליב פּירן שפּיל מיט די קליינע.

דאָס פּאַרעלע ליגט אין די וויגן
און ענדיקט דעם שלאָף־פאַרגעניגן,
דערזעט זיך אין מיט פון דער וועלט
מיט אלערליי זאַכן באַשטעלט!
ס׳איז דאָ וואָס צו זען און צו הערן,
צו טאָן און צו פאָרשן, באַקלערן!

— אצינד, מײַנע זינדלעך, גוואַרדייער,
די הייזלעך — און וואַשן זיך גייען! —
זיי פלאָנטען נאָך דאַפּקע קעסיידער
דעם פאָרנט און הינטן פון קליידער.
און איצט קומט דאָס ראַשיקע וואַשן
מיט לויטערן וואַסער דעם ראַשן,

דאָס אָנזייפֿן גלײַטשיק און גלאַט,
מע קאָן זיך ניט אָנוואַשן זאַט.

דאָ רופֿט זיי די קאַץ אונטערן טיש־דעק,
מע מוז אָבער פֿריִער צום פֿרישטיק.
די קאַשע איז ראָז אין די טעלער,
די מילך אין די טעצלעך איז העלער.

און איינער פֿון פּאָרל זיך ציט
צו אַלץ, וואָס עס בליאַסקעט און גליט,
וואָס בליצט און וואָס שימערט און פֿינקלט.
פֿון טײַ־קאַן פֿאַרכאַפּט איז דאָס ייִנגל.
ער האַלט אין באַהערשן דאָס וואָרט
„סע בלישטשעט", ער כאַזערט עס פֿאָרט,
כאָטש שווער איז, סע קומט אַלץ ניט אויס...
„סע בליצטעשׂ" פֿון מויל קומט אַרויס...

די קאַשע באַהערשט ער פֿאַמעלעך,
אָט דער פֿונעם פּאָרל הייסט מײַלעך.

דער צווייטער פֿון פּאָר איז אַ שנעלער,
ער קוקט ניט אין זײַט, נאָר אין טעלער.
ער פֿירט מיטן לעפֿל געניט,
באַאַרבעט די קאַשע געהיט,
דאָס קעפּל געבייגט, גלײַך ער הערט זי.
ער מעסט זי, און טיילט זי, און שערט זי.

אַ באַן פֿירט ער הין־און־צוריק,
אַ שטיק עסט ער אויף — ווערט אַ בריק.
די בריק עסט ער אויך אויף מיט כיישעק,
אָט דער פֿון דעם פּאָרל הייסט מײַשעק.

דערנאָך גייט מען ביידע אין דרויסן
צו שפּיל און צו טעטיקייט גרויסער.

איך קום אָפּט צו העלפן דער שכיינע —
כ׳האָב ליב פירן שפּיל מיט די קליינע.
כאָטש ביידע אין אויסזעען ענלעך —
אין שפּיל דאָך איז יעדער דערקענלעך.

1945

אף דער הוידלקע

הוידע, הוידע, הוידעשע,
וויג זיך,
זויג זיך,
הוידלקע,
אַט אהין
און אַט אהער —
גיכער, גיכער,
ס׳איז ניט שווער!
לויפט אקעגן מיר
דער וואלד,
און צום וואָלקן פלי איך באלד,
גיך און גיכער,
הוידלקע,
הוידע, הוידע
הוידעשע!
אַט דאָס שטעטל
לויפט אוועק,
דרייט זיך בא דעם טײַכלס עק,
ס׳קומט צוריק
און שטעלט זיך גרויס,
ווערט באלד קליין,

וואַקסט באַלד אויס.
לויפֿט אַ כאַפּטע כעוורע גיך,
ווילן אויכעט הוידען זיך,
גיכער אַפּ און גיכער אויף,
כ׳דאַרף צו וואָלקנס נאָך אַרויף.
אוי, די וועלט, זי שפּילט אַ שפּיל,
דרייט זיך ווי אַ ווינטן־מיל.
שטילער, שטילער,
שטילער, שטיל,
אָט אַזוי,
שטיי!

•

1935

פּיסקלעך־שנאָבעלעך

קאַנאַריקעס און שפּערלעך
פּיקן, פּיקן קערלעך,
פּיקערס, פּיקערס שרעקעדיקע,
שנעבעלעך דרייַעקעדיקע,
דרייַעקעדיק און פעסט
יאָדערלעך מע פרעסט.

אין די פרישע פרייִען
פליִען שוואַלבן, פליִען,
שנאָבעלעך ברייטביינערדיקע
כאַפּן פליגלעך שוועבנדיקע,
אייַנצושלינגען גרייט
פליִענדיקערהייט.

די הינער און די הענער
שפּייַזן זיך נאָך שענער:
קערעלעך איז קערעלעך,
ווערעמלעך איז ווערעמלעך.
אין די מיסטן, אויף די וועגן,

פארן רעגן, נאָכן רעגן,
א שפּאן — א פּיק, א פּיק — א שפּאן,
קערעלעך פּאראן,
ווערעמלעך פּאראן!

1946

א קאָנפעטל

אָט איז לייבל, לייבל־פייבל!
— קוק, וואָס איך האָב אזא זאך!
— איך האָב אויך, און נאָך א שענערס —
א טרומייטל — שפּיל איך: פּאאאא־אף!

— לייבל, קוק נאָר, קוק אף דער זײַט
און אף דער נאָך, זע נאָר... שא...
זאָג אליין, האָסט שוין געזען
א קאָנפעטל גאָר אזא?

זעסט א דעקל, נאָך א דעקל
און די לעצטע דינע דעק,
אוי א שייַנינקס, אוי א גלעַנינקס,
נא שוין, טו דאָך אויך א שמעק!

— נא דיר, ווילסט אָט דאָס טרומייטל?
און די פארבן אלע אכט?
וויסטו, גיב מיר דײַן קאָנפעטל,
נאָר זיך בײַטן איבער נאכט...

— ניין, איך וויל ניט, כ׳טו א לעק נאָר
און פאַרוויקל ווי געוועזן,
און איך גיי עס לייגן שלאָפן,
און איך לייג זיך לעבן דעם!

כ׳וועל עס מאָרגן דיר ערשט ווײַזן,
ס׳איז אין קישן שוין פאַרוקט...
גיי דיר, לייבל־פייבל איינער,
א מין קוקן, ווי ער קוקט!

1928

א מײַסע

קינדער,
קאַפּינדער,
איציק פּיק!
כ'קען א מײַסע
אָן אנטיק!

נעמט צונויף
די שפּילעכלעך,
די שפּילעכלעך,
די מילעכלעך,
די מילעכלעך,
דאָס הויז —
דאָס מײַסעלע הערט אויס!

קינדער,
קאַפּינדער!
א הון מיט א האָן —
די מײַסע די שײנע,
זי הײבט זיך שוין אָן.

זי הייבט זיך שוין אָן.
א קו מיט א קאלב,
די מײַסע די שיינע,
זי איז שוין בא האלב.
זי איז שוין בא האלב.
א קאץ מיט א מויז —
די מײַסע די שיינע,
זי לאָזט זיך שוין אויס!

נעמט צוריק
די שפּילעכלעך,
די שפּילעכלעך,
די מילעכלעך,
די מילעכלעך,
דאָס הויז —
דאָס מײַסעלע איז אויס!

1917

א בריוו דעם כאווער וואָראָשילאָוו

אוועק איז מײַן ברודער
אין רויטער ארמיי,
מײַן ברודערל ליבער
אין רויטער ארמיי.

כאוועער וואָראָשילאָוו!
כ׳האָב ליב אים א סאך.
כאוועער וואָראָשילאָוו!
אים שטעל אף דער וואך!

א שלאָגלער מײַן ברודער,
פרעמירט אין וואַרשטאַט,
א יאט איז מײַן ברודער,
שוין איינמאָל א יאט!

כאוועער וואָראָשילאָוו!
כ׳האָב ליב אים אזוי!
כאוועער וואָראָשילאָוו,
דאָס לאנד אים פארטרוי!

אַט הערט מען, פּאַשיסטן,
זיי שאַרפן די שווערד,
ניט אַנדערש — זיי ווילן
סאָוועטישע ערד!

כאַווער וואָראָשילאָוו!
דעם ערשטן אין קריג,
כאַווער וואָראָשילאָוו,
מײַן ברודערל שיק!

א שלאָגלער מײַן ברודער,
דער בעסטער בא אונדז!
ער וועט זיי באַווײַזן
א קריכן צו אונדז!

כאַווער וואָראָשילאָוו!
און טאָמער... ער פעלט, —
כאַווער וואָראָשילאָוו,
איז שרײַב מיר דאַן באַלד!

איך בין שוין א גרויסער,
איך וואַקס נאָכאַנאַנד,
איך לערן זיך האַלטן
א ביקס אין דער האַנט.

1932

רינג אין
רינג

דאָס פידעלע

א זייַטל פון א קעסטעלע
און פעדעמער פון שטריק —
מאך איך מיר א פידעלע,
מאך איך אן אנטיק.

א צווייַגל פון א ביימעלע,
לאנגע האָר פון פערד —
צי איך אָן א סמיטשיקל
און צעשפּיל זיך, הערט!..

די בין בלייַבט שטיין און זשומעט ניט,
די קאַץ פאַרייַסט דעם קאָפּ,
סע לאָזן זיך די לאָשעקלעך
אוועק אין א גאַלאָפּ.

די הון פאַרגעסט די הינדעלעך
און הערט זיך צו מיר איַין.
— פאַרגעס ניט, הון, די הינדעלעך,
זיי וועלן אין טאָפּ אריַין!

סע שפּילט, סע שפּילט, מײַן פידעלע:
טרײַ־לי, טרײַ־לי, טרײַ־לײַ!
דרײַ פּיקערס אפן קארשנבוים
טשיריקען צו דערבײַ.

דרײַ פיקערס אפן קארשנבוים
מיט העלדזועלעך ווי אש.
סע טוט א פאָך א ווײדעלע,
פאלט אראָפּ א קארש.

נאָר קײנער דארף קיין קארשן ניט, —
מע הערט דאָך מײַן מוזיק,
יעדער וויל דאָס פידעלע
א צי טאָן מיטן סמיק!

טרײַ־לי, טרײַ־לי, מײַן פידעלע,
טרײַ־לי — און שוין, און עק.
סע רופט די הון די הינדעלעך,
די פיקערס — אויך אוועק!

1928

פײַפּעלעך

ווער ווייסט,
ווער ווייסט, ווי מאַכט מען פײַפּעלעך?
איך וויס, איך וויס, ווי מאַכט מען פײַפּעלעך!

אינעם גראָבן וואַקסט אַ דאָרן,
איז ער דאַר און הויל געוואָרן,
רײַסט מען אים אַרויס,
שנײַדט מען לעכלעך אויס.

פײַפט מען,
פײַפט מען,
פײַפט מען לאַנג,
ביז סע גייט אַרויס אַ קלאַנג.
קלאַנג אַ דינער ווי אַ שטרוי —
ווערט אַ פײַפּעלע אַזוי.

שפּיל איך:
טיורל,
טיורל,
ריל,

קומט צו פֿליִען באַלד אַ גריל,
זעט ער, אַז ס׳איז ניט קיין גריל,
אַז ס׳איז גאָר אַ פּײַפֿל־שפּיל,
פֿליט ער באַלד אַוועק צוריק!

קומט צו פֿליִען באַלד אַ מוק,
אַפֿן פּײַפֿל הין־און־הער,
בייגט דאָס קעפּל צו און הערט,
נאָר פֿאַרשטייט עס דען מוזיק?

פֿליט עס אויך אַוועק צוריק!
נאָר סע הערן עס די קינדער,
קומען זיי מיט אַ געפּילדער:
— פּײַפּעלעך, אוי, פּײַפּעלעך!

יעדער רײַסט אַ דאָרן,
יעדער פּײַפֿט און בלאָזט.
איז אַזוינס געוואָרן —
ציטערט אַזש דאָס גראָז!

1930

דאָס קעצעלע

באַ אונדז איז דאָ אַ קעצעלע,
אַ קליינינקס אַזאַ־אָ!
די מאַמע זאָגט, ס'ע טויג אונדז ניט,
איך ווייס, מיר טויג עס יאָ!

אַזוי איז דאָס אַ שוואַרצינקס,
נאָר פּיסלעך — ווייַס ווי שניי,
צוויי גלאַנציק־קליינע וואָנצעלעך,
וואָס שטענדיק פּוצט זי זיי.

די מאַמע האָט דאָס קעצעלע
פֿאַר מייַזעלעך געבראַכט,
שפּילט זיך דאָס אַ גאַנצן טאָג
און שלאָפֿט זיך גאָר באַנאַכט!

אָך, איז דאָס אַ לעבעדיקס,
איך שפּיל מיט דעם אין האָף,
ס'ע דראַפּעט מיר די הייזעלעך
און קריכט מיר אויפֿן קאָפּ.

איך קיצל דעם די אויערלעך
די גלאטע, ווי א פליוש,
סע פארמאכט די אייגעלעך,
גלעט איך זיי און קוש.

ווען צוריק סע עפנט זיי,
בין איך שוין גאָר ניטאָ.
שפרינגט עס, טאנצט עס, זוכט מיך אום,
זוכט א גאנצע שאָ.

זוכט מיך אינעם אייוועלע,
אין קריגעלע, אין טאָפּ,
און פון דער הויכער פּאָליצע
פאלט עס אפן קאָפּ.

מיר שפּילן זיך און שפּילן זיך
און שלאָפן אף דער זון.
ווער און וואָס מיר מײַזעלעך,
מע האָט ניט וואָס צו טון?!

נאָר איינמאָל מיט דעם קעצעלע
געטראָפן האָט א זאך:
די מאמע האָט געזען עס
מיט מײַזעלעך א סאך,

ווי סע טאנצט און שפּרינגט מיט זיי,
שפּילט זיך אן אנטיק!
פּאָכעט מיט דעם עקעלע
און מאכט די מײַזלעך שטיק!

די מאמע האָט געכאַפּט עס באַלד
און גיך אַרויס פון שטוב,
פאַרטראָגן עס צום הינטערהויז,
אַראָפּגעלאָזט אין גרוב.

איך האָב זיך דאָ אַרומגעדרייט
און שטיל געוויינט, געברענט,
אַפילו מיט די לאָשעקלעך
זיך שפּילן ניט געקענט.

נאָר שפּעטער מיט אַ ווײַלינקע
(די מאמע איז נאָך ניטאָ),
האַ־אַ! איך הער באַם טירעלע,
דאָס קעצעלע איז דאָ.

מיר האָבן זיך דערפרייט אַזוי
און גלײַך פאַרפירט אַ שפּיל,
געקומען איז די מאמע באַלד
און נאָר געשמייכלט שטיל.

בײַ אונדז איז דאָ דאָס קעצעלע,
דאָס קליינינקע, דאָס־אָ,
די מאמע זאָגט, סע טויג אונדז ניט,
איך ווייס, מיר טויג עס יאָ!

1918

דער באבעס הענט

און ליאָווקע קען די באבע
פון סאמע אָנהייב אָן.
איר ליב און ליכטיק פּאָנעם,
איר ריידן און איר טאָן,

איר לאכן און איר שווייַגן,
איר ענטפערן, איר בליק —
באומרויִקט, צערודערט,
בארויִקט און באגליקט.

נאָר מער פון אלץ פארכאפּט אים
און קישעפּט אים און בלענדט
דער באבעס שטארקע, פלינקע
און הארטע, צארטע הענט.

ווי שטארק געהילץ זיי ברעכן,
ווי פלינק א טייג מע קנעט,
ווי גראָב זיי וואשן דילן,
ווי צארט איז זייער גלעט!

14–1953

זיי טוען אָפּעט מײַסים
מיט זאכן אָן א שיר!
זיי פליקן, און זיי גייען,
ווי קלוג איז יעדער ריר!

זיי בײַטן זיך, זיי מינען,
אָט רויט, אָט בלאָוו, אָט בלייך,
זיי זינגען, און זיי טאנצן,
דערציילן מײַסעס ווייך...

דאָס קליינע קינד, סע הערט עס
פארטראָגן און פארבלענדט,
דער באבעס קלוגע, שטארקע
און ליבע, צארטע הענט!

1944

צוויי און צוואנציק גוואַרדיאָנען

צוויי און צוואנציק גוואַרדיאָנען
רוען דאָ אין ווײַסן הויז,
איבער טירן רויטע פּאָנען
רוישן ניט, נאָר פאָכען בלויז,
צוויי און צוואנציק גוואַרדיאָנען!

צוויי און צוואנציק ערד־באַזיצער,
רײַך ווי קוירעך שלאָפן דאָ,
פעלד און וואַלד ווי ערן־שיצער
האַלטן וואַך בײַ זייער קאָפּ!
צוויי און צוואנציק ערד־באַזיצער!

צוויי און צוואנציק, ברייט זיי ליגן
אין קאָנוועערטן ווײַס ווי שניי,
אין די צוויי און צוואנציק וויגן
ראָז־פאַרפאַליעט שלאָפן זיי.
צוויי און צוואנציק קלאָרע וויגן.

צוויי און צוואנציק יונגע מאמעס
קומען אָנזייגן דעם הורט,
קומען אָנזייגן דעם נאכעס
פון קאָלווירטישן געבורט!
צוויי און צוואנציק יונגע מאמעס.

1937

אפן שפּאַציר

מע עפנט אין יאַסלע די טירן —
די קינדערלעך פירן שפּאַצירן.

בא הענטלעך מע האַלט זיך צו פּאָר —
כאַווײרים פון צוויי ביז דרײַ יאָר.

די פענעמער — קײַלעכיק, ראָז,
דער דרויסן — אַ גרויסער, מיט גראָז.

דער דרויסן — איז הימל און ערד,
אָט לויפט נאָך אן אויטאָ אַ פערד.

און פּלוצעם — אַ וואַסערל לויפט,
אַ וואַסערל לויפט פון אַ הויף,

פון עפּעס אַ הויפישן קראַן,
די ברייט פון אַ קינדערשן שפּאַן!

איז בלײַבן די קינדערלעך שטיין,
דערוועגן זיך ווײַטער ניט גיין.

א וואסער! וואָס זאָלן זיי טאָן?
די לערערן קוקן זיי אָן.

— אריבערצושפּרינגען איַיך שווער?
אנו, גיט די הענטלעך אהער! —

און באַלד טוט א הייב אין דער לופט
א קורצן, א קינדערשן גוף.

— איך וויל ניט, איך קען עס אַליין,
דאָס טײַכל אריבערצוגיין!

א שפּאַן געטאָן האָט ער, דער שנעק —
און גליקלעך אריבער דעם ברעג.

1941

צוויי פעטערס

צוויי פעטערס איך האָב,
צוויי פעטערס איך האָב,
איך וויל זיך פאר אײַך ניט בארימען.
צוויי פעטערס איך האָב,
אנדריי און פראָקאָפּ —
אין שיף אונטער וואסער זיי שווימען.

אנדריי איז א ברען,
און מײַסעס ער קען
פון רײַזעס און שלאכט צו דערציילן.
פּראָקאָפּ — יענער קען
זיך באָרען מיט צען,
און כײַעס מיט גראָז קען ער היילן.

זיי היטן די טיף
פון פײַנטלעכער שיף,
מײַן מאמעס צוויי לײַבלעכע ברידער,
מע וואכט באם שפאקטיוו,
מע רוט אין דער טיף,
און פריילעך מע זינגט דאָרטן לידער.

קיין שלעק אפן פלאך,
אין וואסער קיין זאך
וועט קיינמאָל די צוויי ניט דערשרעקן,
מ׳איז ג׳זונט און מע לאכט,
מ׳איז טרוקן — א פראכט,
כאָטש שטענדיק אין וואסער זיי שטעקן.

צוויי פעטערס איך האָב,
אנדריי און פראָקאָפּ,
איך וויל זיך פאר אײַך ניט בארימען.
אויך מיך ציט אראָפּ!..
איך שווער בא מײַן קאָפּ —
אויך איך אונטער וואסער וועל שווימען!

1940

איך בין א קאָזעקל

בין איך מיר געגאַנגען
יאַגעדעס רײַסן,
טרעף איך אפֿן װעג
א שטיקעלע אײַזן.
האָב איך דאָס שטיקעלע
אײַזן באַטראַכט,
און האָב עס געצויגן,
און האָב עס געבױגן,
און האָב פֿון דערפֿון
זיך פּידקאָװעס געמאַכט.
האָט שוין מײַן פֿערדל פּידקאָװעס.

בין איך זיך געגאַנגען
הוידען און װיגן,
טרעף איך אינעם גראָז
א לעדערל ליגן.
האָב איך דאָס שטיקעלע
לעדער באַטראַכט,
און האָב עס געשקראָבעט,
און האָב עס געטשאָבעט,

און האָב פון דערפון
זיך א זאָטל געמאכט.
האָט שוין מײַן פערדל א זאָטל.

בין איך מיר געגאנגען
פּאָשעט שפּאצירן,
טרעף איך אפן וועג
א זילבערן שנירל.
האָב איך דאָס זילבערנע
שנירל באטראכט,
און האָב עס צעשונדן,
געקניפּט און געבונדן,
און האָב פון דערפון
זיך א צײַמל געמאכט.
האָט שוין מײַן פערדל א צײַמל.

פּידקאָוועס איז דאָ,
א זאָטל איז דאָ,
א צײַמל איז דאָ,
א שווערד און א קאָזעק —
אוואדע איז דאָ, —
נאָר קיין פערדל איז ניטאָ...
און דער קאָזעק
שטייט אף דער ערד,
ווײַל דעם קאָזעק
פעלט דאָס פערד.

ווער וואָלט דעם קאָזעק
א פערדל געבראכט?
איך בין א קאָזעק

און רײַס זיך אין שלאכט.
ווי קאָן א רײַטער
זײַן אָן א פערד?
ווי זאָל ער פליִען
פאָרויס מיט דער שווערד? —
איך בין א קאָזעק —
איז גיט מיר א פערד!

1936

מײַן מעסערל

האָב איך מיר א מעסערל
מיט זיבן קלינגלעך!
זיבן קלינגלעך,
ווי די צינגלעך,
ענטפערן, אף וואָס איך וויל,
ווען איך צי זיי פונעם שטיל.

דאָס ערשטע קלינגל שניצט,
דאָס צווייטע — קריצט,
דאָס דריטע — רײַבט,
דאָס פערטע — קנײַפּט,
דאָס פינפטע איז א שער,
דאָס זעקסטע איז ניט היך און ניט הער,
און דאָס זיבעטע קלינגל
האָט פארביסן דאָס צינגל
און זאָגט ניט, ווער ס׳איז אזוינס, —
ס׳איז א פארקישעפטס,
א פארטרוימטס,
זײַן סאָד ניט צו אנטדעקן,
זײַן קראפט ניט צו אנטפלעקן.

איך וואַרט, אַז איינמאָל
כאַפּ איך זיך אויף,
און דאָס קלינגל
וועט טאָן אַ רוף:
„פֿאָרהאַנג — הייב זיך,
וואַסער — ווײַז זיך,
פֿײַער — אויף!"

פֿאַרהייבט זיך דער נעפּל,
באַווײַזט זיך אַ יאַם,
און אַ זון פֿון יאַם —
הוילע פֿײַער־פֿלאַם.

דערנאָך וועל איך הערן
פֿון גלאָק אַ קלאַנג,
מעקוייעם וועט ווערן
מײַן פֿאַרלאַנג:

אַ שיף וועט קומען,
אַ שנעלער טרעגער,
מיטן נאָמען „יאַמען־יעגער",
מע טוט מיך אָן ווי אַ מאַטראָס —
און איך אין וועלט אַרײַן זיך לאָז!

1946

א בוים

אָט א בוים, אָט א בוים,
אָנגעזייפּט א קאָפּ מיט שוים,
בליטן־שוים, צוויטן־שוים,
אז דעם הימל זעט מען קוים!

זײַנע צווײַגן — ריזן־אקסל,
פול מיט בראָדעווקעס באוואקסן.
ס׳איז דער עלטסטער בוים מיסטאם —
סארא טיפער לאָך אין שטאם!
ווער קאָן וויסן, ווי׳ן ער גייט
אין דער אונטערערד פארדרייט!
ווינט דען עמעץ אין דער טיף?
ווען מיר האָבן א שפּאקטיוו?..

גיב דעם שטעקן:
טוק־טוק!
לאָז נאָר טאָן אף זיך א קוק!
ווער דו ביסט דאָרט, קום ארויס
אף א ווײַל כאָטש פון דײַן הויז!
עפּשער ביסטו דאָרט א האָז?

צי אַ פֿויגל לאַנגע־נאָז?
עפּשער גאָר אַ פּיפּערנאָטער?!
— ביסט אַליין אַ פּיפּערנאָטער! —
שרײַט פֿון דאָרט אַ שטימע אויס,
פֿאַלט מיר שיר דאָס האַרץ אַרויס, —
צי די עכאָ קלינגט פֿון לאָך?
צי אַן עמעץ קרימט זיך נאָך?!

1945

דער טשיזש

ווי מע האָט דעם טשיזש אין שטײַג
געפּעסטעט און געהיט!
נאָך איידער ר׳האָט זיך אופגעכאַפּט,
שוין קערנדלעך פאַרשיט!

און וואַסער פרישע צוגעגרייט,
דאָס מיסט אוועקגענומען,
אַז גוט זאָל דעם דער אופשטאַנד זײַן,
און ווייל זאָל דעם באַקומען.

די אַלע אַרבעט אָפּצוטאָן
מ׳האָט קיינמאָל ניט פאַרגעסן;
נאָר איינס האָט ער אַליין געטאָן:
געזונגען און געגעסן.

נאָר איינמאָל האָט דעם פייגעלע
דער דרויסן שטאַרק פאַרשמעקט,
זיך דורך אַ שפּאַר אַ ריס געטאָן
צום פענצטער — און אוועק!

אן אומגעוווינטן קרײַז געטאָן,
א ברייטן און נאָך ברייטער —
צעטומלט זיך אראָפּגעלאָזט
צו שפּערן אפן לייטער.

זיי האָבן שטום אים פּלאָץ געמאכט
און כשאדיק־בייז געבלאָזט זיך.
נאָר אָט — א הויפן ברעקלעך פּאלט —
איז גלײַך אהין געלאָזט זיך.

ס'איז שפּעטער הארבסט, מ'איז הונגעריק,
ס'נעמט דורך און דורך דער ווינטער,
און דאָ א קעסטקינד — נא דיר גאָר!
און ווער? א טשיזש א פּעטער!

דער טשיזש לאָזט אף א ברעקל זיך,
א שפּערל כאפּט עס אויס.
ער פּאקט א צווייטס — כאפּט אונטער זיך
א צווייטס און רײַסט ארויס...

דער טשיזש איז נעבעך אָפּגעוווינט
פון דרייסטקײַט און פון פלײַס,
ס'האָט קיינער אים ניט צוגעגרייט —
שטייט דער טשיזש אָן שפּײַז!..

1946

15–1953

אז איך וועל אויסוואקסן

יענע, יענע לאָשעקעס
מיט די פֿײַכטע אויגן,
מיט די העלדזער גלאַנציקע
קײַלעכדיק געבויגן.

יענע, יענע לאָשעקעס
מיט די שטאַרקע ציינער,
בא די הויכע קאָרעטעס,
אין די שטאַלן ריינע.

יענע, יענע לאָשעקעס
מיט די איידלע גלידער,
שטעלט זיך נאָר א פליג אף זיי,
טוט די הויט א ציטער.

יענע, יענע לאָשעקעס
מיט די פיסלעך גרינגע,
ווען די שטאַל מע עפנט זיי,
לויפן זיי און שפרינגען,

שפרינגען און צעלויפן זיך,
אזש די ערד זיך טרייסלט,
יענע, יענע לאָשעקעס
קאָן איך ניט פארגעסן!

קאָן איך ניט פארגעסן גאָר,
ווי מע בייגט דעם רוקן,
ווען דער קאָניוך קומט אריַין,
נעמט מען אים באַקוקן.

יענע, יענע קאָניוכעס,
וועלכע ריידן צערטלעך
מיט די ספּריטנע לאָשעקעס,
מיט די הייסע פערדלעך.

יענע, יענע קאָניוכעס
מיט די וואָנצעס הארטע,
מיט די לייַבלעך וואַרעמע,
מיט די קורצע פארטעכס.

יענע, יענע קאָניוכעס,
וועלכע גייען פריַיע
צווישן קעפּ און קאָפּיטעס,
בא די פערד ווי פּיַיער,

האָבן גאָר קיין מוירע ניט,
צווישן זיי זיך רוקן! —
יענע, יענע קאָניוכעס
האָב איך ליב מעסוקן!

אך, אז איך וועל אויסוואקסן,
לאנגע הויזן טראָגן,
קום איך צו די קאָניוכעס,
און איך וועל זיי זאָגן:

„פינעף קינדער זײַנען מיר,
שוועסטערלעך און ברידער,
איינע איז א פליִערן,
צווייטער שרײַבט שוין לידער,

דריטע איז א וועבערן,
נאָך אין שול דער פערטער,
איך דער סאמע פינפטער —
איך וועל זײַן בא פערדלעך!

— אזא יאט א פריילעכער —
ווו ביסטו געוואקסן?
מיט אזוינע מוסקולן,
מיט אזוינע אקסלען!

אינעם קוק דערקען איך דיך:
ביסט פון פּיאָנעריע!
נעם זשע זיך א פערד בא אונדז
און פאָר אין קאוואלעריע!

שפּרינג איך אפן פערד און פלי,
פליִען סאָסנעס, קליאָנען,
קום איך אָן און שפּרינג אראָפּ:
— מארשאל בודיאָני!

אויב אף גוט מע לערנט זיך
און אף אויסגעצייכנט,
איז אין קאוואלעריע
קאָן מען זײַן פארעכנט?

מארשאל דרייט א וואָנצע זיך,
טוט צו מיר א שמייכל:
— וואקס נאָך צו א קאפעלע,
וועסטו עס דערגרייכן.

—ווארטן? ווידער ווארטעניש?
— זאָג נאָר, קענסט דען שיסן?
און צום זאָטל־סטרעמעניע
גרייכסטו מיטן פיסל?

פלי איך גיך ארויס צוריק,
וואקס איך גיך און לערן,
אין קאוואלעריע וועל איך זײַן —
א רײַטער וועל איך ווערן!

1937

בריוו

שרײַבט צו דעם אייניק די באבע א בריוו
אזש פון טיפן וואלד,
קאַטשערעס, לאַפּעטעס שרײַבט זי צו איר:
— קום צו פֿאָרן באלד.

וועווערקעס קלאפּן אין פענצטערל מיר:
— מירעז, מירעז ברענג!
קום שוין צו פֿאָרן, איך וויל דיך שוין זען,
קום אראָפּ, מע בענקט!

ענטפערט די מירע דער באבען א בריוו
אזש אין טיפן וואלד.
שטעקעלעך, פלעקעלעך שרײַבט זי צו איר:
— כ׳קאָן ניט קומען באלד.

כ׳לערן זיך, כ׳לערן זיך פליִען אין הייך,
איז אין צײַט מיר ענג,
דיך און די וועווערקעס גלוסט זיך מיר זען,
גלוסט זיך שטארק, איך בענק.

כ׳לערן זיך, כ׳לערן זיך פליִען אין הייך...
א מאשין איך פיר.
ס׳ווילן פאשיסטן זיך לאָזן אף אונדז —
ווי געפעלט עס דיר?

איך נעם די מאשין,
איז טוט זי מיך פאָלגן,
זי טראָגט מיך אהין,
ארוף צו די וואָלקן.

און העכער, צו ווינט,
צו פראָסטיקע שטרעקעס,
זי טראָגט זיך געשווינד
אין הימל אָן ברעגעס.

און שפרינגען איך קען
אין וואָלקנס, אין שקוואלן,
און, באבע, וועסט זען,
באם וואלד וועל איך פאלן.

זאָלסט קוקן, סע בליט
אין הימל א שירעם,
איז דאָס צו דיר פליט
דיַין אייניקל מיריעם.

א גרוס דיר א פיַינעם
פון זין און פון טעכטער,

פון אייניקלעך דײַנע,
די וואַקסזאַמע וועכטער.

פון שווימערס, פון רײַטערס,
פון פליִערס, פון גייערס,
פון פעסטע סאָוועטישע
העלדן אַרמייער.

1938

דער וואסער־גייער

איינמאָל האָב איך זיך געבאָדן,
טיף אין וואסער זיך געבויגן,
אונטער וואסער האָב איך פּלוצעם
אופגעעפנט ברייט די אויגן.

כ׳האָב דערזען א גרינלעך לאנד,
מיט א העלן גרונט פון זאמד,
אומבאקאנטע פישלעך יאָגן,
לאָז איך גיך נאָך זיי זיך טראָגן,

נאָר סע פעלט מיר אָטעם אויס,
און איך מוז פון טיף ארויס.
כ׳טו א שעפּ מיט לונגען מונטער,
און איך טוק זיך ווידער אונטער.

כ׳זע דאָרט ראָזע שלאנג־געוויקסן,
לאָנקעס אויסגעשפּרייט מיט פּליסן.
און וואָס טוען דאָ צווייי ביקסן,
טיף אין גראָז פארשטעקט די שפּיזן?
כ׳וואָלט זיי גרינג ארויסגעריסן,
פעלט מיר אָבער אָטעם אויס,
און איך מוז פון טיף ארויס.

אוי, דאָס וואסער־לאנד געדענק איך,
נאָך די וואסער־טיפֿן בענק איך,
אין א פלאָט־שול כ׳וועל אריַין —
כ׳וועל אין טיף א גייער זיַין.

א סקאפאנדער וועל איך טראָגן,
אפֿן גרונט וועל איך זיך יאָגן
און וועל אָנטרעפֿן דאָס אָרט,
ווו סע ליגן יענע שיפֿן,
די פארזונקענע אין טיפֿן,
און זיי אופהייבן פֿון דאָרט.

כ׳ווער די וואסער־וועלט געוווירע:
פֿון געבוירן און פֿארלוירן,
פֿון געמינערט און געמערט,
פֿון די גרונט־קוואלן, וואָס פֿליסן,
כ׳וויל אזוי די סוידעס וויסן
און דערציילן זיי דער ערד!

1934

רויטע רײַטער

רײַטן רויטע רײַטער,
וויגנדיק זיי רײַטן,
דינע פּיס בא פערדלעך
צאַקנדיק זיך בײַטן:
צאַק, צאַק,
צאַק, צאַק.

אַף שטיינערנעם ברוקיר,
די פּיקעס אין דער לופט,
פאַרויס דער קאָמאַנדיר.

יאטן אין די זאָטלען —
רײַטן רויטע העלדן,
יאטן פון זאוואָדן,
יאטן פון די פעלדער —
צאַק, צאַק,
צאַק, צאַק.

זיי קוקן אין דער ווײַט,
די פּיקעס אין דער לופט,
די ביקסן אַף דער זײַט,

קלאפּן אף פּלאסטער,
קאָפּיטעס סע קלאפּן,
קאָפּיטעס די פּעסטע
פּלאסטער־שטיין באטאפּן.
צאָק, צאָק,
צאָק, צאָק.
די צוימען אין דער האנט,
די פּיקעס אף פּאָרויס —
צום ראנד פון אונדזער לאנד!

1932

צוגאסט

ניאָ־וויאָ, פערדל,
העץ־העץ, פורל,
גיכער אינעם וואלד אריין —
צו דער באבע מירל!

דאָרטן וואקסן דעמבעס,
שוועמעלעך און גראָזן,
דאָרט — אזעלכע פויגלען
מיט אזעלכע נאָזן!

בא די גרויסע דעמבעס
שפאנט ארום די באבע,
ווי א קליינינק הינדעלע,
א הינדעלע א ראבע.

דאָ איז אין די וועלדער
כייעלעך גאָר קליינע,
מיט דער באבען איז מען
זייער גוטע שכיינים.

ס׳פּיקסל צו דער באבען
קומט אַמאָל אַף פּראַקעס,
מוז מען שוין פאַרבעטן
אויך אַ פּאָר איזשאַקעס.

אָפּגעווישט די וואָנצן,
אויסגעלעקט די שיסל,
בלײַבט מען פאַר גרויס פרײַנטשאַפט
זיצן נאָך אַ ביסל.

אַז איך קום אַהינצו,
העלף קאַבאַקעס שיילן,
האָט די באבע מײַסעס,
מײַסעס צו דערציילן.

שיקט מיך צו דעם ברונעם,
אין עמער איז אַ לעכל,
ריר איך אָן דאָס וואַסער,
רעדלט עס און שמייכלט.

— באבע, ס׳רינט דער עמער!
שרײַ איך. הער איך זאָגן:
— ווען ס׳אַ גאַנצער עמער,
ווי וואָלסטו דערטראָגן?

גיט זי הייסע פּראַקעס,
האַלט איך אין איין בלאָזן,
גיי איך זוכן לעכער,
וווּ עס ווױנען האָזן.

ניאָ־וויאָ, פערדל,
העץ־העץ, פורל,
גיכער אינעם וואלד אריַין —
צו דער באבע מירל!

1931

דאָס פערדל פון באנאַכט

געקומען צו פאָרן
דער פאפע באנאכט,
ער האָט פון דער רײַזע
א פערדל געבראכט.

א פערדל אזא מינס,
ווי מאקס האָט געוואָלט:
דער קאָפּ און די טלאָען
מיט שווארצן געמאָלט.

ניט פּאָשעט מיט שווארצן,
נאָר טאקע לאקירט,
און טאקע דאָס צײַמל
מיט זילבער באצירט.

אזא מין וויל מאקסל
שוין זייער פון לאנג,
אָט שטייט עס, דאָס פערדל,
אליין אף דער באנק.

און קוקט זיך אף מאקסלען,
סע ווארט און סע קוקט,
נאָר מאקסל ווייסט גאָרניט,
ער שלאָפט און גענוג!

פארטאָג ערשט דערזעט ער,
צעשרייַט זיך ניט שיר:
— סע דאכט זיך, א פערדל
פארלאָפן צו מיר!

וואָס איז עס, א כאָלעם
צי טאקע א פערד?
ער רייַבט זיך די אויגן
און קוקט אלץ און קלערט.

און באלד מיט די הענטלעך
א פריידיקן פאטש:
— סע גאָר ניט קיין כאָלעם!
ס׳א גאנצער פערדאטש!

אראָפּ און געכאפּט עס
און טוט עס א פיר,
א ציטער טוט מאקסל
בא יעדן זייַן ריר.

א קאָפּ — איז א קאָפּ,
און אן עק — איז אן עק!
באקוקן די פיסלעך
ער לייגט זיך אוועק.

סע גייט, אז מע שלעפּט עס!
סע שטייט, אז מע וויל!
און אויב עס צעלייגן,
איז ליגט עס דיר שטיל.

פירט מאַקסל דאָס פערדל,
די מאַמע ער וועקט.
ער גייט צו צום פּאַפּע,
ער רייסט אים די דעק.

זיי זיינען פאַרשלאָפן
און ענטפערן קוים:
— מע זעט ניט דאָס פערדל!
מע זעט ניט די צוים!

איז פירט ער עס ווייטער,
זיין פערדעלע פירט,
און קלאַפּט מיט א הענטל
דעם שאַכן אין טיר.

סע ליגט נאָך דער שאַכן,
פון בעט פרעגט ער: — ווער?
— איך וויל דיר באווייזן,
באווייזן מיין פערד.

— איך האָב עס געזען...
מיין טיר איז פאַרמאַכט.
— דו האָסט ניט געזען,
ס'א נייס פון באַנאַכט!

— איך קען עס, דײַן פערדל,
איך קען עס גענוג.
— דו קענסט עס ניט, קענסט ניט.
אָט טו נאָר א קוק!

— איך זאָג דיר, איך קען עס,
אָט הער, אז איך קען:
איין קאָפּ האָט דײַן פערדל.
— ווי ווייסטו עס דען?

— הער ווײַטער, דײַן פערדל
פיר פיסלעך פארמאָגט!
— פיר פיסלעך? פיר פיסלעך!
ווי ווייסטו עס, זאָג?

פארכידעשט איז מאקסל,
פארכידעשט און קלערט:
„ער האָט ניט געזען
און קען עס, מײַן פערד!

ווי קאָן ער עס קענען?
אז ס'איז גאָר בא מיר!"
און מאקס, א פארקלערטער,
קוקט שטיל אף דער טיר.

1938

קאבאקעס

אפֿן גרויסן גאָרטן,
אפֿן געלן פֿעלד
איז בא דער באבע שלאק
אויסגעוואקסן דער גרעסטער קאבאק.

קנישעס וועט זײַן אָן א סאָף,
פֿארן גאנצן דאָרף.
מע וועט באקן און באקן —
און די קערלעך
קיינמאָל ניט דערקנאקן.

גייט די באבע דעם קאבאק
צום בײַדל אריבערפֿירן,
קאָן זי אים ניט רירן.
שטופּט זי, דרייט זי, די באבע,
און פֿארלירט א שקראבע.

לויפֿט צו דער זיידע צום קאבאק
און זאָגט:
„אזא מין נעמט מען אין א זאק“.

און ער באַשפּייַט די הענט
און טוט זיך אַ פֿאַרנעם צום קאַבאַק —
ווערט באַלד זייַן העמד צעקנאַקט!

קרעכצט די באָבע:
קכאַ־קכאַ,
געזען אַ קאַבאַק אַזאַ!
כאָטש לאָז אים דאָ ליגן, דעם בער,
און ברענג אים דאָס בייַדל אַהער!
און דער זיידע קרעכצט פֿאַרשעמט:
אומזיסט, אומניסט צעקנאַקט דאָס העמד.

פֿלוצעם וואַקסט אַ כעוורע אויס,
און איינס אַ יאַטל,
אַזוי די גרייס,
שרייַט:
— אָט אַ קאַבאַק!
באָבע, מיר וועלן דיר העלפֿן אים שיילן,
און דו וועסט מיט שטיקלעך
אונדז אַלע באַטיילן.

דאָ האָט די באָבע געזאָגט פֿאַרטראַכט:
כ׳וואָלט אייַך אַפֿילע נאָך קנישעס געמאַכט.
נאַר? כ׳קאָן אים ניט רירן פֿון אָרט!
איז דאָס יאַטל אַוועק צום געצעלט
און געבראַכט אַ האַק,
און האַקט און האַקט אין קאַבאַק
און צעקנאַקט.

פֿאַר פֿרייד האָט די באָבע
פֿאַרלוירן די צווייטע שקראַבע.

פארגעסן אין העמד האָט דער זיידע,
זיי האָבן א נעם געטאָן ביידע
און מיט הענט און מיט זאק
אריבערגעטראָגן דעם גאנצן קאבאק.
אָנגעפילט די מולטער אין דער שטוב
און פאר דער שטוב א פולן גרוב.
אזויפיל איז געווען קאבאק.

פאר מענטשן אָבער
איז ער ניט געווען געשמאק.
נאָר די קו און די כאזיירים
האָבן דעם קאבאק
געריסן פון די פינגער.
אלץ באלעקט זיך מיט די צינגער
און ניט געקאָנט פארגעסן גאָר.
און קלאָר:
זיי האָבן דעם קאבאק געפרעסן
קימאט א פערטל יאָר.

1931

לעמל ראטעוועט די מילך

די מאמע גייט אהיים,
לויפט לעמל איר אנטקעגן:
— אײַ, מאמע, איז געשען,
דו זאָלסט שוין גאָרניט פרעגן!

א מײַזעלע ארײַן איז
אין מילך, אין גרויסן טאָפּ:
סע שווימט, סע הייבט זיך, רײַסט זיך
און פאלט צוריק אראָפּ!

— האָסטו ניט לאנג געווארט
און דאָס ארויסגעשארט?
— נאָך וואָס? איך האָב אין טאָפּ
די קאץ ארײַנגעשפארט!

1933

פון בעמבע קיין דרעמבע

אײנמאָל האָט לעמל
געלאָזט זיך אין װעג,
פון בעמבע קיין דרעמבע
אין לענג מיטן ברעג.

די באבע פון דרעמבע
האָט קנישעס געגרייט.
דער רייעך פון זיי
אזש קיין בעמבע דערגייט.

האָט לעמל געלאָזט זיך
קיין דרעמבע פארנאכט.
געגאַן און געגאַן
און פון קנישעס געטראכט.

און מיד שוין געוואָרן —
האָט ער זיך געלייגט,
אף איבערצושלאָפן
די נאכט אפן װעג.

נאָר לעמל האָט מוירע
פארפלאָנטען דאָס אָרט,
אָ דאָ־אָ איז בעמבע,
און דרעמבע איז דאָרט!

נו, שטעל איך א סימען
באם קוסטיקל בעז:
די שיכלעך קיין דרעמבע
איך שטעל מיט די נעז...

ער טוט אויס די שיכלעך
און שטעלט זיי אוועק.
און לייגט זיך, דעם קאָפּ
מיטן רעקל פארדעקט.

פארטאָג גייט א ביקל
אף פאשע ארויס...
און טוט מיטן שטערן
די שיך א דריי אויס.

און גייט זיך זײַן וועג דאָרט,
און לעמל דערוואכט,
„אָ, גוט, וואָס דעם סימען
האָב איך מיר געמאכט!

די שיכלעך מיר ווײַזן
דעם וועג מיט די נעז!
באלד קום איך קיין דרעמבע
און קנישעס איך עס..."

לאָזט לעמל אין וועג זיך
און גייט זיך און גייט.
און זעט, אז אין דרעמבע
דאָס בעמבע גאָר שטייט!

די בעמבענער שטיבלעך,
דער ברונעם, די הינט!
ס׳איז דרעמבע? צי בעמבע?
ווּ בין איך אצינד!

ער קוקט אַף די שטיבלעך,
ער קוקט אַף די שיך:
ס׳איז דרעמבע? צי בעמבע?
ס׳איז איך צי ניט איך?

1945

לעמלס מאטאָנע

און איינמאָל האָט לעמל באַטראַכט די לעוואָנע,
נו, איז זי אים זייער געפעלן.
— אָ, דאָס, — זאָגט ער, — קויף איך דער שטוב א מאטאָנע,
איך וועל אפן קוימען זי שטעלן.

אָ, פײַקעלע, פויק,
אָ, קײַקעלע, קויק.
אָ, דאָס איז מיר זייער געפעלן!

* * *

— הער, מאמע, — זאָגט לעמל, — ס׳א מארק־טאָג אף קארשן,
גיב געלט, כ׳וועל אף אײַנגעמאכטס קויפן.
— נו, גיי, — זאָגט די מאמע, — דעם עמער נעם, טאכשיט.
נאָר זע, פאר די פערד זאָלסט ניט לויפן.

אָ, קײַקעלע, קויק,
אָ, פײַקעלע, פויק,
אזוינס ווי אזעלכס כ׳וועל קויפן!

* * *

אין מארק, בא א שטעלכל, פרעגט לעמל מיט מוירע:
— לעוואָנעס פארקויפט איר, רעב קרעמער?
— א שייַלע, — זאָגט יענער, — צי כ׳האָב אָ־די סכוירע!
פארנאכט קום, נאָר לאָז מיר דייַן עמער.
אָ, פּייַקעלע, פּויק,
אָ, קייַקעלע, קויק.
געפאקט כ׳האָב דעם עמעסן קרעמער!

* * *

ווארט לעמל ביז נאכט, און דער קרעמער באווייַזט זיך,
דעם עמער טראָגט צו א פארדעקטן,
ער דעקט אָפּ די דעק — א לעוואָנע אין וואסער
טוט ליכטיק פאר אים זיך אנטפּלעקן.
אָ, קייַקעלע, קויק,
אָ, פּייַקעלע, פּויק.
ער טוט זי באלד ווידער פארדעקן.

* * *

און לעמל באצאָלט, נעמט דעם עמער דעם שווערן,
ער טראָגט אים אהיים, א באגליקטער,
און היט זיך אין גאנג מיטן פוס אים ניט שטערן,
ער ברענגט אים אין שטוב א דערקוויקטער.
אָ, פּייַקעלע, פּויק,
אָ, קייַקעלע, קויק!
זע, מאמע, נו, זע, ווי סע גליקט מיר!

ער דעקט אָפּ די דעק. — אוי, טאַטעלעך מײַנע,
גאָר װאַסער — ניטאָ די מאַטאַנע!
די מאַמע פֿרעגט ביטער: — די קאַרשן װוּ זײַנען?
פֿרעגט לעמל: — װוּ איז מײַן לעװאַנע?!

אָ, קײַקעלע, קויק,
אָ, פּײַקעלע, פּויק!
אַט האָסטו דיר לעמלס מאַטאַנע!

1939

אכאכי

אינעם טאָטער־דאָרף באַם טײַך
איז א מײדעלע דאָרט דאָ.
א מײדעלע, א דרײדעלע,
אכאכי הײסט דאָס מײדעלע.
קײן זיבן נאָך ניטאָ.

אײנמאָל בין איך אף שפּאַציר
אפן בארג געגאנגען.
כ׳זע א שײנע זאַך פאר מיר,
כ׳זע א פּאָר זיך ראנגלען:
א ברעקל קינד, א גרױסע קו,
און אײנס דאָס צװײט לאָזט ניט צורו:

די קו װיל פרעסן נאָר פּאָלין,
נאָר ס׳װיל דאָס קינד ניט לאָזן.
— די מילעך װעט דאָך ביטער זײַן,
דו זוך דיר זיסע גראָזן!

דאָס קינד איז קלײן, די קו איז גרױס,
נאָר פירן פירט דאָס קינד דאָך אױס.

איך קוק זיך צו: ווער איז עס דאָ?
מײַן מיידעלע, מײַן דריידעלע,
אכאכי הייסט דאָס מיידעלע.
קיין זיבן נאָך ניטאָ!

* * *

איינמאָל זע איך פון דער ווײַט —
אוי, א בערגל רוקט זיך!
וואָס? מיט פיס א בערגל גייט?
האָב איך שטארק פארקוקט זיך.
איך זע, סע גאָר א פאק מיט היי
און גייט אף קינדער־פיסלעך צוויי.

א קינד דעם פאק טראָגט אפן קאָפּ
און מיט קיין הענטל האלט ניט.
דאָס דריבנע גענגל וויגט זיך גרינג,
דער פאק זיך האלט און פאלט ניט.

דאָס קינד איז קליין, דער פאק איז גרויס,
דאָך קומט דאָס קינד אָן הענטלעך אויס!
איך קוק זיך צו: ווער איז עס דאָ?
מײַן מיידעלע, מײַן דריידעלע,
אכאכי הייסט דאָס מיידעלע,
קיין זיבן נאָך ניטאָ!

* * *

איינמאָל קום איך צו דעם טײַך,
זע איך, מענטשן קוקן:

17*

ס׳באָדט א קליינס א קלענערס נאָך,
טוט אין טײַך עס טוקן.
און ברייזש וואשט און ווישט און רײַבט,
דער אוילעם קוקט און נאכעס קלײַבט.

דערנאָך ערשט גייט די שווערסטע זאך:
דעם קינד די הייזלעך אָנטאָן.
— דאָס רעכטע גיב, דאָס לינקע גיב.
נאָר ברעקלעך פיסלעך פלאָנטען.

ניט דאָס ארײַן, ניט יענץ ארויס —
די האָרעוואניע איז גרויס!
איך קוק זיך צו: ווער איז עס דאָ?
מײַן מיידעלע, מײַן דריידעלע,
אכאכי הייסט דאָס מיידעלע.
קיין זיבן נאָך ניטאָ!

* * *

איינמאָל הער איך אין א סאָד,
קינדער דאָרט פארברענגען,
איבער זיי פון נוסנבוים
גרינע באנקעס הענגען.
און איינס א קינד מיט ווערטלעך שיט
און לאכט, און אלע לאכן מיט.

די קינדער קאטשען זיך פאר פרייד
אין טיפן גראָז, אין פעטן,
און מאָנען: נאָך און נאָך דערציילן!
דאָס קליינס לאָזט זיך ניט בעטן.

דאָס קליינס דערציילט, דאָס לאכן ברויזט,
און ווערטלעך לאָזן זיך ניט אויס.
איך קוק זיך צו: ווער איז עס דאָ?
מײַן מיידעלע, מײַן דריידעלע,
אכאכי הייסט דאָס מיידעלע.
קיין זיבן נאָך ניטאָ!

* * *

ניט אכאכי הייסט זי גאָר,
איר נאָמען איז פײַזליא.
א מיידעלע, א דריידעלע,
א דרייסט, א טײַער מיידעלע,
א לאכערקע אזא.
און ווײַל זי האָט אזוי געלאכט,
האָב איך א נאָמען צוגעטראכט —
א כ א כ י!

1939

17–1953

פרילינג און זומער

פון אונטער מאָסקווע בין איך ערשט געקומען —
אוי, סארא פרילינג עס קומט דאָרטן פאָר!
די וועלדער אין גרינס שוין, די פליינען — אין בלומען,
באטאָג זינגט א כאָר, און באנאכט זינגט א כאָר!

באטאָג א קאפעלע, באנאכט א קאפעלע,
מיט קוק פונעם קוקוק, דעם דערגאטשס געשריי,
דער וויפ פון טשערעט מיט זײַן אוכקענדער קעלע
און צווישן, אין קאָן, און מיט אלעמען זיי —
די ווונדער־געזאנגען פון סאָלאָוויי.

און דאָ איבער מאָסקווע האָט הײַנט זיך באוויזן
אריבערן רויטן פלאץ, אינעם בלאָ,
אן ענגע כאוורײַעלע אײַליקע סטריזשן —
הייסט עס, דער זומער איז שוין דאָ.

1944

א וויגליד

מאמעלע מײַן, מאמעלע מײַן,
שלאָף שוין אײַן, שלאָף שוין אײַן,
איך וועל דיר דערציילן א מײַסעלע באלד,
ווי איך בין, דײַן זונו, געגאנגען אין וואלד,
געגאנגען אין וואלד צו האקן די שטאמען,
צו מאכן א שיף צו שווימען אף יאמען,
די בייזע אקולן צו קלאפן,
די פישעלעך גאָלדענע כאפן.

ווי איך בין, דײַן זונו, ארײַן אינעם וואלד
און האק אין דעם בוים, און דעם בוים איך צעשפאלט —
באווײַזט זיך דער האָז און זאָגט מיט געבייזער:
— איך בין אינעם וואלד דער שרעקלעכער קייסער,
דו זאָלסט מײַנע וועלדער ניט האקן,
איך פרעס דיך אף ביידע פאָר באקן!

— אנו נאָר, דו האָזל־קאפּאָזל, קום הער,
אנו, לאָמיר פרוּוון, ווער וועמען, ווער־ווער...
דערשרעקט זיך דער האָז און קומט שוין ניט מער!

באוויַיזט זיך דער פוקס און הייבט אָן צו שפּרינגען:
— געפּעלסט מיר, קום הער, איך וועל דיך פאַרשלינגען,
דו ביסט אַ געשמאַקער, אַ גוטער,
איך וועל דיך פאַרפּרעגלען אַף פּוטער...

— אַנו נאַר, דו פּיקסל־קאַפּיקסל, קום הער,
אַנו, לאָמיר פּרוּוון ווער וועמען, ווער־ווער...
אַנטלויפט ער, דער פוקס, און וויַיזט זיך ניט מער!

נאָר דאָ קומען אָן די וועלף און די בערן,
מע בילט און מע ברילט — מעשוגע צו ווערן!
די שרעקלעכע ציינער זיי וויַיזן,
מע גייט מיך אַף שטיקער צעריַיסן,
די שלונגען, די צונגען אַרויס און אַריַין —
מאַמעלע מיַין, אוי, מאַמעלע מיַין!

האָט לעניו דערהערט, וואָס עס טוט זיך אין וואַלד,
האָט לעניו אַ טאַנק אַרויסגעשיקט באַלד,
דער טאַנק האָט די חיַיעס צעשלאָגן —
און מיך צו דער מאַמען געטראָגן...

מאַמעלע מיַין, מאַמעלע מיַין,
שלאָף ניט איַין, שלאָף ניט איַין.

איך וועל דיר דערציילן, ווילסט וויסן מיסטאַם,
ווי איך בין, דיַין זונו, געשוווּמען אין יאַם,
געשוווּמען אין יאַם צו זען די ברייטן,
צו קוקן אין טיף, צי וואַקסן דאָרט קווייטן,
די בייזע אַקולן צו קלאַפּן,
די פּישעלעך גאָלדענע כאַפּן!

אזוי ווי מײַן שיף אין די כוואַליעס איך שטויס,
אזוי ווי איך צי א גאָלדנס ארויס,
באַווײַזט זיך א ראַק, ער דרייט מיט די צוואַנגען:
— איך שלעפּ דיך אין גרונט, איך נעם דיך געפאַנגען,
סע וועט דיר ניט העלפן קיין קלאָגן —
מיט מיר קאָן זיך קיינער ניט שלאָגן!

— אַנו, נאַר, דו ראַקל־קאַבאַקל, קום הער,
אַנו, לאָמיר פּרוּוון, ווער וועמען, ווער־ווער...
דערשרעקט זיך דער ראַק און ווײַזט זיך ניט מער!

און דאָ ווי א באַרג דער וואַלפיש באַווײַזט זיך,
ער רײַבט זיך אין שיף: אין קאָפּ, זאָגט ער, בײַסט זיך,
סע קיצלט מיך שטאַרק אין די אַנגלען,
מיר גלוסט זיך מיט דיר זיך צו ראַנגלען!

— אַנו נאַר, דו פּעמפּיק, אַנו, קום אַהער,
אַנו, לאָמיר פּרוּוון, ווער וועמען, ווער־ווער...
באַהאַלט זיך דער וואַלפיש און ווײַזט זיך ניט מער!

נאָר דאָ קומען אָן רעגנס און ווינטן,
זיי כאַפּן מײַן שיף, און שטיקער זיי שינדן,
דער יאַם ווערט מיט בערג און מיט גריבער,
אָט קערט זיך מײַן שיפעלע איבער.
די גריבער די פינצטערע שלינגען מיך אײַן —
מאַמעלע מײַן, מאַמעלע מײַן!

האָט לעניו דערהערט, וואָס עס טוט זיך אין יאַם,
האָט לעניו געשיקט אזא הידראָפּלאַן,
ער האָט יענעם שטורעם צעשלאָגן —
און מיך אינעם קרעמל געטראָגן.

מאמעלע מײַן, אוי, מאמעלע מײַן,
מע עפנט די טיר, און ווער קומט אַרײַן
און הייבט מיך ארוף צו זיך אף די הענט,
צו זיך אָט אזוי, ווי פאפּע מיך נעמט,
און פרעגט מיך אלץ אויס, וואָס טוט זיך אין יאם,
נו טרעף, ווער דאָס איז? דו ווייסט שוין מיסטאם!

1939

עזרע און דער בוהײַ

— עזרע, עזרע, ווּ איז עזרע?
ס'רײַסט דער בוהײַ זיך פון שטאל!
קום ארויסעט פארן טויער,
מיטן בײַטשל טו א קנאל!

אָפּגעריסן זיך דער בוהײַ,
זיך פון הויף געטאָן א לאָז.
רעוווא־וואו! דער רינג פון אײַזן
באָמבלט זיך אין פײַכטער נאָז.

שפּאנט דער בוהײַ, שפּאנט פּאמעלעך,
טוט א רעוו ארײַן אין טאָל,
ענטפערט נאָר דער בארג, דער וואלד נאָר
מיט א היכץ, א ווידערקאָל.

רעווע הילכט אין טעפּ, אין פּעסלעך,
רעווע טרייסלט מיטן הויף,
שפּילט דאָס קליינוווארג, שפּילט אין דרויסן,
ווארפט די שפּילן און אנטלויפט!

הינטער װענטלעך, אונטער דעכלעך,
הינטער קאַמערן אַװעק,
שטופּן קינדער זיך, זײ קוקן,
װי דער אָקס די ערד באַשמעקט.

שטופּן קינדער זיך בײַ שפּאַרעס,
און ס'ע טוט זײ האַרציק װײ:
אַלע שפּילעכלעך געבליבן
דאָרט, אױף העפּקער שטײען זײ.

בײדע הינטלעך אײַנגעשפּאַנטע,
איצט צערײַסן זײ דעם שפּאַן!
שפּרינגען אױף דער מיל, הינטלאַקעס,
און צעדרײען דעם באַשטאַן!

אױ, די ציג עסט אױף די דעכלעך,
'זעלכע געלע, פֿון קאַבאַק,
זעט, די קעצלעך, אײנס דאָס צװײטע
אָפּן פּאַרקן! באָך! קנאַק!

זעט, פֿון זאַמד דער קלײנער טראַקטאָר,
און דער קלוב פֿון שטרױ טשערעט,
שטײען שטאַרקע, גוט געשלאָסן
אָטשערעט מיט אָטשערעט!

טוט דער בוהײַ נאָך אַ רעװע,
טוט מיט אַלעמען אַ װאָרף,
קײנער גײט אין גאַס ניט, קײנער,
װײַל דער בוהײַ שפּאַנט אין דאָרף.

לויפן קעלבלעך, לויפן אויפעס
אין די הויפן גיך אריַין;
טיו־טיו־טיו — די קעפ זיי שטרעקן,
אין דעם רעוו מע הערט זיך איַין.

שפּאנט דער בוהיַי גאנץ פאמעלעך,
הייבט די פיס און שטעלט אוועק,
פאָרנט פאָכעט אום דער גוידער,
הינטן וויגט זיך אום זיַין עק.

און די הערנער — שטאָלץ און מעכטיק,
יעדער גליד א זונג, א טראָפּ:
טראָגט די זון צווישן הערנער,
טראָגט די זון זיך אפן קאָפּ.

זון, א רויטע באם פארגייען,
זיצט אף בוהיַי, און זי קוועלט,
גיסט איר רויטקיַיט אף זיַין רוקן,
און פון איר — אף האלבער וועלט!

אינעם סטעפּ, בא אלמא־אטא,
האָט געקויפט אים דער קאָלווירט,
אין וואגאָן, פאר אים באזונדער,
האָט מען אים אהער געפירט.

ווער האָט אים געוואָלט באלייטן
אינעם לאנגן וויַיטן פאָר?
נאָר דער עזרע, אונדזער עזרע,
לעבן זאָל ער לאנגע יאָר!

גאָר א קורצינקער איז עזרע,
נאָר זײַן רויטע באָרד איז לאַנג,
אונטער בוהײַס בויך גייט דורך —
צו פארשפאָרן זיך א גאַנג.

ווען ער דארף דעם בוהײַ וואשן
און צום רוקן ניט דערגרייכט,
שטעלט ער צו צו אים א לייטער,
און ער וואשט — אזש יענער קרעכצט.

שרײַען שנעקלעך: — עזרע, עזרע,
זאָג דעם בוהײַ עפעס־וואָס!
ער האָט אָנגעשטעלט די הערנער,
ווי א בלאָז־זאק בלאָזט די נאָז.

וואָס איז ער ארויס אין דרויסן?
איז דער הויף, די שטאל אים ענג?
קאָן דאָך דעכלעך אונטערהייבן,
שפּארן ווענט אף ברייט און לענג!

און ווער טראָגט אים אונטער עסן?
עסט ער פון א צעבער דען?
און ווער קען אים נעמען צוימען,
ווער דעם בוהײַ צוימען קען?

און דער בוהײַ שפּאנט אף עזרען,
הייבט אים אוף באלד, זעצט אין דר'ערד.
אָט צעטראָגט ער אים אף שטיקלעך:
זיבן עזרעס, צוואנציק בערד!

ווייסעך וואָס! אנטקעגן בוהײַ
שטייט זיך עזרע אף זײַן אָרט, —
שטעלט זיך אָפּ פּאר אים דער בוהײַ,
בייגט דעם קאָפּ אָן פּאר זײַן באָרד.

גלעט די באָרד זיך אונדזער עזרע:
— קונדעס, דו, וואָס מאכסטו שטיק!
און דער בוהײַ מרוקעט שולדיק
און —
לאָזט זיך נעמען אפן שטריק.

1928

באַם יאַם

1

שלאָגט שוין דרײַ טעג
דאָס וואסער אין ברעג,
ווארפט נאָכאנאנד
שטיינדלעך און זאמד.

בלאָזט זיך דער יאַם
און שפרייט זיך און גרויסט,
די שיפלעך אזש טאנצן!
ער שוימט, און ער ברילט
אף ברעגעס ארויס,
ניט אנדערש — ער וויל
די ערד אינגאנצן!

2

טוען די פישערס,
וואָס פישערס באדארפן —
מע שרעקט זיך דען איבער,
וואָס יאַם נעמט זיך ווארפן

די שיפלעך, די פישערס
און שרעקט זיי און ברומט?
זיי שווימען באקומען
די פיש, וואָס זיי קומט!

גיכער, דער פיש גייט —
כאָטש שעפּ מיטן יאָלעם!
ווער סע פארשפעטיקט,
ווערט כאפּן אין כאָלעם,
ווער סע פארשפעטיקט,
ווערט בלײַבן באם נאר!

3

אף די זאמדן אפן ברעג
שפּילן זיך די קינדער,
צום פאפירן־קאָפּ אן עק
האלטן זיי אין בינדן.

ס׳איז אן עק — אזוי־אָ לאנג!
אך, ווערט דאָס שוין זײַן א שלאנג —
פאָדעם איז פאראנען
ביז די עראָפּלאנען!

קומט א יאטל פון ארטעל:
הענט אין קעשענעס פארלייגט,
פאר די קינדער זיך א שטעל,
און מיט טיפן באס ער פרעגט:

— כעוורע, איצט א שפּיל אזא?
איצט, אצינדער?

וואָס זײַנען מיר, קאמסא
צי ארטעלסקע קינדער?!
סע גייט דער פיש —
און איר — א שפּיל!
סע גייט דער פיש —
פארווארפט די נעצן!
דערנאָך זיך שפּילן זעצן!

4

די כאַפּטעס סקומבריִעס
אין קוישן זיי ווארפן.
די פישעלעך צאפּלען,
זיי בליצן, ווי שארפן.
מע בליצט מיט די ליסקעס,
מע עפנט די פּיסקעס,
ווײַל שווער זיי פארטראָגן
די טרוקענע וועלט.
די זשאברעס זיי הייבן,
ווײַל אָטעם זיי פעלט,
ווײַל ביטער איז ליגן
אין קויש אין געפּענג.
דער יאם אין די ברעגעס
שרײַט אויך — ס׳איז אים ענג!..

עס ציִען די פישערס
די נעצן די פולע,
און קינדער דערווארטן
א שלאנג, אן אקולע
צי עפּעס אן אנדערן
גאזלען פון יאם —

ס׳איז קארג אינעם יאם־טיף
בייזווּנדער פאראן?!
סע טרעפט זיך, מע פאקט דאָך
אמאָל, מע געפינט —
איז זאָל זיך עס טרעפן
פאר קינדער אצינד!

5

דאָס גרויסע וואסער
שווימט און ראשט,
מיט כוואליעס־בערג
אין ברעג עס פאטשט.
עס שוימט און דרייט
דעם זאמד, דעם שטיין,
און קליינוואָרג באָדט זיך
דאָרט אליין!

דער יאם — א שלעפּ,
דער יאם — א הייב.
א טראָג צום ברעג
דאָס קינדער־דרויב,
א שמיץ צום ברעג,
און באלד פארשלינגט —
די קינדער זייַנען
גרינג און פלינק.
ווי גרינג מע שפּרינגט
אריַין, ארויס!
די פרייד איז שטארק,
די שפּיל איז גרויס!

1932

פרײַנט

געקומען דרײַ פרײַנט מיט א ראש צו דעם יאם,
דרײַ ייִנגלעך — ברוין ווי ברויט.
זיי ברענגען א הונט, און א שיפל אין האנט,
די זעגלען פון שיפל — רויט.

די העמדלעך אראָפּ און אין יאם אף דער גיך,
די פינעף באזונדער צעשפּרייט,
„פּיראט!" — רופט דעם הונט יעדער איינער צו זיך,
די שיף מיטן ווינטל גייט.

דרײַ פרײַנט פּאטשן דרייסט און צעוויגן דעם יאם,
„פּיראט" נאָך זיי שווימט גיך.
דרײַ פרײַנט טוקן אונטער, פארשווינדן פון יאם,
און „פּיראט" ווערט אויסער זיך!

פארשווינדן דרײַ פרײַנט, נאָר סע האלט זיך „פּיראט" —
ער קען זיי, די ייִנגלשע שטיק:
זיי וועלן אין אָפּגרונט דאָרט ווערן מאט
און מוזן ארויס צוריק.

דאָך אומרויִק ציטערט דער וואָלפישער קאָפּ,
דער בליק איז יעסורים־פול:
דער ברעג איז אים פּוסט, און דאָס שיפל איז אָפּ,
און ס׳מאַכן די פרײַנט אים דול.

נאָר שווימען ער שווימט ניט אַרויס אַפן ברעג,
ביז ס׳קומען ניט אויף די דרײַ.
ווערט פריילעך אַפסנײַ, און אַ שפּיל גייט אַוועק
מיט כוואַליעס אַ פּאַטשערײַ!

דאָס שיפל מע כאַפּט און אַרויס מיט געשריי,
דרײַ ייִנגלעך — ברויִן ווי ברויט.
אַ לייג זיך אין זאַמד, און „פּיראַט“ לעבן זיי,
און די שיף מיט די זעגלען — רויט!

1935

די ליד וועגן קאָמאַנדיר

איך האָב דערזען דאָס מיידעלע
באַם אָנהייב פעלד, פאַרנאַכט.
ווי זי האָט באַ אַן אָזשען־בוים
אַזוי געשמאַק פאַרבראַכט.

סע ליגן לעבן אָזשען־בוים
אַ מעסער און אַ זאַק,
ווײַזט אויס, אַן אַרבעט האָט זי דאָ —
דערוויַיל דעם בוים געפּאַקט.

זי כאַפּט די העכסטע צווײַגן אָן,
צום קלעטערן ניט פויל,
זי פּליקט די שוואַרצע אָזשענעס —
געפּאַקט — און גלײַך אין מויל.

די צייך, דאָס מויל, די פינגער — שוואַרץ
און קלעפּיק זיס פון זאַפּט.
און פּלוצעם פון דער הייך דערזעט
אַ זאַך און ווערט פאַרגאַפּט:

בא די קאָלכאָזנע קאָוועגעס
דערזעט זי יִינגלעך צוויי.
די קאָונדלעך ניט פּאַרטיקע
גאָזלאָניש פליקן זיי.

אַז זי האָט זיך צעשריגן עס,
אַז זי האָט זיך צעקאַסט,
אַז זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן
פון בוים מיט רויש און האַסט:

— גאַנאָווים, פּוסטעפּאַסניקעס,
זאָל אָפּדאַרן די הענט!
איר מיינט, איך וועל אײַך שאַנעווען —
פאַרסאַרפּעט ווערט, פאַרברענט!

איך האָב געהערט דאָס מיידעלע
אין אָנהייב פעלד, פאַרנאַכט,
„אוי, אַ ביטער מיידעלע!“
האָב איך באַ זיך געטראַכט.

„אוי, אַ גיפטיק צינגעלע!“
האָב איך באַ זיך געקלערט.
אָוועק זײַנען די כעווערלײַט,
און זי האָט אופגעהערט.

זי כאַפּט זיך צו די גראָז גיך,
דאָס גראָז — זי שנײַדט עס אָפּ,
פאַרכאַפּט עס בייז, סע שפּרינגען אויש
די צעפּלעך אויפן קאָפּ.

אוי, א קליינס, א בייזערדיקס.
און ארבעט אזוי פלינק!
און מיטאמאל דאָס מיידעלע,
דאָס מיידעלע — סע זינגט!

אריבער גראָז זיך בייגנדיק,
די הענטלעך פליִען גרינג,
דאָס מיידעלע דאָס בייזערדיקס,
די שעלטערקע — זי זינגט!

איך הער זיך צו: וואָס זינגט זי עס
אזוי באהארצט אָן שיר?
זי זינגט פון א פארוווּנדעטן
א רויטן קאָמאנדיר.

„...אוי, ווי ער האָט דערזען נאָר,
דער פײַנט אין צאָל איז גרויס,
אזוי האָט ער א שרײַ געטאָן:
— פאר לעניִנען, פאָרויס!

און יעדער אונדזער שלאכטמאן איז
געגאַן אַף צען אין שלאכט.
און בא כאסאַן דער אָזערע
פון פײַנט א טעל געמאכט.

און ווי דער רויטארמייער האָט
דערזען דעם קאָמאנדיר
אַף דר'ערד פארבלוטיקט, האָט ער אים
צום פונקט אוועקגעפירט.

די ווײַסגעקלײדטע שוועסטער האָט
געהײלט די רויטע ווונד,
און שטיל אין האַרץ האָט זי געוויינט
און צוגעווינטשט געזונט.

און גאַנצע נעכט האָט זי געוואַכט,
געקילט זײַן הייסן קאָפּ,
סע האָט אַף אים זיך אָנגעזעצט
דער טויט און לאָזט ניט אָפּ.

דער העלד רעדט פון אוקראַינע,
פון דאָרף, פון הויכן ווייץ,
פון שטעט, פון דאַמנע־פּײַערן,
פון שיינעם דניעפּ, וואָס פּלייצט.

בא קאַניעוו, וווּ שעווטשענקאָ שטייט,
צום יאָמטעוו קומט דאָס פֿאָלק,
און צווישן גליקלעכע איז אויך
סײַ ער, סײַ אויך זײַן פֿאָלק.

מיט דער מאַכשאָווע גייט ער אָפּ
אַף אייביק אין זײַן רו.
און יענע שוועסטער, ווײנענדיק,
די אויגן מאַכט אים צו".

אַזוי זינגט אונדזער מיידעלע,
איר ליד אין אָוונט שאַלט.
זי זינגט, די גראָזן שנײַדנדיק,
סע שפּרינגט געניט איר האַנט.

און ווען צום צוזונג ציקלט זי,
פארקלעמט באַם האַרץ און ציט,
און איך און אַלץ אַרום מיט איר,
מיר זינגען מיט איר מיט.

איך האָב געהערט דאָס מיידעלע
אין אָנהייב פעלד, פאַרנאַכט.
„אוי, אַ טײַער מיידעלע!"
האָב איך בײַ זיך געטראַכט.

„אוי, אַ האַרציק קעלעכל!"
האָב איך בײַ זיך געקלערט.
איך וואָלט אַזוי געשטאַנען דאָ
און שטענדיק זי געהערט!

1939

שטאַרקייט

דער פֿעלדז איז שטאַרק —
נאָר שטאָל שפּאַלט פֿעלדזן.
דאָס שטאָל איז שטאַרק —
דער פֿלאַם אָבער שמעלצט עס.
דער פֿלאַם איז שטאַרק —
דער שטראָם אָבער שלאָגט אים.
דער שטראָם איז שטאַרק —
דער וואָלקן דאָך טראָגט אים.
דער וואָלקן איז שטאַרק —
דער ווינט דאָך צעיאָגט אים.
דער ווינט איז שטאַרק —
דער מענטש דאָך דערטראָגט אים.
דער מענטש איז שטאַרק —
דער טויט אָבער בייגט אים.
דער טויט איז שטאַרק —
דער רום אָבער לייגט אים.
דער מענטש, וואָס דינט
דעם פֿאָלק אין דער נויט
און מאַכט דאָס באַרימט,
איז שטאַרקער פֿון טויט!

1942

מיר האָבן
מויערן
געמויערט

ערעוו

מיר האָבן מויערן געמויערט,
און רויזן האָבן מיר געפלאַנצט.
און רירעווודיקע, ווי באַם טאַנץ,
מיט שאַרפן גראָבײַזן, וואָס גלאַנצט,
מיר האָבן אופגעהויבן רויערד.

מיר האָבן ווייטעקן געלינדערט,
פלאַנעטן האָבן מיר געפאָרשט,
און פרייד און מוט און וויסן־דאָרשט
מיר האָבן אײַנגעפלאַנצט אין קינדער.

נאָר יענע פלאָג האָט אונדז געטראָפן
אין סאַמע מיטן העלן טאָג.
און קינדער האָבן זיך צעקלאָגט,
נאָך אונדז האָט זיך דער טויט צעיאָגט
פון דאָרעם־ראַנד ביז יאַם פון צאָפן.

1942

דאָס וואָרט וועגן נײַ־זײַן

ווי פאַרכאַפּנדיק איז דאָס געפיל
פון זײַן באַנײַס!
אייד׳לער פונעם הויך פון רויזן,
שאַרפער פונעם שווערד דעם בלויזן,
כעדוועדיקער פונעם לאָשעק
אויפן זונעדיקן פלײַין,
און אַנדערש נאָך —
מיט עפּעס גאָר אַ פליגלדיקן כײַין,
וואָס פלעט און פלעפט און אייניקט
און אינדערלופטן רײַסט —
אַזאַ איז דאָס געפיל פון זײַן באַנײַס!
נאָר מיר איז דאָס ביז ווייטעק ווייניק.

איר זאָגט, איך פלעג דערציילן שיין,
פון וואָס באַשטייט׳ן
די פליגעלעך בײַ די ליבעלן;
אַז איך פאַרטײַטשן פלעג דעם סאָד,
ווי ס׳קלויבן זיך אַרויף אַנטקעגן שטראָם פון וואַסערפאַל
פאָרעלן.
אַז כ׳האָב געהערט, וואָס גראָזן שושקען זיך,

בייס זיי וואַקסן,
און ווי סע דרייען זיך די זון־בלומען
אַרום די אַקסן,
ווי פּאַזעמקעס צעלאַכן זיך,
ווען פּאַרטיקע זיי ווערן,
ווי באַקעט פּילן זיך
די פרישע מערן
און אַרויסגעשטויסענער פון שויט
דער באָב —
דאָס אַלץ איז אויסגעהוילט שוין פון מײַן קאָפּ.
איצט איז פול מיט סאַם מײַן בלוט,
מײַן האַרץ איז דורך און דורך געשטאָכן,
און יעדער וואָרט מײַנס
פּרווו איך, ווי מע פּרווווט אַ רוט,
ביז זי האַלט ניט אויס און ווערט צעבראָכן.

מיר שטייט אין האַלדז דאָס וויי־געשריי
אין יענעם בלײַיקן פּרימאָרגן,
ווען לײַט אין הענטשן, ווײַס ווי שניי,
די קינדער לויט אַ ריי האָבן געוואָרגן.

1945

וואַלד

פרי פאַרטאָג, ווען פֿייגל לײַטישע נאָך שלאָפֿן,
פֿלעג איך גיין צום וואַלד מיט א וויזיט.
אויג אף אויג מיט אים א רעד טאָן אָפֿן
וועגן אַלע אומרוען פֿון מײַן געמיט.

נאָר דאָרטן איז שוין דאָ די קראָ,
די מאַרקעליכע שרײַט פֿאַרשײַט.
שוין אָפּגענאַרט א צווייטע קראָ,
און שטעקט איר פֿײַגן,
און זעצט זיך גראָב, אָן אָפּשײַ, אף די צווײַגן
און אפֿן ראַנדעוווּ אף מײַנעם שפּײַט.
האָבן מיר זיך אויסגעלאַכט
און ווײַטער זיך געשפּאַנט
און אונדזערס זיך געטראַכט.

פֿאַרבײַ די טריבע פֿילמישפּאָכעדיקע יאָדלעס
(די קנאַפּע בעריעס טרעטן אָפּ די פּיס זיך
איינס דעם צווייטן).
איך קום צום וווּנדערלעכן פּלאַץ,
צו יענעם פֿליין דעם העלן,
וווּ ס'האָט דער וואַלד באַמיט זיך
זײַנע שענסטע יאָדלעס אויסצושטעלן.

און צוגערוקט אַ בינטל קוועלעכלעך, וואָס קוועלן,
און אַרום זיי — די שענסטע גראָזן אויסגעשפּרייט.

איז וואָס האָט דעמלט מיך געקלעמט באַם האַרצן?
אַ בערעזע־בוים, אַ יוגנט נאָך —
געבראָכן און צעשטאָכן — הוילער לאָך,
די דאַרע שטעקנס צו דעם הימל שטאַרצן.
אַזאַ מין בוים האָב איך געזען,
און דאָס איז מיר געלעגן אױפֿן האַרצן.
פֿון דעם און ענלעכס נאָך
האָב איך גערעדט.

אַזוי האָב איך אין וואַלד פֿאַרבראַכט
אויך יענע שאָ, ווען יונגע באָדן זיך אין קוואַלן־פּראַכט.
געזען אין גרינעם גראָז,
ווי ראָזע לײַבער לויכטן
דורך אַלע דורכלויכטן,
אין קאַלטן וואַסער טויכן,
און אויך דערפֿון איז אומרופֿול געווען מײַן נאַכט.

און איצטער, וואַלד, ביסטו אַן אַנדער וואַלד געוואָרן,
אַ סך פֿאַרגלייבט איז דיר: דו ביסט דעם מענטש פֿון מוט
דאָך בײַגעשטאַנען אין די שווערסטע יאָרן!
זײַן גורל האָט דיך ניט געמיטן —
מיט אים האָסט זיך געבראָכן און געבלוט,
מיט אים האָסטו געשטורעמט און געליטן.

מיט סוידעס, וואַלד, מיט סוידעס ביסטו פֿול,
געוועזן ביסטו אין בונד מיט דער פֿאַרשווערונג.
באַ דיר אין קרוין פֿאַרבאָרגן האָט אַ שטערן,

אויסגעקוקט דעם וועג און אויסגעהיט דײַן גוויל,
מיט דײַנע קרײַטעכצער דו האָסט געטאָן דערנערן
אויך די, וואָס זײַנען שיר פון פײַן געוואָרן דול.
דו ביסט זיי, וואלד, געווען אויך פינצטער און געהיט,
ווי זייער שווער געמיט.
דו האָסט באהיט זיי און באשיצט זיי, וואלד,
אין די געפּלאָגטע אײַנגערוימט אי מוט אי רו, —
ביז דער זוים פונעם געגארטן האָט זיך ברייט צעשטראלט.

און כאָטש איך וועל שוין דער אמאָליקער ניט זײַן
און קומען וועט אן אנדערער אין דײַן געבענטשטער רו,
דאָך טוט מיך הארציק פרייען, וואָס דו ווערסט ווידער דו,
און מערסט פאר אים די גאָב,
און קלײַבסט פאר אים די שײַן,
און רײַסן רײַסט איר ביידע זיך פאָרויס
אין גוויל פון ליכטיקײַט ארײַן!

1945

דאָס ערשטע יאַדליקל

ניט גוט האָט זיך אַוועקגעשטעלט
דאָס יאַדליקל באַם פּליין.
וואָס איז עס פאַר אַן אָרט אַ־דאָ?
דערצו נאָך איין־אַליין.
איין־אַליין, אײַ, ניט גוט,
שמײַסט דער ווינט דיך ווי אַ רוט.

נאָר טראַכט עס דען אַוועקצוגיין,
כאָטש ביטער שינדט דער ווינט,
כאָטש וואָס עס האָט דאָ אויסצושטיין
אַ יאַדליקל אַ קינד!

ווען שטערן שײַנען איבער פּליין
און ווינטער־שלאָף באַפאַלט —
וואָס טרוימט אַ יאַדליקל אַליין?
פאַרשטייט זיך, פון אַ וואַלד.

עס טרוימט, עס וואַקסט, עס ציט צום רוים
און פעסט אין גרונט זיך האַלט.
עס ווייסט, ס׳איז דאָ דער ערשטער בוים.
דער אָנהייב פון אַ וואַלד.

1945

וויפל הארץ...

וויפל הארץ און מי אין אלץ, וואָס מיר האָבן געבויט!
אָן אונדז וואָלט וויסט געוועזן די וועלט, וואָס לעכצט נאָך פרייַהייַט,
און זיי — זיי פרייט אף אלדאָס לעבעדיקס ארופזועצן דעם טויט,
פארוויסטן אונדזער מי, צעטרעטן — וואָס אונדז טייַער.

דאָס וועט ניט זייַן! אף לאנג, אפ אייביק שוין מיר זייַנען דאָ,
און מערדער וועלן ניט זייַן אונדז קיין באפעלער!
די כייַע רויבט, זי פרעסט אריַין, די כייַע האָט א כייַע־שאָ,
נאָר וואָס זי גרעסער ווערט — ווערט דער אויסגאנג שמעלער.

ס׳א פרייַע ערד בא אונדז, געשניצט, געבויט לויט לענינס שניט,
און לענינס פלאמיק הארץ סע טוט דאָ שלאָגן,
פון אלע אופשטייַגן דעם פאָלקס מע זעט דאָ אָן די טריט,
ס׳א שטאָלצע ערד, זי וועט קיין יאָך ניט טראָגן!

דאָס גרויסע לאנד געמייַסטערט האָבן מיר פאר אונדז אליין,
און נאָר פאר אונדז — אזוי־אָ פרעכטיק־בלענדיק!
ס׳וועט ריידן הייס מיט אייַך איעדער שטומער שטיין,
ביז מיר וועלן אייַך אָפמעקן אף שטענדיק!

1941

פײַער אויף די סאָנים!

אויסגעפּרוּווט איז אונדזער פײַער!
ווײַל דאָס לעבן איז אונדז טײַער,
ווײַל צו לעבן איז אונדז גוט,
ווײַל עס קריכט דער מיִעסער סוינע
אויסצאַפּן פֿון אונדז דאָס בלוט,
שענדן אַלץ, וואָס אונדז איז טײַער —
פײַער, פײַער, פײַער, פײַער!

פײַער אויף די סאָנים, פײַער!
ווײַל דאָס היימלאַנד איז אונדז טײַער,
היימלאַנד, מאַמעס, קינדער, אַלץ —
ווײַל סע שטרעקט זיך דער מענוּוול
איבערבײַסן אונדז דעם האַלדז.
רויבן אַלץ, וואָס אונדז איז טײַער —
פײַער, פײַער, פײַער, פײַער!

פײַער אויף די סאָנים, פײַער!
לײַב־און־לעבן אונדזער טײַערס
שטעלן מיר פֿאַר אונדזער היים!

אונדזער ערד וועט ניט פארלייַדן
קיין שום קרעץ אף איר געביין!
פייַער! אף די סאָנים פייַער!
פייַער, פייַער, פייַער, פייַער!

1941

טײַנע־לאַשן פֿון לײזער פּאַפּערניקס מוטער

אַז װי איז דער מוטער, װאָס װערט אָן דעם זון,
און צען מאָל מער װי, אַז זי װערט אָן אַ העלד.
דעם נאָמען, װאָס ער מיט זײַן טויט האָט פֿאַרדינט,
ער װאָלט אויך פֿאַרדינט, װען ער לעבט אױף דער װעלט.

געװען איז זײַן פֿירונג פֿון אײדלסטן שניט:
פֿאַר אונדז, טאַטע־מאַמע, נאָך אויך געהאַט צײַט.
אַ גוטער, אַ פֿאָלגער, און גרינג אין געמיט,
זיך מאַפּקיר זײַן גרייט פֿאַרן װױל פֿון די לײַט,

װען ס׳האָבן די ראָצחים אױף אונדז זיך צעלאָזט
און שאָפֿל מיר זײַנען געװאָרן בײַ זיך,
איז קומט ער שטאָקנאַכט פֿון זאַװאָד אױף אַ שאָ
פֿאַרברענגען אין שמועסן מיט אונדז אױף דער קיך.

געװען איז זײַן װאָרט אַ רעפֿוּאה צום האַרץ.
געטרייסט און געלאַכט, זײַנע מײַסעס דערציילט.
נאָר איך האָב געפֿילט, אַז זײַן האַרץ איז פֿאַרשװאַרצט,
אַז ס׳האָט זיך זײַן פֿריערדיק גוטסקײַט געפֿעלט.

פון ווי, פון יעסורים מײַן הארץ האָט געברענט.
און איינמאָל... ער קומט, און איך זע: ס׳איז געשען!..
איך פיל, איבער מיר שפרייטן וואָס די הענט
און זאָגן: „די שאָ האָט געשלאָגן, גענען,

דו שיקסט דײַן בעניאָכיד באשיצן די היים“.
איך קוק אף מײַן קינד — ער איז ליכטיק, ער קוועלט,
איך זע, ניט קיין שאָף כ׳האָב געבוירן — א לייב,
וואָס וועט ניט דערלאָזן צו קריוודען די וועלט...

א מענטש קומט אין לעבן אף אָפּצוטאָן גוטס —
איז איינער צעציט עס און שטארבט אלס א גרײַז.
א צווייטער — באם אָנהייב שוין פילט אויס זײַן כויוו,
באפאָרעט זיך גיך און ווערט אייביק געפרײַזט.

ווי ער איז געווען טאטע־מאמע געטרײַ,
אזוי איז ער טרײַ געווען לעבינס געבאָט.
איז איצטער פאר אלע א ליכטיקע שײַן —
דער אויצער, וואָס כ׳האָב אין מײַן שטיבל געהאט...

און ווי איז דער מוטער, וואָס ווערט אָן דעם זון,
און צען מאָל מער ווי, אז זי ווערט אָן א העלד.
דעם נאָמען, וואָס ער מיט זײַן טויט האָט פארדינט,
ער וואָלט אויך פארדינט, ווען ער לעבט אף דער וועלט.

1945

מיכאיל פלאָטקין פאַרטונקלט בערלין

באַטאָג האָט דאָן בערלין געטיילט זיך מיטן רויבזאַק,
צונויפגעשלעפּט פון הויפּטשטעט. אין די נעכט
געראַוישט מיט ווײַן פון אַלע קעלטערס פון אייראָפּע,
דעם פּיסק פאַרשטאָפּט מיט רײַכן פרעס־געפּלעכט.

די נעכט, די הפקר־נעכט פון מערדערישע גאָרגלען,
די ליאַרעם־נעכט פון מאָרד, פון טויטס דערפּאָלג!
אייראָפּעס הויפּטשטעט כאָרכלען האַלב־דערוואָרגן,
אין געטאָס צאַנקען רעשטן פון אַ פאָלק.

מע מאַכט די לענדער פרײַ פון מענטשן, פון האמוינים,
זיי זאָלן ווערן ווילדער וואַלד פאַר יעגערס בלויז,
אייראָפּעס שטעט באַשטימען זיי פאַר דײַטשע בוינעס,
און נאָר בערלין פון כאַשכעס שײַנט אַרויס.

און אָט איז אין קלינצי אַ זינדל אויסגעוואַקסן
באַם לערער פלאָטקין. ער — דאָס פינפטע קינד.
און אָט דעם ייִנגל וואַקסן פליגל אויף די אַקסל,
אַ וווּנדער־קראַפט אין בלוט זײַנס רינט.

און ער, דעם לערערס זינדל, קריגט דעם קאָוועד
צו פליִען אויסלעשן בערלינער שײַן.
באנאכט, אין קאָפּטער זויערשטאָף, אין הייך ער טראָגט זיך
דורך הימל־קעלט און שווימט אין סוינעס לאנד ארײַן.

אָט רוישט אין ליכט בערלין, די פּלעצער פון רעציכע,
אָט ליגט בערלין דאָ, אונטער פלאָטקינס פיס.
ער לאָזט זיך נידעריק אראָפּ צו אים און זיכער,
אין פארצעף גיט ער אים, אין פארצעף — ריס נאָך ריס!

אזוי, געשלאָגן ווער מיט ברענענדיקע היימען,
מיט אלע מאקעס, וואָס דו טראָגסט מיט זיך.
ניט שײַנען וועט קיין יאָמטעוו־שײַן אין אײַער גרענעץ,
קאָלזמאן בא אונדז איז אויסגעלאָשן ליכט!

באם מענטשנס לעבעדיקן לײַב דעם אָדער טרענען
איז אײַער גוסט — איז נאט, אויב אײַך געפעלט!
איז נאט און נאט! ווען איר פון עק ביז עק וועט ברענען,
ערשט דאן וועט אופלויכטן די פרײַע וועלט.

און מישע פלאָטקין איז פון פלי צוריקגעקומען
פארטאָג א דורכגעווייקטער ביזן ביין.
און אידער נאָך דעם פליִער־פעלץ אראָפּגענומען —
אן אָטעם טאָן ער לייגט זיך אפן שטיין.

1946

פלײשמאַן דער באַרדיטשעווער

צווישן טעטערעוו און בוג,
וואָס צום יאַם זיך יאָגן,
האָט די פּליטקע גניל־אַפּיאַטקע
אויכעט וואָס צו זאָגן.
איר באַרדיטשעוו איז באַרימט
מיט אירע ייִכעס־שטאַמען.
ייִדן האָבן דאָ פֿאַרזוכט
פֿון אַלע זיבן טאַמען.
ווי א גאַבעטע איז דאָ
די נויט אַרומגעגאַנגען,
לייווי דער באַרדיטשעווער
האָט דאָ פֿאַרפֿאַסט געזאַנגען,
פֿול מיט טײַנעס און מיט שטאָלץ
צום טויבן בייזן בוירע,
מיט א פֿרומען פֿלעדערוויש
געיאָגט די מאָרעשכוירע.
זיידע מענדעלע האָט דאָ
געקײַכט, געקאָכט פֿון צאָרן:
פֿרײַנט פֿון פֿאָלק און פֿײַנט פֿון שלעק
אָט דאָ איז ער געוואָרן.

פּערעץ האָט דאָ שעמערירט
אין פרײַגײַסט און אין כסידיש.
שאָלעם־אַלײכעם האָט אָ־דאָ
געשעפּט באַם פאָלק זײַן ייִדיש.
דאָ האָט בערגעלסאָן פאַרפלאַנצט
זײַן בײַגײַסט, זײַן מעסוירע.
דאַן האָט דאָ די נײַע ליד
דערקוויקט די נײַע דוירעס.
אַלץ איז ניט געווען אומזיסט —
מע האָט פאַרזײט צום וואַקסן!
ווען דער אומגליק איז געשען
און באַדאַרפט מ׳האָט אַקסלען —
האָבן יונגען זיך געשטעלט
קעגן אומגליק מוטיק,
און פאַר יעדן ברעקל הײם
געשטרעקט זיך, טויט־געבלוטיקט.
אײנער פון די טרײַע זין —
פלײשמאַן איז זײַן נאָמען,
הײבט זיך אויף אין הימל־רוים
און טרעפט פון דאָרט דעם האָמאָן,
טוט אין טויט אַרײַן דעם פײַנט,
שטיקער פון אים רײַסט ער,
פײַלנבויגן פאַלט דער פײַנט,
אַווו דער יאַט באַווײַזט זיך.
ווײַל דעם פאָלק, וואָס האָט די זין,
יונג דאָס פאָלק וועט בלײַבן.
און פון אַלע זײַנע פײַנט
די בײנדלעך וועט מען קלײַבן.

1946

ער צאָלט

ייִסראָעל ווייסט, אַז טרייסט איז בייטיק,
ער גייט אונטערן וואַסער מיט פאַרהוילטן גאַנג,
באַשטייט דעם ווידערשטאַנד פון יאַם און פאַרן ווייטעק,
פאַר מענטשנס פּײַן — די אומענטשן דערלאַנגט.

...די זקיינים האָבן זיי געשטעלט אַף אַלע פיר,
די הענט פאַרקלעמט, די פיס צעבונדן מיט אַ שטעקן,
די קינדער מיט אַ סאַם די ליפּעלעך געשמירט,
זיי זאָלן אין דער ערגסטער פּײַן זיך עקן.

די היים, וואָס האָט געזונגען, קרענקט פון דײַטש און קלאָגט,
צעשטערט די ליבע שטעט — כאָטש היינט צו טרײַבן.
געבליבן איז די היים אָן יוגנט — אַף קנעכטשאַפט זי פאַריאָגט.
ווי זאָל דאָס פאָלק אָן יוגנט לעבן בלײַבן?!

ייִסראָעל ווייסט, אַז טרייסט איז בייטיק,
ניצאָכן לעבצט דאָס פאָלק — איז ער געטרײַ און פלינק,
און דרינגט דעם אײַז־יאַם דורך, און צאָלט אָפּ פאַרן ווייטעק,
דאָס שטאָלצע האַרץ, דאָס ביטער האַרץ פאַרגרינגט!

1943

פון די לידער וועגן דעם העלד פון ראַטנפאַרבאַנד ייִסראָעל פּיסאַ־נאָוויטש.

די קלאָג פון פוילישן ייִנגל

איר, מייליץ־יוישערס, אדוואָקאטן, איר!
וואָלט אינמיטן מײַרעוו־וועלט געווען א טיר,
וואָלט איך אזא מין פראל געטאָן מיט איר,
אז דער געוויסן פון געוויסע, וואָס באהאלט זיך מיִעס,
וואָלט עפּשער אופגעשטעלט זיך אף די פיס!

אז די טויטע וואָלט עס אופגעכאפּט פון שלאָף,
אליין זיי זאָלן אויסקלײַבן די שאָפטים,
אליין דאָס טויט־געביין זאָל האלטן די באשטראָפטע,
אליין זיי זאָלן אויספירן די שטראָף.

איר, וואָס האָט אין אונדזער פּײַן געזען אײַער גליק!
איר, וואָס האָט דאָס אלץ געזען, און גלײַך ווי גאָרניט איז געשען!
מײַן בליק וועט אייביק מאָנען! גיט מיר אָפּ מײַן פאָלק צוריק!
כ׳וועל אייביק זען אף אײַך מײַן אומעס הויט און ביין!

וויין, הארץ מײַנס, וויין,
כ׳וועל דיך ניט אײַנעמען מיין,
אפילע אז וואסער גיסט זיך —
רירט עס דעם שטארקסטן שטיין.

איך בין א פּוילישער, א פּאָליט,
אין סלאָוו האָב איך געוווינט, באַם שליאַך,
א האָלץ־טאָקאַרניע האָט פאַרמאָגט מײַן טאַטע.
און איך בין אויך פון זעלבן פאַך.

ווען ס'איז געשען — בין איך אוועק קיין לעמבערג
און באַ א באַלעגוף געוווינט
פאַרשטעלט, אַלס קנעכט, אַלס כוילע־נויפּל,
און שטיל מײַן קלעמעניש געצוימט,

ווײַל טאָמער דעקט זיך אויף דער עמעס,
אַז איך בין איך, — איז אויס מיט מיר...
דערום האָב איך געהיים געזוכט זיך אַרבעט
וואָס נעענטער צו רוסלאַנדס טיר.

איז איינמאָל אָוונט קומט מײַן באַלעבאָסטע
און פּאָשעט, אָן א מיין, זי זאָגט:
— איך האָב דיר דײַנע העמדער שוין צעוואַשן
מיט ייִדן־זייף, נאָך הײַנט באַטאָג.

— מיט ייִדן־זייף... וואָס רעדט איר?..
— פון בעלזשיץ האָט מען זי געבראַכט...
קיין בעלזשיץ טרײַבט דער דײַטש די ייִדן,
און זייף פון זיי ער מאַכט...

וויין, האַרץ מײַנס, וויין,
כ'וועל דיך ניט אײַנעמען מיין,
אפילע אז וואַסער גיסט זיך,
רירט עס דעם שטאַרקסטן שטיין...

1946

דאָס וואָרט וועגן עטעלען

איך שווער פאַרגעדענקען ביז צו יענעם טאָג,
ווען שאָפּטים וועלן מישפּעטן די שלעק די לעצטע,
איך שווער אַ וואָרט פאַרוואַרפן מיט דער פולער וואָג
פאַר אָט דעם קינד פאַרפּייניקטן, פאַרהעצטן.

פאַר איר, דעם שוסטערס עטעלע מיטן קלאָרן שטערן,
וואָס מ'האָט צום אַכטן יאָר געשפּאַנט זי אינעם שפּאַן דעם שווערן:
זי אָפּגעשיידט פון ליאַלקעס, מיט זאָרג פאַרשטאָפּט איר קאָל,
און אַף די פּלייצקעס אָנגעטאָן פון אַלטן פּאָלק דעם אָל.

ניט עטל הייסט זי מער, ניט עטל מיט די כיין־פּינטלעך די שוואַרצע,
נאָר „יודע" רופט זי אָן דער פּײַנט, „יודע הונט".
שוין פיל יאָרהונדערטער זי צאַפּט פון קריסטן, זאָגט ער, בלוט אַף מאַצע,
און ווירקט אין דעם אַלוועלטלעכן באַנקירן־בונד.

דערפאַר באַהאַלט זי זיך אַציִנד אין וועלדער, גריבער,
פון מענטשן כײַעס ניט געכאַפּט צו ווערן און געטייט,
באַנאַכט מיט קינדער אַנדערע אין פיבער־שרעק זי גייט,
צו רוסלאַנדס זײַט זי גייט, נאָר קאָן די דײַטשן ניט אַריבער.

איר קאָפּ, איר האָלדז — באַזונגען און באַמאָלט אין שיר־השירים,
געשלאָגן זיינען זיי מיט קרעץ, און נאָר די טרוימען אירע,
זיי זוכן אין דעם מאבל, ווי די טויב פון טייווע,
א שטיקל טריקעניש. פון אויג איר שמאָלן קוקט דער „האַקויל העוועל״.

ניין, ניין, דאָס קאָן איך ניט, דאָס לאָזט זיך ניט פאַרגעסן,
ניט מיט טרערן, ניט מיט קלאָלעס לאָזט זיך אויסמעסטן די פּיין.
קום אַף די הענט צו מיר, צום האַרץ מיינעם דיך פּרעסן,
עטל, קליינע עטל, וואָס ס׳האָט געמאַכט פון דיר דער פיינט!

ער האָט פאַרמי׳סט די וועלט אין דיינע אויגן,
ער האָט איר פּאָנעם, ווי דיין מאַמעס, מיט געשוויר פאַרצויגן,
צי קען איך זען, מיט וועלכן בליק דו קוקסט אַף איר?
דערלויב מיר, עטעלע, די וועלט פאַרענטפערן פאַר דיר...

1943

דאָס וואָרט וועגן קינדער

זײַט מיר מוחל, וועלדער איר פֿאַרקוילטע,
שטעט אין אַש, קוואַלן אײנזאַמע אין מאָך,
וואָס איך באַוויין ניט אײַער בראָך!

אַמאָל, אין מינדסטן קאָרנבלימל,
אין פֿינטל בלוי — פֿלעג איך זען דעם הימל,
די ערד, מײַן גאַנץ באַזיץ —
וואָס זע איך איצט?

אָט קומען אָן פֿון אונטער פּניאַקעס,
פֿון וואַלד פֿאַרקוילטן, געקוילעטן און קרומען,
קינדערלעך פֿון אומאַן —
דער קריע־ריס פֿון אונדזער אומע.

אַלטע פֿאַרשרומפּענע פּענעמער,
די אויגן — לעכער אָפּענע.
זעקס־זיבניאָריקע קדושים
פֿון די טויט־גריבער אַנטלאָפֿענע.

צוויי יאָר נאָכאַנאַנד
מיט די נאָרע־ברוים אין וואַלד

אז מע טיילט זיך:
מיט דער שרעק פאַרן יעגער,
מיט דער נאָרע און זומפּ צום געלעגער.

אָן טאַטע־מאַמע און פֿרײַנט
די פּײַן פֿון פאַרפאָלגונג געטראָגן,
אָט שטייען זיי, וועלט, פֿאַר דיר הײַנט,
און וואַרטן — וואָס וועסטו זיי זאָגן...

1942

דאָס וואָרט וועגן באַצאָלונג

נו, גוט, מע וועט אָנטאָן דאָס פּאַרטעך פון מוליער,
די שטוקאַטור־ברעט אַף די אַנטוואָפנטע מערדער
און בייטן מיט גוואַלד זיי צו אופשטעלן אַלץ,
אַלץ, וואָס זיי האָבן צעשטערט אונדז.

הייסט עס, געדעקט אונדז דעם שאָדן?!
נו, און דעם שאָדן — פאַרוויסטע נעשאָמעס,
הערצער געבראָכענע, ייִעש פון מאַמעס,
וואָס האָבן שוין מער קיין נעכאָמע,

ווײַ פון פאַריאָסעמטע זקיינים,
וואָס גויסען צום וואַנט מיטן פּאָנעם?
מיט וואָס קאָן עס ווערן געדעקט, אַז אויסער דער פעל
פאַרמאָגן מער גאָרניט קיין מענטשלעכס די סאָנים!

און מיט וואָס וועט מען צאָלן פאַר די,
וואָס פון זיי איז דאָס אָרט נאָר געבליבן,
דער לעצטער אויגנבליק נאָר, וואָס האָט זיך צו אונדז
אין הארצן אַף אייביק פאַרקליבן?

20–1953

אז ס׳קאָן שוין אפילו מיט בושע ניט פלאַמען,
מיט מענטשלעכער בושע דאָס סוינישע פּאָנעם.
מיט וואָס וועט מען צאָלן, אז אויסער דער פעל
פאַרמאָגן מער גאָרניט קיין מענטשלעכס די סאָנים!

1943

דאָס וואָרט וועגן מײַפּעלד

אָט דאָס איז דער קאָלכאָז פֿון מײַפּעלד, וווּ די ייִדן
באַוויזן האָבן וווּנדער מיטן ווײַנשטאָק אינעם סטעפּ?!
פֿון הינטער ווילדער ערד דערטאַפּט דאָס וואַסער און באַלעבט
די שעטעכן מיט הורטן שאָף, מיט קעלטערס ווײַן, מיט לידער?!

און איצט — די הייסע כוואַליעס שטויב אין פּאָנעם פּאָכן,
דער טרוקענער קורײַ באַפּאַלט די פּיס און שטעכט.
ס׳איז מײַפּעלדער קאָלכאָז? דאָס האַרץ איז אײַנגעבראָכן,
אין בראָך ליגט אונדזער מי, פֿאַרשעמט איז אונדזער רעכט.

מע ברענגט אונדז קיבעד — ווײַנטרויבן אַ קויש אַ גאַנצן,
די ענגלען ערשט פֿון ווײַנשטאָק צונויפֿגעשלאָגן אין אַ קאָן,
דאָס דריטע יאָר שוין, אַז זיי קומען אָנעם בײַזײַן פֿון די פֿלאַנצער,
מיר קוקן אויף דער טרויבן־פּראַכט און רירן זי ניט אָן.

אָט דאָס איז אונדזער ווײַנגאָרטן? מיר בלײַבן שטיין אינמיטן.
אָט דאָ האָט מען געטייט די מײַפּעלדער אַליין,
אין וועג דאָ צווישן ווײַנשטאָקן זיי ליגן דאָ פֿאַרשיטע,
פֿאַרשניטענע מישפּאָכעס, גרויס און קליין.

מיר שטייען שטום, די הייסע כוואַליעס לופֿט אין פּאָנעם שמײַסן,
דער טרוקענער קורײַ — ער פֿלאָנטערט זיך און שטעכט.
אין אונדזער ווײַנגאָרטן מיר שטייען — ניט קיין פּרוכט מיר רײַסן,
עס רײַסט זיך אונדזער האַרץ אַף מײַרעוו אין געפֿעכט...

1944

דאָס וואָרט וועגן אַניאַ גריב

לייד געבראָטענע, לייד פאַרזאָטענע, שטומע לייד,
א וועלכע יאַם־טיף איז צו אײַך געגליכן!
ניט מיט שפּרוך צו שטילן אײַך, ניט מיט טרייסט־גערייד.
ניט איבערשרײַען אײַך מיט שויפּרעס פון יעריכוי.

איז די יונגע אַניאַ גריב געשטאַנען פאַרן קאָמענדאַנט,
די אויגן אָנגעשטעלט אַף אים, די גרויסע, בלויע,
די קינדער אירע מאָנט ער, אירע קינדער ער פאַרלאַנגט,
איר וואָוועט און מאַריען פונעם יידן אָשער קויהען.

אירע קינדער מאָנט דער דײַטש ווי זײַנס, איר לײַב און בלוט,
אין אָשערן געראָטענע, איר וועלט מיט פריידן.
— מאַמע, וועד האָט מאַכט געגעבן אָט דעם מערדער מיטן רוט
אונדז פּײַניקן, אונדז מאָרדעווען און אונדז צעשיידן?!

געלעבט האָט א געזינד אין פּרײַנטשאַפט, אייניק ווי א ליד,
ניטאָ קיין העכערס בא די קינדער ווי דער טאַטע,
די בענקשאַפט זייערע איז ער, זייער שפּיל־פרײַנט, זייער שטאָלץ געמיט —
א שלאַכטמאַן איז ער איצט, אין קריג, בא די האַרמאַטן!

אניא שטייט פארשטיינט און האָט קיין וואָרט ניט פארן קאָמענדאנט,
אָן אנגסט באשלאָגט זי — אירע קינדער אין סאקאָנע!
אָנגעשטעלט די אויגן גרויסע, פול מיט וויסטן בראנד,
זי שטייט מיטן געהענעם — פאָנעם קעגן פאָנעם.

שרײַען זאָל זי, וויל ער, וואלגערן זיך, רײַסן זיך די האָר!
ער מאָנט די קינדער אירע — גיב אים אפן פײַער!
— בוק זיך, אומגליקלעכע פרוי, ווערסט ריין פון יודן־דאָר,
אף אייביק ווערט באדײַטשט די ערד, דאָס הויז און שײַער!

און מיט כויזעק טײַט ער מיט זײַן הארטן פינגער אף איר בויך:
— און דאָס דערטראָג און נאָכדעם באלד צו מיר עס ברענגען,
און לויט א קוויטונג אָפגעבן דאָס קינד דאָס דריטע אויך.
פארשפעטיק ניט, דערפאר קומט הענגען...

* * *

ער האָט צונויפגעשלעפט די קינדערלעך, דער קאָמענדאנט,
אין הויף פון שול, און יונג און אלט צונויפגעטריבן,
אוועקגעשטעלט זיך מיטן זייגער אין דער האנט,
און פונקט אָן זיבן מינוט זיבן —

עס האָט א שײַטער אופגעפלאמט לויט זײַן באפעל,
און זײַנע לײַט האָבן אין פלאם געשמיצט די קינדער.
ווײ, די קינדערס, מוטערס גוואלדן! ווײ דער וועלט!
די זעענדיקע מאכט עס בלינד און זעענדיק די בלינדע!

פאשיסטן קוועלן אָן פון זיך, פון דעם געשריי,
די מאמעס האָבן זיך אליין אין פלאם געריסן,
און דול פון אומגליק — אָנגעפאלן אף דער פאָליציי,
צום פלאם געשלעפט, בלוטיק־אײַנגעשפארט, פארביסן.

און נאָך די קינדערלעך האָט אניא זיך געלאָזט אין פלאם,
נאָך זייער לעצטן בליק אין פײַער זיך געצויגן.
און דול פון פײַן האָט זי א קער געטאָן דעם קאָפּ צום קאָמענדאנט
און זיך מיט אים באגעגנט מיט די אויגן.

— אָט דאָס זאָל בלײַבן דאָ?! — האָט זי דער גרימצאָרן געטאָן א הייב. —
אָט דער זאָל בלײַבן דאָ, און אָשערס קינד זאָל שטארבן?!
אָ־וויי, ניט דערלעבן זאָל ער עס! א קינד איך טראָג, איך לעב
צוליב מײַן אָשערס קינד, די מערדער צו פארדארבן...

און אניא טוט א טריט צוריק פון פלאם און פאלט,
די אויגן צו, צום קינד אונטערן הארצן צוגעהערט זיך.
— נאָך הײַנט, נאָך הײַנט אוועקגיין צו די אייגענע אין וואלד.
ניט רוען, ביז דאָס פריערדיקע ווידער קערט זיך...

1943

דאָס וואָרט וועגן געדענקען

האָבן זיך די איינציקע פאַרבליבענע באַווייזן
פֿון דער וואַלד־געדיכטעניש, פֿון די בלאָטעס, זומפּן,
שאָרכלאָז, אַ פֿאַרקרימעניש פֿון מענטשנס אויסזען,
אַרומגעהאַקטע פּניאָקעס, אײַנגעשרומפּן.

יעדע מוירע פֿאַרן טויט און פֿאַרן הונגער
איז אויסגעהוילט פֿון זיי, יעדע גלוסט פֿון לײַב
דערקוויקן און צו זײַן דערקוויקט — איז אויסגעסאַרפּעט.
אָט דאָס איז לײַב? ס׳איז נאָר פֿון עפּעס אַ פֿאַרבלײַב!

און נאָר די מויכעס לעבן נאָך, מעשונע קראַנק
גליִען זיי, מעשונע שטעלן זיי זיך פֿאָר די וועלט.
און ווען עס קערט זיך אום אַ לויטערער געדאַנק,
בענקט ער, גאַרט, און נאָר איין ווונטש פֿאַר זיך ער שטעלט:
די שלאַנג פּאַשיסטישע פֿאַרדאַרבן,
אַנדערש, אַנדערש האָט קיין זין ניט שטאַרבן...

פֿרײַנט מײַנע, שיר פֿאַרפּײַניקטע!
געדענקט אין די, וואָס לאָזן זיך ניט בייגן,

די, וואָס קומען בײַ די פּײַן און בלײַבן ריין.
רירט זיך אָן אין זיי מיט אײַער קראנק געביין,
און אײַך וועט ליכטיק ווערן אין די אויגן —
און איר וועט מיט די לעבעדיקע גיין!

1944

דאָס וואָרט וועגן פרײַנטשאַפט

אף נײַנציק קילאָמעטער ווינטערדיקן וועג
איז וואַסיליסאַ קאָרפּאָוונאַ אַוועק אין זאָרגן
צו זען זיך מיט אַ מענטש, וואָס לעבט אין שרעק, —
מיט מאַלקאַ גערשאָוונאַ, וואָס לעבט פאַרבאָרגן.

כאָטש וואַסיליסאַ קאָרפּאָוונאַ באַוווינט אין סימפעראָפּאָל
אַ שטיבעלע פון ווײַסן שטיין, פון גרינס פאַרכאַפּט,
און איבער דעם האַלט וואַך אַ מעכטיק־הויכער טאָפּאָל,
דאָך האָט עס ניט פאַרהיט זי איינמאָל פון אַ קלאַפּ...

זי פילט דעם קלאַפּ ביז הײַנט, כאָטש קינדער צוויי פאַרמאָגט זי,
צוויי טײַערע, דאָס האַרץ מיט זיי זיך קוויקט.
און דאָך דער מאַן... אף אים, אף זײַן געליימטקײַט קלאָגט זי,
אַ שווערע קרענק האָט אים צום בעט געדריקט.

דאָס לעבן גייט פאָרויס, סע וואַקסן אוף די קליינע,
עס העלפט די שול, דער ראַט, די שיינע צײַט,
אין הויף לעבט מאַלקאַ גערשאָוונאַ און נאָך פיל שכיינים,
צום קינד מע כאַפּט אַ קוק, אַ טאָפּ אַמאָל מע לײַט.

סע שפּאַרט אַ גרויס געדרענגעניש, עס גייט צו שניט...
און דאָ פּאַלט אָן דער דײַטש און מאַכט אַ טאַכלעס:
ער טייט אין העלן טאָג, ער טיילט אַף קריסט און ייִד,
און טליִעס שטעלט, און רויבט קאָלכאָזנע נאַכלעס.

האָט אויך זיך מאַלקאַ גערשאָוונאַ געכאַפּט,
געמוזט זיך מיט איר קינד אין קעלערס האַלטן.
האָט וואַסיליסאַ קאַרפּאָוונאַ פּאַר איר אַ פּאַס דערטאַפּט
און אָפּגעשיקט זי אין אַ דאָרף אַן אומבאַקאַנטן.

איצט גייט זי זיך מיט איר צו זען און הילף איר ברענגען,
מיט זאַכן אַף צו בײַטן, מיט אָפּגעשפּאָרטער שפּײַז,
אין שווערן זאַק געשפּאַנט, אין שטריק אין ענגען,
געבויגן אַף פּאָרויס — די פּרוי אין בלאָטע שפּרײַזט.

דאָס פערטע מאָל שוין גייט זי אָט דעם וועג באַלאָדן,
דאָס פערטע מאָל שוין! די נײַנציק קילאָמעטער גייט.
און, דאַנקען גאָט, פון אַלע זײַטן גייט דעם דײַטש אַף שאָדן,
און מאַלקאַ גערשאָוונאַ דערלעבן וועט די פרייד!

1944

דאָס וואָרט וועגן דער שוווע

כ׳בין איינע פון זיבעצן טויזנט געבליבן,
פון אָטעם פון לעצטן צו לאָזן איַיך וויסן:
ווען מע האָט אונדז צו אָפענעם קיווער געטריבן,
ווי האָבן מיר טיף אונדזער ווייטעק פאַרביסן:

ניט קלאָגן! אונדזער געביין דאָ זאָל ווערן די שוווע,
מיט וועלכער עס וועלן זיך דוירעס באַשווערן,
צו האַלטן די שווערד אינעם שווונג און ניט רוען,
ביז איין מאָל פאַר אַלעמאָל ליכטיק וועט ווערן!

באַם ברעג פון דער גרוב ווען מיר זיַינען געשטאַנען,
דאָס שיינע, דאָס ליכטיקע לעבן פאַרלוירן
און האָבן זיך איינס מיטן צווייטן געזעגנט,
דאַן האָבן מיר איינער דעם צווייטן געשוווירן:

„אויב איינער פון אונדז וועט נאָר בלייַבן באַם לעבן,
דאַרף ד ע ר פאַר די לעבן געבליבענע מאָנען
אין נאָמען פון אונדזער דערהאַרגעטער אידע:
ייִדן, בלייַבט טריַי די סאָוועטישע פאָנען!״

איז מאָן איך: שנײַדט אויס אָן ראַכמאָנעס דאָס פּסוילעס,
אַז יעדער זאָל זײַן אונדז אַ בויער, אַ קעמפּער,
ווײַל יעדער פאַר טויזנטער קדושים אַ קויל איז,
פאַר טויזנטער בויער ער בויט און ער ענטפערט.

דער קויעך, וואָס מאַכט בײַע נעגל מיר וואַקסן
אָנשטאָט די צעפּלאַצטע באַם קריכן פון קייווער,
דער קויעך טוט אַלץ, אַז דאָס פאָלק זאָל צעוואַקסן,
ער היילט און דערפרישט און באַנײַט יעדער איווער.

סע קומט אָן צום ווײַבל די צײַט פון געווינען,
פאַר פּלאַנצונגען נײַע זי זאָרגט, און זי גרייט זיך,
און איך האָב באַם גרוב זיך פאַרקנאַסט מיט מײַן אומע,
און דאָס, וואָס איך זאָג, איז מײַן קינד און מײַן טרייסט
אײַך.

1944

מאלקעס צוריק־קער

קיין מאָסקווע

און מאלקע שטייט באם פענצטער אין וואגאָן, פארטראָגן,
און אָנגעלאָדן איז מיט שווערקייַט איר געמיט,
נאָר דאָך טוט עפּעס פּאָרט דער אָפּפאָר מיט אַן אָנזאָג נאָגן,
ווי עפּעס גאָר מיט עמעצנס אָנגעלייגטע טריט.
די רויטע ציגל־כורוועס פון וואָקזאלן לויפן דורך געשווינד,
בא טאנקען־ברוכווארג פּאָכעט מיטן הענטל צו דעם צוג א קינד,
דעם קאָפּ אין טאטנס שווערן היטל אײַנגעטונקען.
א וועג פון שווארצערד לויפט אדורך
און ווערט אין גרינס פארטרונקען.

ס׳איז וואָר, ס׳איז עמעס וואָר!
דער לעצטער קנויל פון קריג־סאקאָנעס
צעבונדן איז, און קאָנסט א קוק טאָן פרײַ אף זיך און דעם ארום!
ס׳איז עמעס וואָר, אז איך בין איך
און דאָס איז דער געקלאפּ פון די וואגאָנעס,
וואָס טראָגן זיך קיין מאָסקווע.
דאָס לעבן קערט זיך אום!
דאָס לעבן קערט זיך אום און לאָזט זיך גיין,
מיט אלע כושים זיך פארמעסט אף בײַקומען און ווײַטער פירן.
דאָס לעבן קערט זיך אום! און זי? זי אויך צי ניין?
אליין איז זי, און ליידיק איז איר היים,
און קיינער ווײַזט זיך ניט אין כאָלעל פון די טירן.

א טרייסט? זי זוכט א טרייסט? זי וויל מיט עפּעס זײַן באַוואָרנט?
דער אומגליק האָט זי זוי א דונער דורכגעדרונגען און געפּלעט.
איר הארץ איר יונגס איז דורכגעפּלאַמט און דורכגעצאַרנט,
און נאָר פון איינס מיט זיך אליין עס רעדט:
די מאמע. די הרוגים. דאָס געשעעניש באם שליוז...
דאָס אלץ — איין נאָגנדיקער אָל, וואָס האָט איר ווי פאַרביטן
איעדן גוטן מוט, און נאָר דער מוז
באַוועגט זי איצט צו זײַן אין נײַעם לעבן, אינדערמיטן.

ווי שווער איז איר געווען דער לעצטער טאָג! איעדער שאָ געציילט...
דער פראָנט־שפּיטאָל, ווו זי האָט די פאַרוווּנדעטע געהיילט,
דעם שמאַרץ געלינדערט זיי, זיי אומגעקערט צום לעבן,
האָט איר אליין קיין רו, קיין היילונג ניט געגעבן.
און דאָך איצט ניט אהיים —
קיין מאָסקווע גאָר האָט זי איר באַן־בילעט באַשטעלט,
אהינצו, אומצוקוקן זיך — ווו איז מען אין דער וועלט...

דער אָנהייב פרילינג־נאכט — נאָך אָנגעזאַפּט מיט קרירע,
צו מאָסקווע נעענטער, ווערט קילער נאָך די ערד, די הימלען.
און מאלקע לייגט זיך צו אף איר שינעל...
אוי, די בליקן אירע!
ווי שיין דער מענטש איז, ווען ער טראכט
און ווען אים טראָגט דער דימיען!

דאָס אויג מעג זײַן צי גרוי, צי שווארץ, צי אלט,
די פּאָנעם־שטריכן — צארטע, ליכטיקע צי גאָר מעגושעם, —
א הייליק ליכט פון טראַכטנדיקן ווען שטראַלט,
און די נעשאָמע טעטיק איז אין אלע כושים.
און דאָ איז נאָך דערצו א צארט געשטאלט,
און מילדקײַט אײַנגעבוירענע פאַרבאָרגן זיך דאָ האַלט.

21*

זי טראַכט: ווען ס׳האָט דער מויעך בייז געבריענט אין שטרייַט,
אין אונטערערד, אין געטאָ — איַי,
וואָס מאָסקווע דעמלט האָט באַטייַט
פאַר איר און איריקע! אין בליק, אינעם געזעגענען, באַגעגענען —
אין גאַנג אף טויט געזען די מאָסקווע־שטאָט —
דעם זין פון לעבן בלייַבן שטענדיק.
באַם לעצטן אָטעמצוג געגלייבט אַלץ אין די קויכעס אייגענע,
ווייַל מאָסקווע, די נעשאָמע מאָסקווע לעבט,
דורך אַלע אָפּלען מאָסקווע בלענדיקט.

און איצט, זי פאָרט אַהין! און מאַלקע ווערט פאַרכידעשט, זי דערפרייט זיך:
וואָס הייסט עס, וואָס? עס נעמט אַ קעלט זי דורך,
עס נעמט זי דורך אַ ציטער!
אַ גוטער סימען, האַ? ווייַל זינט זי איז פון גרוב אַרויס
פון הינטער די געטייטע,
באַנאַכט, אין איינעם העמד, אין יענער כאַרפּעדיקער פּייַן,
איז קיינמאָל מער איר ניט געווען קאַלט אַזוי,
ווו און ווען עס זאָל ניט זייַן.
און איצט... ווי אין די גוטע יאָרן, אַ קעלט באַרירט זי ווידער...
ווי דעמלט, אין דער גוטער צייַט, אין דעם פאַרטאָג דעם פריסטן,
ווען שאָלעם האָט אוועקגעכאַפּט זי פונעם שטעטעלע
און זאַלבעצווייט
אף איין פּלאַטפּאָרמע, מיט אַ כעוורע קאָמיוגיסטן,
צערוישט, ווי פייגל, ביט געשעמט זיך מיט דער פרייד,
געטראָגן האָט מען זיך צום טייַך באַוווסטן, צו דער בויונג
פון ערשטן, דעם באַרימטן פּינפּיאָר, דער, וואָס האָט אף זיי געוואַרט
מיט היילקן געצייַג: דעם גראָב־אייַזן און לאָם,
מיט גרונט און שטיין־פעלדז גרויען,
מיט הייסער שווערער האָרעוואַניע, צו וואָס מע האָט געגאַרט, —
איז דעמלט, פון די איבערלעבונגען אַזויפיל פריידיקע אַ שלאַל,

פון אומבאקאנטער קעלט, פון מאַרגנדיקן נײַעס דערוואַרטן —
האָט דעמלט אזא פראָסט באהערשט
און ציטערן געמאכט איר שמאָל געשטאַלט,
אף יענער אָפענער פּלאַטפאָרמע — אפן [דיל דעם] האַרטן,
אז שאָלעם האָט זײַן רעקל אויסגעטאָן, זי צוגעדעקט,
זי אײַנגעוואַרעמט, נאָר זי האָט אַלץ געציטערט,
פון פרייד. ווײַל גרויס געווען די פרייד,
וואָס האָט אין איר זיך אופגעוועקט.
און איצט... ווי אין די גוטע יאָרן, זי כאַפּט א ציטער ווידער!

און אָט, א צוגעטוליעטע צום ווענטל, גרינג פאַרוויגט אין פאָרן,
שלאָפט מאַלקע אײַן, נאָר ניט מיט יענעם מאַרעשכוירעדיקן שלאָף,
וואָס פלעג פאַרפאָלגן זי אין אַלע די מילכאָמע־יאָרן
מיט טעמפּע ווינקלען אָן א סאָף,
מיט שיף־ברוכן און איבערמענטשלעכן געראַנגל.
ניין, ניין, זי קומט אָן אין א שלאָף אצינד,
וואָס גלעט און היילט זי אויס,
וואָס נעמט זי ווי אַרום און קושט, אזש ליב ווערט אין די אנגלען,
און פון דער העלער הויט איר דאַכט — א קינד,
אָן אייפּעלע דערשײַנט אין שויס.
און אופגעוואַכט האָט זי פאַרטאָג,
אײַנמיטן א באַרימען זיך (פאַר וועמען איז ניט קלאָר):
„אין אונדזער קאַנט איז אַלע פּופּצן טעג, — האָט זי געזאָגט, —
א לויטערע לעוואָנע ס׳גאַנצע יאָר!“
און זיך צעלאַכט, און אין א פענצטער־שויב אף זיך א קוק געטאָן,
געקרעפּטיקט פונעם כאָלעם־שלאָף, מיט גוטס געלאָדן.

פון מאָסקווער נאָענטקײַט ווערט אָנגעפילט מיט אימפּעט דער וואַגאָן.
און אָט איז מאָסקווע שוין. די ערשטע טריט אף מאָסקווער באָדן.

אף מאָסקווער גאַסן

פון איין זײַט קומט א מענטשן־שטראָם פארשיידנארטיק,
אנטקעגן איר — א צווייטער מענטשן־שטראָם קומט אָן,
און איינער קעגן צווייטן, ווי אין טאנץ, א רעגע ווארט מען,
ביז ס'וועט דער אוטאָ־פלייץ אדורכשווימען דעם קאָן.

וויבאַלד די אוטאָס זײַנען דורך פון ביידע קעגנזײַטן,
איז מאכן דורך די מענטשן־כוואַליעס די פיגור,
מע שווימט אוועק, און כוואַליעס לײַט מיט כוואַליעס לײַט זיך בײַטן,
אף ברייטע ראָגן ראשיק טאנצט אדורך א טור גלײַך נאָך א טור.

אין שיינער אָרדענונג גייט אָפּ א טאָג די שטאָט מיט מענגען,
מיט קינדער פול, מיט אוטאָס פול, מיט יונג און אַלט.
און איבער זיי — דאָס גרינג געוועב פון הימלען הענגען,
און הינטן און ארום איז אויסגעבעט מיט מירמל און אספאַלט.

אויך מאַלקע אינדערמיטן גייט און קוקט די מאָסקווער אין די אויגן,
און זעט אין האדראס־פּאָנעם פון די מאָסקווער
דעם באזונדערן בארוף:
דעם סאָד פון זיכער זײַן, פון מאָרגן־רוים דעם בויגן,
דעם שעם, וואָס שטייט אונדז בײַ אין יעדן שווערן פּרווו.

זי גייט דעם וועג פון דער אָרדינקע דורך דעם בריק טשוהונע'ם —
דער קרעמל אָפּן ליגט מיט קופּאָל־גאָלד, מיט פרישן גרינס.
זי טראַכט: אָט דאָ צום אַלעם ערשט דער פרילינג הייבט זיך אָנעט
און גייט פונדאנען צו דעם פאָלק מיט בראָכע און געווינס.

און מאַלקע גייט און גייט, און אויסגעלייטערט ווערט איר אומעט,
ווי נײַ־געבוירן, ווי פאַרכלינענדיק זיך מיט דער פרײַ.
זי לאַכט. ווי נאָכן מאַלעכס שנעל אונטער דער נאָז, —
גאָר אַנדערש ווערט אַרום איר...
און טײַערער די היים, דער מענטש, און מער דער וועלט געטרײַ.

צו טיף דאָך איז די וווּנד. צו טיף איז מאַרך האָט זיך פאַרשניטן
דער מאַמעס וועג. אַזוינס פאַרגעסט מען ניט... ווי פּודיק מיטאַמאָל
די שיך געוואָרן זײַנען דאַן דער מאַמען, אַז אין גאַס אינמיטן
געלאָזן זיי. צום גרוב געגאַנגען באָרוועס,
שילטנדיק ניט מיט איר קאָל.

פאַרגעסט מען דאָס? און מאַלקע האָט אַ טאָג זיך אויסגעקליבן
צו לעבינס רו־אָרט גיין, אָן פרײַנט באַגלייטערס
שטיין דאָרט איין־אַליין.

פון דאָרט צום קרעמל קוקן, אויסריידן דאָס האַרץ דאָס טריבע
פאַר יענעם האַרציקן, וואָס טראָגט די זאָרג
פאַר מענטש און גאָר דער היים.

צוריק אהיים

און ווי מע פאַלט אַרײַן אהיים פון נאָך אַ פּאָלקס־יאָמטעוו אַ גרויסן
אין גוטער מידקײַט נאָך די טענץ און פרייד־געררויש אין דרויסן,
קומט מאַלקע ווידער אין וואַגאָן: אַפּסנײַ זי קערט זיך אום
אהיים — דאָרט אָנהייבן באַנײַס דעם וועג פון רום.

און דאָס, וואָס איר איז גוט באַקאַנט, באַנײַס ווי אַ געשעעניש דערשײַנט!
דאָס ערשטע מאָל מיט שאָלעמען פאַרטאָג דאָרט דורכגעשוווּמען...
דערנאָך... דאָס אופרײַסן דעם שליוז באַם אָנקומען פון פײַנט.
און ווידער איצט... אהין — ווי שווער איז איר אהין דאָס קומען...

אוי, צײַט! איז צײַט דען א מאמאַשעס־זאך, וואָס וואָג און מאָס פארמאָגט,
וואָס טראָגסט עס אפן קארק, געבויגן היגטער דעם אינדרײַען?
אָט — מאלקע פילט דאָס יאָר דאָס איין־און־פערציקסטע אף זיך,
זי טראָגט,
ווי לאָגלען, פלאָג און קאָן פון אָט דעם אָל זיך ניט באפרײַען!

ווי זי האָט דעמלט שאָלעמען באגלייט צו די טורבינען, יענע גראָד,
בא וועלכעביידע זיי געווען זײַנען די בויער און די היטער.
אין מי און ליבע דאָרט געוואקסן, פון דאָרטן האָבן זיי געשיקט צו שטאָט
און דאָרף די שײַן און קראפט פון זייערע די אומדערשעפטע גיטער.

די כאסענע געפראוועט האָט מען דאָ באם אָנהייב ניי־געבויי
האלב היינטיק, האלב אין אלטן שניט צוליב די טאטע־מאמע.
אָט דאָ האָט אונדזער יוגנט דאן צום ערשטן מאָל דערפילט זיך פרײַ,
און וויפל וועלט־בארימטקײַטן פון אָט דער בויונג שטאמען!

איר לער אף אָוונט־קורסן אינעם קלוב, וואָס נאָך אין רויען טינק.
מיט איר א סאך פארהאָרעוועטע ביז די פײַערלעכע אויגן.
און מאָרגן, אין דער מי, זיי קנעטן אײַן פון לער דער נעכטיקער
דעם פונק
און זע׳ן, ווי מי און וויסן שפילט מיט שיינקײַט פון א רעגנבויגן.

פון ווילדן ברעג און טײַך געוואָרן זײַנען דעמלט ווערק — א פראכט!
זיי פלעגן אין דער וועלט מיט רום, מיט בסורע ליכטיקער דאן קלינגען.
ס׳איז יעדער ווינקעלע דאָ אָנגעזאפט געווען מיט לייד און פרייד — מיט
מארך,
אז פון א קרומען בליק דערוף פלעג אָנהייבן דאָס הארץ צו שפּריגען.

און מיטאמאָל — דער סוינע שפארט, ער אײַלט,
און מיר זײַנען געווען געגנייט,

צום פּרוּװ צום איבערמענטשלעכן געשטעלט געװאָרן, —
מיט הענט מיט אייגענע צעשטערט דאָס, װאָס מיר האָבן געבױט!
דעם מארך פון ביינער ניט געקאַרגט! אַזױ האָט אױסגעגאָסן זיך דער צאָרן.

מיט שאָלעמען אין יענער זומער־נאַכט איז זי געװען באַם ברעג,
קײן װאָרט ניט אױסריידן געקענט — אַזױ צעקלעמט.
געװאָרפן פון קאַדאַכעס,
דאָס שטאָלץ געבײַ, װי ס׳װאָלט מיט אַלע פענצטער
מיטאַמאָל זיך אופגערעגט:
„װאָס טוט איר, קינדער, דאָ מיט מיר?!
װי הייבן זיך באַ אײַך די הענט, איך פרעג?!"
און װיסט געװאָרן איז אַרום — דאָס שטאָלץ געביין איז אײַנגעבראָכן.

* * *

פון יענעם טאָג, פון יענעם אופרײַסן דעם שליוז באַם ברעג,
און באַלד נאָכן אװעקגיין שאָלעמס אין געשלעג
איז פון איר האַרץ דער גוטער מוט אַנטרונען,
אַזױ װי פון איר לײַב די קראַפט, די פאַרב פון פּאָנעם איז אַװעק,
און נאָר אין בליק האָט זיך אַ צאָרן־ליכט דאָס אָרט געפונען.
איר פלעג זיך כאָלעמען דאַן אָפט, אַז זי געבוירן האָט אַ שטיין
און װיגט איר ערשט־געבוירנס אין אַ װיגל.
אומזיסט זי זוכט די אייגעלעך, אומזיסט זי זוכט דעם קינדער־כיין.
דער שטיין שטײן בלײַבט שטיין, מיט שטיינער־שטומעניש פאַרזיגלט.
זי טוליעט אים צום האַרצן, און װעקט אים, קושט אים, קלעמט,
און גאַרט אַ כליפּ הערהערן כאָטש, אַ שרײַ, אַ קלאָגן.
זי װעקט אים מיט די ליבסטע נעמען, װי אַ מאַמע קען,
נאָר שטײן בלײַבט שטיין, — איז כאַפּט זי, אין איר שרעק פאַרטראָגן,
אָט דאָס, װאָס זי געבוירן האָט, און אײַלט דערמיט צום מאַן,

און דאָ דערזעט זי, שאָלעמס פּאָנעם איז פֿאַרביטן,
און שטייען שטייט זי פֿאַר א גרוב, און ריידן רעדט זי צו דער וואַנט,
און טאַטע־מאַמע ווערן פֿון די אויסוווּרפֿן געשניטן.

* * *

און אָט איז אויך די סאָזשלקע! אַמאָל מיט שאָלעמען זי האָט זיך דאָ געבאָדן.
ווי יונג מע איז געווען, ווי לוסטיק, גליקלעך, אָנהייב יונג:
ס'האָט שאָלעם, דעמאָלט מיט זײַן הילכעדיקער קראַפט געלאָדן,
זי אַלעמאָל אין שווים געטאָן אַזאַ פֿאַרשלונג
מיט זײַנע הענט, און זי פֿון זיי האָט אויסגעדרייט זיך קונציק,
און קונציק זיך אַליין אַרײַנגעדרייט אין זיי צוריק,
פֿאַרבלענדט, פֿאַרכלינעט מיט דער וואַסער־דעק, אין זון געראָנצלט,
און מיטן טײַך ווי מיט א פֿערענע זיך צוגעדעקט, דערקוויקט,
און ווידער אופגעטויכט פֿון זאַמד־גרונט ווײַסן, ווייכן,
און ווידער זיך אין שפּיל פֿון כאַפּערלעך געלאָזט.
און פּלוצעם האָט זי דעמאָלט, אין געדאַנק, ווי פֿון שלעכטס א צייכן
דערזען א בליק, וואָס קוקט אַף זיי פֿון ברעג, פֿון צווישן גראָז.

א בליק... א בליק, וואָס ניט פֿאַרגינט דאָס סאַמע לעבן דאָס דערגרייכטע.
וואָס ווינטשט אונדז ברעכן רוק־און־לענד אין אונדזער וועג...
און מאַלקע לאַנג דערנאָכדעם פּלעג דעם בליק דעם גיפטיק־שלעכטן
דערזען אינמיטן פֿון א סימכע, אָט דעם בליק פֿון יענעם ברעג...
אין וואָס פֿאַר א געשטאַלט עס קאָן זיך צו דער יונגער פֿרוי דערטראָגן
דער אָנזאָג פֿון א שפּעטערדיקס, א ווײַט געפֿאַר!
פֿאַר אונדזער יוגנט הייבט זיך אָן פֿאַרפֿרי דאָס קלאָרע טאָגן!
און ווי דאָס לײַב זייערס איז פֿעסט — איז די נעשאָמע פֿידל־צאַרט.

* * *

און אָט איז מאַלקע ווידער אָנגעקומען אַפן ברעג מיט אַ בריגאַדע.
דאָס אָרט איז פול מיט בראָך. נאָר מענטשן שטייען שוין מיט לייב־און־
לעבן גרייט...
ווי פריש דער פרי, און ווי עס קלינגט דאָס שרייען פון די יאַטן,
וואָס זאָגן אָן: „מ'איז דאָ! מ'איז דאָ! די בויונג גייט!"
און איינס אַ יאַטל, ניט בעקויעך אויסהאַלטן דעם דרוק פון פרייד,
אַוועק איז אַפן אָרט אַ גאַנג פון קאָזלקעס לעקאָוועד דער בריגאַדע.

מאַלקעס געזאַנג

איך גיי און גיי און פלי און פאָר און רייז אַרום —
און קאָן מיין גרויסע היים ניט אויסמעסטן אינגאַנצן,
און קאָן זיך זאַט ניט אָנקוקן, ניט אויסזיין אומעטום,
דערביי איז זע־דאָרשטיק מיין אויג און גיי־לוסטיק מיין שפאַן,
און כ'וויל זיין אומעטום, וווּ מיין היימלאַנד איז פאַראַן.
איך קאָן ניט אָנזאַטן זיך זאַט מיט אירע קלימאַטן און פלאַנצן,
און אירע ווערק איך קאָן ניט זאַט ווערן צו זען און בענטשן,
ווייל אָן אַ ברעג מיך ציט צו אירע מענטשן —
צום זין פון אירע גענג, צום בלענד פון די געוועטן —
איך בין אַ מענטש פון לאַנד פון די סאָוועטן.

איך שווער, אין שוווע קלינגט פון אומגעקומענע דאָס קאָל,
און שאָלעמס קאָל... פון די, וואָס לעבן, קלינגט דער ווילן
אין אָט דער שוווע — איז גרינג פון פליכטן מיר דער אָל,
און קיינמאָל וועט מיין דאָרשט צו אַרבעט זיך ניט שטילן,
דער דאָרשט צו שאַפן פאַר דער שענסטער פון פלאַנעטן —
איך בין אַ מענטש פון לאַנד פון די סאָוועטן.

דעם בוירע בא דעם שאפן ווילסטו זען, וועלט?
איז זע אונדז אין דער מי, באמי זיך דאָס געמיט באנעמען,
און וויסן וועסטו, וואָס אונדז ארט, וואָס טוט אונדז קלעמען
און וואָס האָט אונדז צום געטלעכן ווארשטאט געשטעלט!
דו וועסט פארשטיין, פארוואָס אייראָפּעס גורל גייט אונדז אָן,
פארוואָס מיר זייַנען דורכן פלאם און בלוט געקראָכן.
פארוואָס אונדז ארט, וואָס ס׳ווערט דעם נעגער־פאָלק געטאָן
און וואָס דעם פאָלק אין כינע, וואָס דער שאָלעם ווערט געבראָכן;
די שאנד אין אטען און מאדריד, דאָס בלוט אין פאלעסטינע, —
דאָס גייט אונדז אָן, דאָס האלט אונדז וואך, דאָס פלאָגט די שכינע.
און טוען מיר דאָ ערלעך טאָג־בא־טאָג די גרויסע זאך,
דערמוטיקן מיר דאָרט די פרייַנט אין זייער שווערער שלאכט,
דערפרייען מיר דאָס הארץ זיי מיט דערפאָלג אין די געוועטן —
איך בין א מענטש פון לאנד פון די סאָוועטן.

1947

דאָס געזאַנג דער פרוי

שיר — דאָס געזאַנג, האשירים — פון אַלע געזאַנגען,
שטעל איך זיך אויף פּאַר דער פרוי, אונדזער שעפערין, זינגען.
ווי שיין אויף דער בוזונג דו ביסט, אינעם שוווּנג אויף די שטאַנגען,
און צווישן די טאָנען בעטאָן — אַזאַ רירעוודיק־צאַרטע און גרינגע!

אין אומגעדולד וואַרט דער באַגין מיט זײַן לײַם, מיט זײַן אײַזן,
מיט גאַנצן זײַן קלאַפּערגעצײַג, וואָס דערוואַרט פון דיר טיקן.
זאָלסט גיכער דערוואַכן, מע וואַרט, און מיט פרײַנט זיך באַווײַזן
צום שאַפן — דאָס לאַנד און דעם מענטש און די וועלט צו דערקוויקן.

און קוים האָבן שטאָפּן און גליוועער פון האַנט דײַנער אָטעם באַקומען,
ווי ווילליק זיי גיבן זיך אונטער דײַן קראַפט, דײַן באַשטימען!
עס זייען די זייער דיר טוווּע, די פּלאַנצער — זיי פּלאַנצן דיר בלומען,
די זינגער — זיי זינגען דיר לידער, דײַן שטאָלצע געהויבנקײַט רימען.

איך האָב דיך געזען אינעם פּאַלאַץ פון „געס” בא דער מעכטיקער שפּאַנונג,
א דיבינקע האָסט זיך געשטעלט אין עלעקטרע־מעדינע רעגירן.
א דרוק מיט דײַן האַנט — און דאָס ליכט, דײַנע ליכט־אונטערטאַנען,
דו שפּאַנסט אין דעם מערכעק זיי אײַן — פּאָרויס אונדזער לעבן צו פירן.

באַכיינט מיט א רייצנדער פרישקײַט און מאַמעדיק בייגן דעם רוקן,
א גליקלעך־פאַרהאַוועטע כ׳האָב דיך געזען צווישן מאַמעס —

דעם זויגקינד די ברוסט דײַנע געבן, אין פּענעמל זײַנס זיך פאַרקוקן
און הערן, ווי ס'וועקן זיך קוואַלן אין דיר און ווי קויכעס זיך זאַמלען.

איך האָב דיך געזען פון דער לופט־שיף אין טהאָם אַרײַן שפּרינגען,
האָסט לאַנג ניט געוועגדט זיך צום רינג, מיטן ווינט זיך געראַנגלט.
ווי גוט איז זיך אופשטעלן, פרײַנט מײַנער, זינגען:
שיר — דאָס געזאַנג דיר, האשירים — פון אַלע געזאַנגען.

1947

א זינגליד

מ׳האָט לאַנג געקירצט מיר מײַנע יאָר,
דאָס לעבן מיר פאַרשטערט,
איך בין געהאַנגען אױף אַ האָר,
און איצט שטײ איך אױף דר׳ערד!

מ׳האָט מיך געשאַצט — אַ סקריפּ פון טיר,
אַ װאָרעם אײנעם כרײַן,
און איצט איז װילד מעקאַנע מיר
דער באַרג־אָדלער אַלײן!

אָט דער, װאָס האָט מײַן הױז צעשטערט,
צו שאַנד געמאַכט מײַן װערט, —
דעם װערט זײַן אײגן הױז צעשטערט,
דעם לײגט מען טיף אין דר׳ערד!

אָ, קינד און קינדס־קינדער, געדענקט
אָט די, אין רום געקרױנט:
זײ האָבן אײַך די װעלט געשענקט,
אַלײן זיך ניט געשױנט!

זאָל קלינגען הויך דער רויטאַרמיי,
דעם גרויסן פאָלק די ליד,
דאָס זינגט די ערד, זינגט אויס פאַר זיי
איר הארץ אף שפּראַכן אַלערליי,
איר דאַנקבאַרן געמיט!

1947

מיט מײַן לאַנד

ווער סע נעמט מײַן פֿאָלק באַזונדער פֿון מײַן לאַנד,
אין יענעם קלאַפּט קיין בלוט ניט אין דעם אָדער;
ווער סע נעמט מײַן וואָרט באַזונדער פֿון מײַן לאַנד,
איענער נעמט די שאָלעכץ אָנעם יאָדער.

אין דיר, מײַן לאַנד, איז גרויס מײַן פֿאָלק —
און ראָכל טאַנצט מיט אירע קינדער;
אָן דיר, מײַן לאַנד, איז קליין מײַן פֿאָלק —
און ראָכל וויינט אף אירע קינדער.

ס'פֿאָלק שטייט אויף פֿאַרטאָג אף גליק פֿאַר זיך און לאַנד
און שלײַפֿט מיר אָן דאָס וואָרט ביז שאַרף און גלאַנציק.
כ'האַלט עס ווי געווער אף וואַך דעם פֿאָלק און לאַנד
און היט עס אָפּ פֿאַר זיי ווי זייער פֿלאַנצונג.

אָן דיר, מײַן לאַנד, איז פּוסט מײַן וואָרט —
און ראָכל זאָגט עס ניט די קינדער;
מיט דיר, מײַן לאַנד, לעבט אויף מײַן וואָרט —
און ראָכל זינגט עס מיט די קינדער!

1938

איך בין
צוגעבונדן
צו מײַן
גרויסן
הײַנט

איך בין צוגעבונדן

איך בין צוגעבונדן צו מײַן גרויסן הײַנט,
דער דעמב, מײַן פרײַנט,
האָט מיר פאַרשמעקט מיט זײַנע וואָרצלען.

איך בין צוגעבונדן צו מײַן גרויסן הײַנט,
דער גראָב־אײַזן, מײַן פרײַנט,
איז שאַרף, און ערד איז פײַכט און זאַפטיק.

איז דאָ די זון צי ניט,
מיך שטאַרקט דער שמעקנדיקער הויף,
ווו בעהיימעס קומען זיך צונויף.

און מײַנע פעסטע פיס!
און מײַנע שטאַרקע הענט!
כ׳וואָלט א יונגן אָקס —
דעם קאָפּ פאַרלענדט!

1917—1918

אין רויטן שטורעם

מאמע, מאמע,
גיי שוין שלאָפֿן,
ס'איז מיט נאַכט
דײַן בליק פֿאַרלאָפֿן;
גיי שוין, מאמע,
גיי שוין שלאָפֿן,
כ'דארף דעם טאַטן עפּעס זאָגן...

שעם זיך, טאַטע!
זעסט ניט טאָגן?
ווילסט דײַן שווערן יאָך נאָך טראָגן!
און נאָך זאַמלען,
נאָך פֿאַרמאָגן
און אונדז שפּאַנען
אין דײַן וואָגן?
שעם זיך אין דײַן ווײַטן האַלדז!

בייג זיך, שוועסטער, צו,
זײַ וויסן,
מעג דיך יאָ און ניט פֿאַרדריסן,

לאָמיר שטיל מיט טרוים פאַרבלענדן
אונדזער מאַמען,
און מיט מײַסעלעך באַצירן
און פֿאַרפּירן זי, פֿאַרפּירן
ווײַט אין ענדן,
בלויע ענדן,
זאָל זי זיך נישט פּלאָנטען דאָ!

ווערט דער טאַטע דאָ נאָר בלײַבן,
וועלן מיר מאַכלויקעס טרײַבן,
יענע גאַל אין אונדז דערוועקן,
וואָס ער האָט אין אונדז פאַרזעצט.
מיט דער גאַל אַליין אים דעקן:
ר'האָט אין וואָגן אונדז געשפּאַנט,
שלעפּן אים זײַן יאָכיק לאַנד.
זאָלן מיר אים אָפּן זאָגן:
מיר ווילן ניט!
מיר ווילן ניט!

*

ערשט צעקריגט זיך מיט די טאַטעס,
גייען מיר, קינדער, לויפן מיר,
פילן זון!
לויפן מיר, יאָגן מיר
הין־און־הער.
לאַכנדיקע, שטראָמענדיקע,
שטראַלנדיקע —
מער און מער.
פאַלן מיר אַף ערד באַזייטער,
ערד פאַרדרייטער,
אַף צעשפּרייטער שאַרף פון שווערד;

ראנגלען מיר זיך,
קויקלען זיך
אין ווארעם בלוט אף ערד.

שטייען עלטערע און קוקן,
גרוילט זיי אינעם רוקן,
וואָר׳נען מיט די אויגן־רינגען:
„פון צעבײַלן זיך,
צעקײַלן
ווערט נישט גרינגער...
ווערט נישט גרינגער...״
ווייס איך וואָס!
מיר, צעקריגטע שוין מיט טאטעס,
מיר פארברענען אלטע שמאטעס
און פארניכטן ווילדע גראָז!
אייביק יאָר געגאן איניינעם,
קידער־ווידער־וועלט איניינעם,
אָט, א טראך אין פויק פון יאָרן!
און מע איז צעטיילט געוואָרן:
האלב וועלט מײַז —
און האלב וועלט צאָרן.

*

אופגעוואכט
פון מי און מאנגל,
מיט דערווארטן,
לאנג געגארטן
ברודער — „גוי״.
טראָגן מיר
מיט דרייסט מיט הארטן

אונדזער וואַכט!
פון מײַן ברודער
שמעקט מיט שטרוי,
פון אונדז ביידע
שמעקט מיט שלאַכט!

איך האָב אײַנגעקרעמפּט אין האַרץ
אַלע ליידן,
אַלדאָס שוואַרצס —
פון די טויזנטער גילגולים,
וואָס איך לעב,
שטאַרבט מײַן טאַטע ווו פון הונגער
אויף אַ האַרט געלעג פון ברעטער,
און מיך רופט ער,
און מיך בעט ער,
וויקט מײַן נאָמען אויס
אין פּײַן.
שטאַרק איך זיך
און וויל ניט הערן!
איך דאַרף זײַן
און דאַרף געהערן
צו דעם שטורעם פון צעשטערן,
צו די האַמערן די פּילע
אויף צו בויען נײַ.
איך וועל ייִנגער,
איך וועל ייִנגער,
איך וועל פרײַ!

*

אַקסל דײַנער,
אַקסל מײַנער,

ביידע רירן זיי זיך אָן.
אונדזער מיזרעך איז צעפֿלאַקערט,
גלי־צעאַקערט,
פֿלאַם־צעפֿלאַקערט,
און מיר גייען אינעם פֿלאַקער,
און עס פֿײַערט
אונדזער פֿאָן:
וועלט אין שימל,
לאַנד און לענדער
אונטער טונקל'ען אַלטן הימל —
ס'הייבט זיך אָן!
ס'הייבט זיך אָן!

ליגט א שרעקעדיקער דרויסן
מיט פֿאַרגלייזטע אויגן;
ליגט הארטנעקיק קעגן אונדז,
ליגט אַף העפֿקער קעגן אונדז,
ווי א כּײַע אויסגעצויגן.
האָבן מיר א טאָג א גרויסן,
טאָג א רויטן,
הייבן מיר אים אָן,
שפּרײַזן מיר מיט פֿעלקער־פֿלאַקערן,
מיט דעם גליִענדיקן, מיִענדיקן אַקער
מיר צעאַקערן
און אַף שטויב צעשטויסן
הארטנעקיקן אינדרויסן.

גייט די זון אונדז נאָך,
ווו מיר שפּאַלטן,
ווו באַהאַלטן ס'האָט זיך שפּין

און ס׳האָט זיך וואָך,
קריכט די זון אין יעדן בראָך,
גייט אונדז נאָך!

*

קומט מײַן פרײַהײַטס־טרוים פון העלן ענד
איבער די צעשמיצטע מויערן,
קומט מיט בלענדן,
מיט באציר,
ריגלט אוף פאר מיר
די מאָרגן־טויערן
און ווײַזט ארײַן אין זייער ווײַט:
אלץ פאר אײַך,
אלץ פאר אײַך!

רײַסן מיר ארויס
לונג־און־לעבער פונעם בויך
פון דער זיבנגוידערדיקער
זוינע־גאס!
מיט די ביקסן קלאפן אויס
אף דער גאס
פוסטער פאס —
קלאפן פאר דער וועלט דער וויסטער
ווידע אויס:

באך! באך!
וועלטן־פעטס,
קריכער־קרעץ,
שיט זיך אויסעט אפן פלאץ!

דעקט זיך אָפּ!
אָפּ די האַנט!
ווייַזט די שאַנד!
טונקלט, טונקלט,
טויט די שטאָט
אָן דעם אָפּגאָט,
אָן דעם גאָט,
נאָר אַ פליגל גרויט און פינקלט
איבער קאָפּ,
היט זי אָפּ.
גייען מיר צו אונדזער גרויסער היים אויף נאַכט,
אַלץ געבראַכט:
איינס,
צוויי —
ברויט,
טיי.
זייַד.
לייַן.
ווייַן.

זיבעטע הויט פון זיך, פון ערד
אָפּגעברענט.
דער אַלטער בוך מיט טויטע פליגל
ווערט פאַרלענדט,
סע גייט אַ נייַער!

איר, אויפגעהויבענע פון שטויב,
איר, וואָס זייַט געווען פאַר שלאַנגען — רויב,
איר, וואָס שלעפּט פון שוואַרצער ערד דאָס
פייַער
מיט אויסגעשטרעקטע הענט,

דער וועלט אים געבן, —
איר ווערט פארשריבן!
איר ווערט פארשריבן אינעם לעבן!

*

אף די רייכערדיקע כורוועס,
אפן כײרעם,
אין ווארעם גאָלד,
וואָס הימל שיקט אראָפּ,
צעלייגן זיך די ברידער,
די כאוויירים.
רוט מען אָפּ,
שפּילט און גיסט זיך א הארמאָשקע,
גיסט זיך, פליטערט,
פליסט זיך, ציטערט,
כליפּעט,
ציפּעט
און צעשטראָמט מיט גאָלד־געקלאנג.

ליגט מען איין קוים אף די כורוועס,
ליגט מען איין ניט לאנג,
שפּרינגען אײנער נאָכן צווייטן,
שטילע,
בלייכע,
און צעשפּרייטן זיך,
צעברייטן
אף צעפאלעניש פארדרייטן.
דרייען זיך
מיט שטיקער זון
אף שטיקער גען,

אף שטיקער מי,
אף שטיקער קרעך —
מיט האוויַיעס און מיט טענץ.

*

מאכט א ווארע,
מאכט א ווארע,
לאָזט, מײַן ברודער גייט א קאָן;
אין די ווארעמע ווייכע פוישטן,
מיט פארדריקטע הארטע פויסטן
און מיט פלינקע עלנבויגנס
הייבט ער אָן:
— קלאנג־קלאנג,
נאָך א קלענגל,
ווי א שלאנקער
שלייף פון סטענגל,
ווי א זעגלשיף אף ווינט,
ווי א שפינדל־ראָד, וואָס שפינט.
מיט א טמימעס פון א קינד,
ווי א ריז, וואָס פלעט די שלעק,
לאָזט מײַן ברודער זיך אוועק:
אָט די פארבן,
אָט דאָס לעבן,
אָט דאָס וועבן
מוזן שטארבן אין די טעג.
נאָר מיר בלײַבן,
מיר, די וועלן,
וועלכע טרײַבן
וועלט צו העלע

מאָרגנס־שוועלן,
נאָר מיר בלײַבן
אין די פאַרבן,
אייביקס פאַרבן —
דאָ!
פליסט האַרמאָניע
אין פאַרב,
אייביקס פאַרב,
פליסן מיר אין טראָפּ,
פליסן מיר צום גרויסן מאָרגנס־קאָפּ:
— מאָרגן!
מאָרגן!
פאַר דײַן העל
טראָגן מיר די לעבנס אָפּ,
לייגן מיר די קעפּ אוועק
פאַר דײַן שוועל,
פאַר דײַן טיר.
. . . .
מיר...

1918

א פּאָרע גייט פון מיסטן

א פּאַרע גייט פון מיסטן,
געדיכט פון ערד שלאָגט אָפּ.
געקומען איז די זון שוין —
קוים אמאָל אראָפּ!

זי שמעקט, באלעקט די הויטן
פון די פייכטע בערג.
א קינד זיצט אף דער ערד
און באקט פון בלאָטע ברויטן.
טוט געמיימע קאָלט א ברום:
„ס׳איז נאָך גאָר א קאלטע זון.
פע, אזא אינדרויסן —
אן אָפּגעריבן שמויסל״.

טוט א פּאָנפּע ליס:
„א קווורע־וואָגן ציט,
מע איילט ניט מיט דער רייזע,
סע ליגט א קינד א טויטס
מיט טענצער־שיכלעך ווייסע,
מיט טענצער־שיכלעך ווייסע,
אין דרויסן איז א קויט...״

שרײַ איך שיר ניט אויס:
פרילינגדיקע בלאָטע,
ריטשקענדיקע פרייד,
זון באַקײַנדלט פענעמער און קלייד!
ריטשקעס, ווי די זעגן,
זעגן ברייטע ברעגן,
גערטלעך — מעובערעס,
ביימער, ווי בעהיימעס,
הייבן אויף די קעפּ
צו דער זון!
עך, איר פּײַנט פאַרלעגערטע,
ווי גיט מען אײַך א הייב —
א שלײַדער אײַך צו טון!

1932

די שוואַגערלעך

1

אַט קומען די שוואַגערלעך ליס און געמיימע,
מיט מיינונגען שפּיציקע, סוואַרעס געהיימע.

ליס טוט פאַרשנירעווען ליבלעך זײַן מײַלעכל,
א וואָרט און א שפּיז און א שטאָך און א פּײַלעכל.

און אלץ, וואָס מיר ליב און מיט וואָס איך שטאָלציר,
ווערט טייקעף באַדעקט מיט א בלאָטער־געשוויר.

די שוואָגערלעך קומען, ווי לאָהעטע אָרכים,
מיט קונציקע שטאָך־רייד
מײַן פעסטקײַט צעשטאָרכען.
איך שטארק זיך און פעסט זיך,
מײַן מארך לאָד איך אָנעט און שטעל זיך אנטקעגן,
כ׳וועל קריגן מײַן קריג, כ׳וועל שלאָגן אנטשיידן!

איך זאָג:
„סע גייען האמוינים אף בערג צו דער זון!“

א קוואַקע טוט ליס, ווי אַ פראָש:
„האָסט געהערט?
ווער זאָגט, אַז סע גייען האַמוינים אויף בערג?
גיב זיי אַ פּלעצל פון קלאָטשע מיט קלייען,
זאָג: „ס'איז פון גאָט" — וועט מען האָפּערדיק קייען".

סע באַמקעט געמיימע מיט פּיבערשן מויל.
און ביידע — צווייפּענעמדיק, קלוגיטשקע, ווייל,
מיט כויזעק, מיט העצע, מיט הינטישע שטיק —
מע שלעפּט די האַמוינים, מע שלעפּט זיי צוריק.

אַ וויסטקייט דערפּיל איך און מיעסקייט און מאַנגל,
דאָך בלייב איך אין רינג פון עם ערשטן געראַנגל.

2

זיינען די שוואָגערלעך רירעוודיק פיין,
דרייט מען איך צווייטן געראַנגל אַריין.
איך זאָג:
„דאָס לאַנד,
אונדזער לאַנד פון אַזעלכע געבירטן,
וווּ קנעכט פונעם לאַנד זיינען איצטער דאָווירטן.
וווּ טאָג איז אַ פויק, און וווּ זון איז אַ פויסט,
און די פויסט אינעם פויק:
„בירי־באָם, — אַרויס!"
ווער שטרייטן סע מוז, ווער גלוסטן סע האָט,
באַ וועמען דער גייסט איז קיינמאָל ניט זאַט, —
אָט דאָ איז די הילף,
אָט דאָ איז דער ענטפער:
ס'איז העכער דאָ מענטש!
און אַלץ איז דערגרייכיק!

דער מענטש איז א קעמפער!"
הערן די שוואַגערלעך שווײַגנדיק אויס,
ליס טוט דערנאָכדעם געמיימען א שטויס:

„וואָס זאָגסטו אף אים?
געפעלט דיר א יאָלד!
בא אונדז איז דער מענטש דאָס פּארקערטע פון גאָלד!
דאָס וואָלוולסטע — מענטשן,
פיל וועלוו'לער פון קליידער!
פאל נאָר אין גאס, וועסטו זען, אז יעדער
וועט אופהייבן פּרוּוון דעם הוט,
ניט דעם קאָפּ...
די פּרײַז אפן מענטשן אין לאנד איז אראָפּ".

באפאלט מיך א וויסטקײַט און מיִעסקײַט און מאנגל,
דאָך בלײַב איך אין רינג פונעם צווייטן געראנגל.

3

איז נאָך די שוואָגערלעך וויניק מײַן פּײַן,
כ'זאָל נאָך אין דריטן געראנגל ארײַן.

א כאווערטע האָב איך,
א קינד און האָב לידער,
איז יעדעס מיר ליב און הארציק־פּארשיידן,
איז יעדעס א טייל פון מײַן מארך און מײַן לופט,
מײַן מאמעלעס מילך אין מיר קילט, ווען מע פּרוּווט
מיטן אויג נאָר א פינטל טאָן בייז אָדער מיִעס.

קומען די שוואָגערס געמיימע און ליס,
זאָגן זיי ליבלעך:

„לידער קאַזיאָנע.
בעסער זאָלסט שרײַבן פון אָמעד און ל׳וואָנע!
פלעגסט אמאָל שרײַבן דאָך פײַן און מילד...
ווײ מיר, דײַן ווײַבל, ווײ מיר, דײַן קינד...
וואָס האָסטו געמאַכט פון זײ? זײַנען דאָך מײסים!
א טאַכלעס פון דיר...
אין דר׳ערד אַרײַן גײסטו...“

באַפאַלט מיך א וויסטקײַט און מיִעסקײַט און מאַנגל,
דאָך בלײַב איך אין רינג פונעם דריטן געראַנגל.

טוט מיר א קראַפּט אין די בײנער א ברום:
„קוק זיך אַרום.
ס׳א פוקס און א טכויר,
וואָס דרײען זײ אַלץ אַף שלעכטס, אַף קאַפויר?
געזען אַזא פּאָרל!
פון ווו און פונוואַנען?
גיב זײ אין קאָלנער —
און שיק זײ פונדאַנען!“

1927

רעשט פון קנעכט

איך וועל זיך בעסער דוירעס זײַן אַלײן,
אײדער אין די רײד אײַערע גלײבן:
אַז מע מוז דאָס עמעס־וואָרט פאַרבײגן,
אויב מע וויל געפינען כײן.

איך קאָן ניט סויוול זײַן די סוואָרעס:
אַז קויט און פאַלשקײַט בלײַבן סראָרעס,
אַז פאַלשע רײד איז אַ מאַטבײע,
מע דאַרף נאָר, זאָלן קלינגען עכט.
און וויל מען גרינג אין וועלט זיך דרײען —
איז רעכן זיך ניט מיט קײן רעכט.
ווי קאָן אַזוינס באַ אונדז באַשטײען?
באַגראָבן ווערט, איר, רעשט פון קנעכט!

1938

אן ענטפער

ווי זון איז א זון, און ווי ערד איז אן ערד,
באַלשעוויקעס צו זײַן איז אונדז אלע באַשערט.

מיר קאָנען אנטווינען און האָבן אנטווינט
די אייגענע שלאַנגען און פרעמדע שלענג.

נאָר הייבן שוין ווידער די סאָנים די קעפּ,
אין גיפטיקער גלוסטונג נאָך שטעט און נאָך סטעפּ,

אין גיפטיקער גלוסטונג נאָך אונדזער געביין,
איז קאָנען מיר הייבן אנטקעגן א שטיין!

אויב סוינע איז סאַם, איז טויטלעכסטער סאַם —
וועט אים צעטרייַבן, ווי רויך, אונדזער פלאַם!

מיר זײַנען קיין קנעכט, קיין דערוויַליקע שײַן,
מיר זײַנען געקומען אף אייביק צו זײַן!

מיר זײַנען געקומען און ווייסן די געבנג,
מע ווייסט, וויאַזוי צו באַגעגענען שלענג...

1927

דעם פויער

בײַס, אקער־אײַזן, בײַס.
וואָס טיפער — איז בעסער.
טיף מוז מען פלאנצן, זעצן
טיף די וואָרצלען,
ווײַל מיר זײַנען ווינטיקע,
אומרויִקע שטאמען.

אָפּגיין זאָל מען מיט שווייס,
הייס זאָל אונדז אָפּברענען,
בײַטן די פּענעמער
פון שוואכע אף שטיינערנע.

אָפּשוועַנקען זאָל עס ביז ביין,
ביז מארך אין די ביינער, —
דאָס פּסוילעס פון אונדז!

בלײַבן זאָל נאָר ווי א דינינקער ציטער
דער קערן פון אונדזערע געמיטער.

פֿלאַנצן דעם קערן,
און דער זאָל עס זײַן,
פֿון וועלכן מיר זאָלן צעבליִען באַנײַס!

1926

אויג אף אויג

לעניגען

איך קוק צו זײַן פּאָרטרעט אַרוף און זאָג:
— הייס און שווער איז
פוגעווען די פוגעס פון אונדזער זײַן,
צופיל שטערערס, צופיל פּײַן.

ער ענטפערט אָפּ:
— דו טראָגסט נאָך אַלץ די צוים פון „שיינעם" וואָרט,
די צוים, וואָס מאַכט נאָר קאַליע דיר די צײַן
און רירט ניט אָף אַ האָר פון אָרט.
דו ווייסט אַליין: דו ביסט אַ מענטש,
און וואָס אָף דר'ערד געשעט נאָר שלעכטס —
אַ טראָפּן דײַנס איז דאָ אין דעם;
דו ביסט אַ מענטש, דו ווייסט אַליין,
דו ביסט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם.

— יאָ, איך ווייס,
אָט שטיי איך דאָ,
נעם מיך,
שיק.

קיין שווערער גאנג פאַר מיר ניטאָ,
אַף יעדער גרוב כ׳קאָן זײַן א בריק,
נאָר פּרווו מיך ניט אַף דריבנע פּײַן,
א פלאַסטער פאַר א מאקע זײַן,
שיק מיך בעסער הייבן בערג!

ער קוקט צו מיר אראָפּ
און זאָגט:
— דײַן העמד איז גראָוו, נעם וואַש עס אויס,
די פענצטער עפן אין דײַן הויז
און דײַנע שכיינים רוף צונויף
און זאָג:
לאָמיר ריין מאכן דעם הויף!
דײַן הויכן טרוים אין הענט נעם פעסט
און פיר אים אויס אין טאָן און טאַט,
כאָטש יעדע שאָ א שטויב די גרייס,
א מילב די גרייס פון דײַן פאַרמעסט.

* * *

סע האָט זײַן וואָרט די פולע ווערט,
די פולע קײַלעכדיקע וואָג,
ווי די פּיירע,
וואָס פון רײַפקײַט שפאַלט זיך,
ווי דער בוים,
אַף וואָס די גוטע פּיירע האַלט זיך.

פעלקער, לענדער האָרכן,
סע הערט א שאָרכען זיך,
א מעכטיק שאָרכען,

שטאַרקער, ברייטער,
שטאַרקער פּילט זיך אָן די לופט
מיט בסורע און מיט דופט.

* * *

איז העכער פון בערג
און העלער פון לויטערע שטראַמען
דער ליכטיקער נאָמען.

דער ליכטיקער נאָמען —
ער פלאַקערט און פירט אונדז אין קריג,
און פירט אונדז צום זיכערן זיג.

בא וועמען סע שיַינט דאָס האַרץ
און אויגן ברענען,
דער ווייסט פונעם נאָמען,
דער ווייסט אים,
דער קען אים.
דער ווייסט,
אַז דער נאָמען דער שענסטער איז לענין!

1926

מענדעלע

מיר זײַנען פֿאַרוואָרפֿן מיט אַרבעט, געבוי און געשלעג,
און פּלוצעם מיר הערן, מע שרײַט אױפֿן וועג:
— ווער האָט פֿאַרגעסן אין וועג דאָ אַ טאָרבע?
דערבײַ נאָך אַ פֿײַגער, אַ קליאַטשע מיט האָרבעס?

מיר רײַסן זיך אָפּ פֿון דער אַרבעט פֿאַרברויגטע,
מיר קוקן זיך אום, און מיר פֿרעגן דערשטוינטע:
— אַ טאָרבע? אַ טאָרבע? וואָס ליגט אין דער טאָרבע?
און וואַרט נאָר, וואָס זאָגט איר, אַ קליאַטשע מיט האָרבעס?

דאַכט זיך, ניט אונדזערס, און עפּשער גאָר... אַ?
אַ כאָלעם אַ ווײַטער, אַ ווײַטער אַזאַ!..

— ס׳ליגט אין דער טאָרבע אַ טפֿיל און אַ הויקער,
אַ מעקלערשער שירעם, אַ שטיק פֿון אַ סטויקע!
די טאַש פֿון באַלטאַקסע, דער גווירטעס פֿאַריק,
און צעטלעך פֿון דוירעס פּראָצענטניקעס ליגט!..

סע גליִיבט זיך דאָס האַרץ ניט, מיר זײַנען פֿאַרברויִנטע
פֿון אַרבעט פֿון גרויסער, מיר קוקן און שטוינען:
— געשיקט זיך, ס׳איז אונדזערס? אַוודע... אָוואַ!
אַ כאַלעם אַ ווײַטער, אַ ווײַטער אַזאַ!..

1937

פושקין און היינע

נאָך האַלבער נאַכט, דער פּלאַץ איז ליידיק,
די שײַן איז ליכטיקער געשפּאַנט,
קומט אָן א מאַן פון ווײַטן קאַנט,
די לאַצן פון דער אַלטער קליידונג
האַלט צו זײַן איידל'לע, בלייכע האַנט.

פאַר פּושקינס דענקמאָל אײַנגעבויגן
ער שטעלט זיך אָפּ: געגריסט זאָלסט זײַן...
נאָר ס'קלעמט אים צו די צונג, די פּײַן,
און טרערן פילן אָן די אויגן,
קוים־קוים ער האַלט זײַן יאָמער אײַן.

— איך קום דיך, גליקלעכער, באַגריסן,
עס ווערן דײַנע טרוימען וואָר,
דײַן פאָלק איז פרײַ. זײַן וועג איז קלאָר.
פון זײַנע הייסע קוואַלן פליסן
דער גאָרער וועלט א פרייד־קאַיאָר.

מײַן היים — פון אויסוווּרפן דערשלאָגן,
די בעסטע קעפּ צעקלאַפּט, געפּלעט,

פאַריאָגט, דערשטיקט — פון היץ מע רעדט.
דאָס פאָלק — אין אונטערערד עס וואָגלט,
און מיטן פאָלק איז דער פאָעט...

און ווידער וואַרגן אים די ווייען,
עס נייגט דער מאַן צו דר׳ערד דעם קאָפּ,
און פושקין שפּאַנט פון שטיין אַראָפּ
און נעמט אים אָן, און ביידע גייען,
מע שוויַיגט א וויַיל, מע אָטעמט אָפּ.

נאָך האַלבער נאַכט. צוויי פריַינט שפּאַצירן.
ס׳רעדט פושקין שטיל — א שטיל געזאַנג.
דערציילט פון פעלקערס שטאָלצן גאַנג,
דערציילט פון פעלקערס דרייסטן פירער,
פון וווּנדער־ווילן און געדאַנק.

— איך ווייס ניט אינעם לויף פון דורעס
אַזעלכע מענטשן! אַזעלכע טעג!
געלאָזט מ׳האָט זיך אין טויט־געשלעג,
אַנטקעגן אַלע לייד און מוירעס,
און דורכגעזעצט דער וועלט א וועג!

באַם מאַוזאָליי פון גרויסן מענטשן
זיי בליַיבן שטיל, מיט ווי אין בליק,
דערנאָך די וואַך מע בענטשט דערקוויקט.
דערנאָך דאָס פאָלק, וואָס רוט, זיי בענטשן,
און דורך דער גאָרקי־גאַס צוריק.

מע גייט, און היינע נעמט דערציילן
פון וויסטן לעבן אין זיַין לאַנד:
— דאָרט טאַנצט א נאַקעטע די שאַנד,

דאָרט פֿירט דאָס לאַנד דער הינטערכיילעק,
וואָס מעלדעט זיך פֿאַר דעם פֿאַרשטאַנד!..

עס בלויט אַף טאָג, זיי זיצן ביידע
אין דענקמאָל־סקווער, באַם שטיין, וואָס שײַנט,
אין טאָגן הערן זיי זיך אײַן.
מע שווײַגט, ס׳ע גלוסט זיך ניט צעשיידן.
און פּושקין זאָגט: — מײַן היינע, פֿרײַנט.

דו ווערסט אונדז אלעמען דערפֿרייען,
דו ביסט באַ אונדז ביז גאָר באַליבט.
עס טוט אונדז וויי, וואָס ביסט באַטריבט,
דו בלײַב באַ אונדז, מיט מיר ווערסט שטייען,
אָט דאָ באַגלײַך — די האַנט מיר גיב.

און לאַנג שווײַגט היינע מיט זײַן ענטפֿער.
דערנאָך — מיט האַרץ דערלאַנגט די האַנט:
— איך ווייס, עס איז דײַן וווּנדער־לאַנד
די היים פֿון אַלע פֿרײַהײַט־קעמפֿער... —
און היינע שטעלט זיך אויף און שפּאַנט.

— איך גיי אהיים צו מײַנע דרייסטע,
מיט זיי אין דערפֿער און אין שטעט
כ׳וועל וועקן ס׳פֿאָלק פֿון הינערפּלעט.
דער גוירל פֿונעם פֿאָלק, — דאָס ווייסטו, —
דאָס איז דער גוירל פֿון פּאָעט.

1937

טאַראַס שעווטשענקאָ

1

כאַטקעלעך ווײַסע — ווי נײַע.
צעשיט אין די בערגיקע שטרעקעס.
און צווישן דאָרט ברעכט זיך אינדרײַען
דער בוג אין די שטיינערנע ברעגעס.

סע האָדעווען גרינע קורגאַנען
די קינדער מיט מײַסעס פון קריגן.
אַ־דאָרט איז מײַן וויגל געשטאַנען,
מיט לידער געטאָן מיך דאָרט וויגן.

א ליד פונעם גרויסן טאַראַסן
געשפּײַזט האָט מײַן שטומע נעשאָמע,
געלערנט מיך ליבן און האַסן
און האָפן אף גליק און נעכאָמע.

ווען קלאָגן ער קלאָגט אף די פּײַנען —
איז קלאָגט ער דאָך אויכעט אף מײַנע.
און טרייסט ער זײַן פאָלק דאָס געיאָגטע —
איז מיינט ער אויך מײַנס דאָס געפּלאָגטע.
און שעלט ער די פּײַנט פון אוקרײַנע —
איז שעלט ער די פּײַנט אויך פון מײַנעם,
די פּײַנט פון פאַרהאָרעוועט פאָלק.

2

אָ־דאָרט, ווו דער בוג ציט זיך אויס
אין הויכע, שוואַרצערדיקע ברעגעס,
אָ־דאָרט, ווו צום פּריצישן הויז
מיט הינט אַף די קייטן — דער וועג איז,
געדענקט זיך אַ סרייפע פאַרטאָג,
פון סרייפע צו שטאָט איז געגאַנגען
אַ מענגע פּאַרויס, און אַ פאָן
איז רויט איבער קעפּ זיי געהאַנגען.

דאָס קינד האָט דאָס רויטס פאַרגעדענקט,
דאָס רויטס איז געווען אַ באַזונדערס,
ווי ס'וואָלט זיך אין צאָרן געשווענקט,
געוואַשן אין ווייטעק און וווּנדער.

און ווידער דאָס קינד האָט געהערט
די ליד פון עם גרויסן טאַראַסן,
און דאַן ערשט פאַרשטאַנען דעם ווערט
פון עמעסן ליבן און האַסן.

1935

ווי שורעס אינעם שיר

ווי שורעס אינעם שיר,
פעסט און גוט,
זײַנען די געבײַען — שטאָל און שטיין
אין שטאָלצער הייך געצויגן,
שטעקט מען אינעם רויש,
אין אימפעט און אין גלוט,
ביז דער ווײַסל־שײַן פון אויגן.

די ארבעט רעגנט אף אונדז הייס,
סע קילט אונדז ווינט פון דער געשווינדקײַט,
אפסנײַ דעם מענטשן און דאָס לאנד
צו איבערשמעלצן דרייסט
האָט קראפט פון מיליאָנען זיך געשפאנט,
אף אויסצוהיילן פעלקער פון דער בלינדקײַט,
אף גרונטעוועץ און פעסטיקן
דעם שאפנדן געדאנק.
די קראפט פון פאָלק אנטדעקט און בעט און הייסט:
— פירט אויס, וואָס איר פארלאנגט!

א ווײַל צו א ווײַל איז ניט גלײַך,
סע טוט זיך אלץ אנטפלעקן,
דו ביסט מערער, ווי דו ביסט,

מער איז שטיין, ווי שטיין.
לאָמיר גיין, לאָמיר זען,
ווי בלאָקן די שעטעכס באַדעקן,
ווי לופט־שיפן אונדזערע קינדער וועקן,
אין פלי, אין פאַרטאָג, איבער וואַסער־בעקנס
באָדן זיי אויס זייער פלינק געביין.

סע גייט, ווי סע גייט, גייט עס גוט.
סע פרייט זיך דאָס בלוט,
סע פליט איבער פוילס און פאַרדראָסן
צו ווײַטערן אָנגריף
פאַר מענטשנס מי,
פאַר מענטשנס פרייד און מוט
און האָב־און־גוט,
פאָרויס,
אַנטשלאָסן!

1927

נאָכן אָפּשווענבן פון טאָג...

נאָכן אָפּשווענבן פון טאָג,
נאָך שווערן ריידעניש
איז גוט א פּריַינט באַגעגענען,
וואָס טוט א זאָג:
„ס׳איז פראָסט און זון".

און פראָסט און זון
מיט נייַעם כיין באַהאַנגען,
מיט שאַרפן כיין פון קרעפּטיק־לאַכנדיקע אַנגלען,
די ציין,
ווי מיַי, ווי יון,
די ציין די פריילעכע
מיט זון מיט פריילעכער זיך ראַנגלען.

אָט־אָט... א וויַיל...
און ווי א שטאָלן רינגל
א וואָרף טאָן ועל איך זיך אהין,
וווהין איך ציל...

24-1953

מונטער פילט זיך קאָפּ אַף האַלדז־און־נאַקן.
ווער פֿירן?
וואָס פֿירן?
זאָל מיט פֿראָסט די קרירע קנאַקן —
אַלץ איז גרינג און פֿלינק איצט דורכצופֿירן!

1927

פרילינגס, זומערס, האַרבסטן

ליבקייט, ליבס, נאָך וואָס דאָס טרויערן,
וואָס זומערס, פרילינגס, האַרבסטן שוועבן,
מיר האָבן שוין דעם דאָר אַ קינד געגעבן
און גייען ווייטער דורך די יאָרן,
ווי דורך די הויכע טויערן.

אָט וואַקסן ווענט,
שטיינער העפטן זיך,
שווערע האַמערן אויף קלעצער זעצן.
פון דערפער ווערן שטעט, און שטעט זיך קרעפטיקן
מיט ניי־געבוירענע מיט פלעצער!

בויער פלינקע, פלייסיקע,
פאַרשמירטע קלעטערן
אויף סופיטן, אויף פאַסאַדן,
ס׳וועלן זיך צום האַרבסט־צו
נייע שטאָט־טיילן צעבלעטערן —
אויפצונעמען מי־טעג און פאַראַדן!

קומען שוין אין שטאָט צו אַלע שטעלעכלעך
די אָנגעלייגטע געסט,

די קאַווענעס און אויבס און גריבסן.
פרישע פאַרבן פעלדישע
אין שטאָט צעהעלן זיך,
אין שטאָט דער פריש־געקאַלעכטער,
צווישן מויערן פון שטאָל און מירמלנע געזימסן.

קינדער קומען אונדז אנטקעגן אָן,
פון וואַרעמען נעפל שווימען גערט׳נער און פאַבריקן;
פייערס אין די וווּנדער־סעדער פליקט מען,
און רעגנבויגנס שפּילן נאָכן רעגענען.

זאָלן פרילינגס, ווינטערס בריקעווען,
דאַרפן מיר דען ווייַן זיך צו פאַרשיקערן?
דאַרפן מיר דען קלאָגן אַף א גרויער האָר?
מיט אונדזער קינד איניינעם אפן וואָגן
טראָגט עס אונדז צו לויטערע פאַרטאָגן:
אוי, וואַקסט א דאָר פון אונדז,
א דאָר!

1926

ווענעלעך קאַלך

זעגלען פֿון אָוונט אין גאַסן זיך וויגן,
ס׳פּיקט מײַן מויל אַ לײַכטער ניגן.
טרײַבערס, דראָזשקעס, כראָמטשערײַ
פֿון גראָבער זאַמד אַף האַרט ברוקיר.
כ׳בין דער שטאָטס אַ יונג געבײַ,
און יונג געבײַ די שטאָט באַצירט.
זעגלען פֿון אָוונט אין גאַסן זיך וויגן,
ס׳פּיקט מײַן מויל אַ לײַכטער ניגן.

די שטאָט הייבט אָן איר ליבע־שפּיל.
אַ ווונק אַהער, אַ ווונק אַהין.
סע גיט די בלום,
סע נעמט די בין,
סע פּיקט מײַן מויל אַ ליד:
דין, דין.

אַ פֿויער־בעטלער שטרעקט די האַנט;
כ׳גיי פֿאַרבײַ,
אַהער, אַהין.
זײַן האַנט זעט אויס — אַ שטיק בוריאַן.

ער שרייַט מיר נאָך:
„היי, גאָספּאָדין!
היי, גאָספּאָדין!“
און האַקט אַ זידלוואָרט אײַנמיטנדרין.

גייט דאָס זידלוואָרט מיר נאָך
און כאַפּט אַרויף זיך אויפֿן קאַרק,
קריכט אין קאָלנער,
טרעפֿט אין מאַרך.
קאַלעמוטנע, קאַלעמוטנע
און פֿאַרשטערט:
ניט געראָטן אים זײַן שטיקל ערד,
וואָס שטעקט ווי שאַנד
מיט דערנער־קרויט
בײַ קאָלווירטן אויפֿן ראַנד,
בײַם הויכן ברויט.
שטרעקט ער אויס צו מיר די האַנט,
צו מיר — דער שטאָט:
„היי, גאָספּאָדין!
היי, גאָספּאָדין!“
און האַקט אַ זידלוואָרט אײַנמיטנדרין.

קום איך מיטן זידלוואָרט אַהיים,
לייג איך שלאָפֿן זיך מיט דעם,
רייַסט עס מיר די הויט פֿון קאָפּ,
אַלע מאַרכן עפֿנט אויף און דעקט זיי אָפּ.

שפּעטער, שפּעטער שלעפֿערט,
ליגט מיר זידלוואָרט בײַם לייב;
דאָס לייַב איז יונג,

דאָס לײַב איז הייס,
זאַפּט דאָס וואָרט מײַן טרוים,
מײַן שווייס,
זאַפּט עס שלאָפנדיקערהייט,
ביז דאָס זידלוואָרט צעגייט.

...אינדערפרי פירן קליינע
ווײַסע וועגעלעך קאַלעך,
וווּהין זיי פאָרן —
דאָרט איז מײַן אָרט;
סע הערלט זיך מונטער אַזאַ מעהאַלעך,
איך גיי מיט ווײַסע וועגעלעך קאַלעך
דער בליק איז העל,
און פריש דאָס וואָרט.

1926

דער בלוטיקער זונטיק

אזוי האָט געדארשנט דער גאלעך גאפּאָן,
מיט הארציקע רייד און מיט טרערן
געווענדט צום האמוין: „אזוי זאָלט איר טאָן,
און ליכטיק און גוט וועט אײַך ווערן,
און „ער“ אײַער ווײ וועט דערהערן.

ווײַל ליב האָט אײַך, קינדער, ביז גאָר אײַער צאר,
דער פאָטער פון אלע געפּלאָגטע,
און שטענדיק אײַך העלפן און היילן ער גארט,
אַט גייט צו אים צו נאָר און זאָגט אים,
און דעם, וואָס אײַך דריקט, וועט ער שטעלן צום נאר!“

און מ׳האָט צו דעם ווינטער־פּאלאץ זיך געלאָזט,
מיט זקיינים, מיט ווײַב און מיט קינדער.
מיט פרומע געזאנגען און צארישע בילדער,
מיט בונטע כאָרוגווען אין בלענדיקן פראָסט.

און מ׳האָט צו דעם פּאלאץ האכנאָיש געקלאָגט:
„אָ, שיץ אונדז, גאָזאלבטער, אָ, לאָז אונדז ניט פאלן,

מיר קאָנען ניט אויסהאַלטן מער אונדזער פּלאָג,
אָ, זאָל אונדז דײַן כּעסעד, דײַן גוטסקײַט באַשטראַלן.

באַווײַז זיך און אונדזערע בלוטזויגער הייס
ניט צאַפּן פון אונדז מער דעם בלוטיקן שווייס.
קום, זאָג זיי, און האַלט אונדזער טײַנע, —
אַז אונדזערע מוטערס איז ביטער און שלעכט,
אַז אונדזערע קינדער אָף ברויט האָבן רעכט,
אַז מענטשן מיט מענטשן מיר זײַנען".

„ער" האָט ניט געהײַעט, דערציטערט פון קאַס,
האָט ער דעם האַמוין זיך באַוויזן:
מיט קוילן אַרויס און מיט שווערדן און שפּיזן
און האָט אין אַ בלוט־באָד פאַרוואַנדלט די גאַס.

אַזוי, ניט געקאַרגט פאַר די קינדער קיין שרויט,
און באַלדיקע „הילף" די געדריקטע געגעבן,
און די, וואָס צום קייסער געגאַנגען נאָך לעבן,
האָבן פון קייסער באַקומען דעם טויט.

1943

אין די זומער־נעכט

טראָגט מען בעבעכעס אין דרויסן
אף צו שלאָפן אין דער פריַי —
קישנס, קאָלדרעכלעך מיט לאַטעס,
מיט מאַטראַצלעך פון קוריַי.

לויטער איז, און בלוי, און לויטער,
אין לעוואָנע — יעדנס וועש...
אין לעוואָנע — אַלע וויַיטן,
אין די וויַיטן קוואַקען פרעש.

מענטשן ליגן פאַר די שטיבער,
ס'איז פון טאָג די זאַמד נאָך הייס.
קינדער עסן מיט לעוואָנע
אָונטערברויט פון איין געפּעס.

אונדזער איבערבעט מיט פלעקן —
אַך, סע פעלט דאָס רעכטע וואָרט —
סאַראַ פעדערן געקנוילטע,
גלייַך ווי גאַנצע הינער דאָרט.

און די פלעקן אף די ציכן —
ניט קיין פלעקן — קסאוו פון דוירעס,
עלטער־עלטער־זיידע יאָקל,
באבע בריינע, מומע דווירע.

פראָים טונקט אין מילך א סעכער,
דער לעוואָנע שטעלט א נאָז;
גיסט די מילך מיט וואסער אונטער,
ווייזט איר אלץ א פולע גלאָז...

לעבן פראָימען די באבע,
אָנגעלענט אין האָלץ א שטיק,
אירע בליקן ווייט אין בלויען,
ווענדט ער אויך אהין זיין בליק.

איטשע זיצט ערגעץ מיט מיידלעך
און מיט יינגלעך אויך מיסטאם,
שפילט מיט פייער, מיט געפארן,
איז פארטראָגן און פארפלאמט.

זאָל, כאָלילע, גארניט טרעפן,
זאָל די קינדער אָפגיין גלאט.
איינגעשטעלט איז זייער לעבן...
זאָל די קינדער אָפגיין גלאט...

1935

טאָג אין נעפּל

טאָג אין נעפּל,
ווער מיר שטיבלעך, בוג און בערגלעך און פּאראָם!
אַלץ אין וואַרעמען נעפּל,
פאַרטיק מיט ציקאָריע,
פאַרפאַקט ער, פּראָים, אין א קויש א פּעקל,
פון אויבן — שטשאַוועל־גראָז און טעפּלעך,
און גייט זיך, גלאַט
עס גייט א ייִנגל זיך, א טאַם...

פאָרט דורך א פּויער מיט א גאָרע היי,
א צווייטער מיט א פורל שטיינער,
א דריטער פירט נאָר האַרצווייטעק און ביינער,
בא איינעמס פאַרקן שטייט א זאַק מיט שפּענער,
באַם צווייטן אונטער סטריכע ליגט אין נעסט אַן איי.
זײַנען אַלע גוט און ליב אים,
גאַנוועט ער זיך שטיל צו אַלע זיי
און לייגט אין זאַק,
אין נעסט,
אין היי

די ליבע בלעטלעך, וואָס אין זיי געשריבן:
„ברידער, כאַווײרים פון מי און נויט!
גענוג געליטן! גענוג געשטיקט!“...

און פּראָים זעט:
איבער שטעט און דערפער הייבט זיך אויף אין רוים
א קלאָר־קלאָרער צוויק,
און אן אופשריפט רויט אף אים:
„מיט גליק!“

1935

קיין אַדעס

רופט זיך אַן פראַים:
מאמע, לאַז מיך, מאמע,
גיין קיין אַדעס,
איך וויל אויכעט זען,
ווי מע זינגט מארסעליעז,
ווי ארבעטער אף באריקאדן שטייען,
ווי דער האפן שלאָגט
די שווארצע מייע.
א קינד דאָרט, מאמע,
וועט מען ניט צעטרעטן —
א קינד קאָן אויכעט
העלפן שלעפן ברעטער.

מאמע, מאמע,
ווייסט, די גאָרע וועלט
איז פול מיט ארבעטער,
איז פול מיט אָרעמע,
זיי זייַנען ברידער אונדז,
פאר איינס מיר שטורעמען!

מאַמע, לאָז מיך,
מאַמע, קיין אַדעס.

רעוואָליוציע שטייט אַף הויכע פּעסער,
רופט צו גרויס און קליין:
— אופשטיין!
אופשטיין!
גיין!..

1935

דער פֿאַרבער־יונג

איך בין איצט אַ פֿאַרב־יונג אויף קלעטערס און שטריק,
איצט הענג איך אויף מויערס אויף רייַכע.
מייַן ייִנגלשע קראַפֿט טוט זיך שלייַפֿן
אין באַרשט־שמיר — אַהין און צוריק.

פֿעסט אין די הייכן איך האַלט זיך,
וועל איך ניט פֿאַלן אויף דר'ערד.
באַלעבאָס אין די שטיוועלעך שטאַלטנע
אונטן מייַן גורל באַקלערט.

פֿאַרוואָרפֿן צו מיר מיט די אויגן,
זייַן ווילטיק ער האַלט אין איין וויגן,
וואָס פֿאַלט אים אַראָפּ גאָר אָן ראַש —
פֿון יעדער מייַן שמיר מיטן באַרשט.

מיך שטעכט ביז דער זיבעטער ריפּ.
„באַ אים אין דער קעשענע קאַלטער

מײַן ברויט און מײַן טיי דאָרטן האַלט ער!..״
טײַנעט פֿאַרביסן מײַן ליפּ.
...ער ענטפֿערט מיט גענגעלע שטאַלטנע,
מיט שטיװעלעכס אײדעלן סקריפּ...

1935

25–1953

ווער ווייסט

ווער ווייסט, וואָס הייסט
צו זײַן אַ קנעכט באַם באַלעבאָס
און וואקסן העפּקער,
ווי סע וואקסט אַף מיסטן גראָז,
דערצויגן ווערן בא די אויערן,
באַקומען לײַב פון שווערע קלעפּ,
אַ שײַן פון פרײַ זאָל אין מויעך בויערן,
דאָך צוגעקייטלט זײַן צום באַלעבעסלס טרעפּ;

ווער סע ווייסט, וואָס הייסט
די יוגנט־קראַפט פאַרשפּאַרן,
ווען סע רופט און בלענדט די שײַן;
לויפסט פון באַלעבאָס,
פאַקט דיך דער זשאַנדאַרם;
לויפסט פון דעם זשאַנדאַרם,
פאַלסטו צו דער נויט אין הענט אַרײַן, —

אָט יענער ווייסט, וואָס הייסט
פון פרייד געפּלעפּט זײַן,
דאָס קאָל דערהייבן און מיט אַלע קרעפטן

זינגען וועגן דער באפרייונג־פרייד;
אָט יענער ווייסט,
פאַרוואָס דאָס שטאַרקסטע קאָל
באַקומט זיך אויך שטילערהייט...

1935

דער הימל

און ווײַט איז געווען אונדז דער הימל,
און אומגערעכט, פײַנטלעך און פרעמד.
א גאָט האָט באַווינט אים א שלעכטער,
וואָס האָט אונדז געלאָזט אין איין העמד.

ווען פולער דער קאָפּ איז געוואָרן —
איז ליידיק געוואָרן דער רוים,
און גאָט איז אין הימל געשטאָרבן —
איז פּוסט דאָרט געוואָרן און גרוים.

און איצט איז דער הימל אונדז היימלעך,
מיט אלץ, מיט זײַן ענדלאָזן כיין —
ווײַל אונדזערע פליער אונדז ברענגען
פיל הימלשע גרוסן אהיים.

מײַן פרײַנט האָט די וואָלקנס געשפּאלטן.
אין טיף דאָרט — מײַן פרײַנט שעמערירט.
מײַן ברודער הייבט אונטער דעם באלקן
און היימיש אין הימלען זיך פירט.

ער שפּילט דאָרט אין שאָך מיט זייַן כאַווער,
געמיטלעך, בארוט, ווי אף דר'ערד,
זיי רוקן אין רוים איבער וואָלקנס
די קלײנע, די שאָכישע פערד.

1934

די הייך

דו פילסט, פארטאָג — סע שלאָגט זיך אָן אין דיר, אין דרימל
דער אויסגעוואשענער באגינען.
דערזעסט א פעלד, און איבער דעם —
געזיפטע רעגנדלעך פון הימל,
מיט זון געלײַטערטער זיי רינען.
א קראָ גלאַנצט דורך: „קראַ־קראַ!“
זי אײַלט זיך אין איר מארק אַרײַן.
סע קרייט א האָנדעלע א יוגנט:
„כ׳האָב סייכל שוין אָן ערשטער אופשטייער צו זײַן!“

און מיטאמאָל דערהערסט אין הימל־ווײַט א קעסל קאָכן,
דער קעסל וואקסט, דאָס קאָכן וואָרקעט מעכטיק,
און ווי א שפיגל הענגט אין הייך,
דעם פראָפעלערס פאָכען,
און פונעם פאָכער־שײַן —
ליבע פּנים פון אונדז שמייכלען.

דאָס פליִען קינדער אונדזערע ארויס
אויסצופרוּוון די מאָטאָרן,

פאַרטאָג, אין דער אומענדלעכקייַט אַליין —
די אומענדלעכקייַט איז הימלעך אונדז געוואָרן,
און הימיש ליב,
ווי ליב ס'איז אונדז די היים!

1933

כויוועס

בין קיינמאָל אין קיין כויוועס
ניט געווען אַזוי פאַרבאָדן.
אויסטערלישע כוויוועס און דריבנע מינץ.
מײַן טיש איז אַן פּאַטראָוועס,
מײַן קאָפּ —
מיט וואָך געלאָדן,
געגנוג פֿאַר מיר אַן אָרעם שטיקל מילץ.

הויל און בלויז
בין איך אַט׳הער געקומען.
צוריק וועל איך זיך אומקערן
הויל און בלויז.
כ׳האָב אָפּגעגעבן שוין
די יונגשאַפֿט פֿון מײַן פּאָנעם,
געשענקט דעם דאָר מײַן ליד,
מײַן ווילדע רויז!

נאָר לייג איך צו צו דר׳ערד דעם אויער,
דאַכט זיך מיר, די ערד, זי מאָנט,
און יעדער קינדער־בליק,
און יעדער שטיין פֿון מויער,
און יעדער טאָג, וואָס בייגט זיך אָפּ צום האָריזאָנט.

װאָס קאָן דען פֿון מיר קומען,
אז מײַן פֿאַרדינסט
און מײַן באַגער איז ערדיש און געדולדיק:
איז שװער מיר, שװער.
איר זאָגט:
בין יעדן שולדיק,
איז װעל איך פּרוּװן צאָלן —
מאָנט!

1925

העל
און
שאָטן

אמאָל איז געווען

(אן אויטאָביִאָגראפישע
ווינטער־מײַסע)

איך געדענק די אַלטע צײַט,
כאָטש זי איז שוין גראָ און ווײַט
און מיט שטויב, מיט מאָך באַדעקט,
און פון קאָפּ ווי אויסגעמעקט.

נאָר סע טוט אַמאָל אַ נאָג
יענער לאַנגער אַרבעטסטאָג:
איך, אַ וועוועריק נאָך אַ ווילדער,
בײַ דער זײַט איך זע די בילדער

פון די אייגענע, די פרעמדע.
פון די טעג ווי אַלטע העמדער
טוט אַ צי פון גרויער ווײַט,
פון מײַן קינדערש־שווערער צײַט.

* * *

...אונדזער שטיבל אויפן בערגל
אויסגעצויגן, גלײַך סע לויפט,
פון דרײַ זײַטן — ווינט און שליאַכן,
פון דער פאָרטער — איציקס הויף.

ווער ס׳איז איציק? — פּאָשעט איציק,
דער, וואָס האַלט דעם גרויסן דראַטש.
דער, וואָס האָט געפּאַטשט מײַן טאַטן
און דערנאָכדעם מיך געפּאַטשט.

איך געדענק א קאַלטן ווינטער,
מיט א כּעוורע שטאַרקע פרעסט,
שניי אַף שניי און ווינט אַף ווינטן,
פעלדער גלאַט, ווי אויסגעפּרעסט.

אַף די דערפער זײַנען שנייען
אָנגעהויקערט שאַכט אַף שאַכט.
פענצטער זײַנען שטאַרק פאַרהוכקעט,
די קאָנורקעס שטאַרק פאַרטראַכט.

דעמבעלעך מיט ווײַסע פּאַכוועס,
ביזן גאַרטל אַזש פאַרשנייט,
העט באַם הימל אײַנגעקריצט זיך,
העט א דערפעלע דאָרט שטייט.

און סע פּליסט שוין ניט דאָס טײַכל,
און די דייזשקע כאַפּט א פריר.
שוועלן ווערן פראָסטיק, העכער,
פראָסטיק, סקריפּענדיק — די טיר.

שלעפּט די מאַמע ארויס די פּוישטן,
טוט א קרעכץ: „שוין דאָ א לאָך“.
נעמט מײַן איטקע זי פאַרלאַטען,
שטעלט לאַפּאַטע־גרויסן שטאָך.

הייצט די באבע אײַן דעם אויוון,
פלאמט קורײַ־גראָז מיט א קנאק,
שײַנט איר פאָנעם פארן אויוון,
און סע פלאמט בא איר א באק.

פרײלעך ברענט די שטרוי אין אויוון,
טרײַבט דעם פראָסט צוריק, צוריק.
דורך די שויבן פלאמט דער מיזרעך
אין א ליכטיקן באשליק.

אך, מײַן באבע, ליבע באבע,
אָפּגעהאָרעוועט א וועלט!
קיינמאָל ניט קיין זאטן ביסן,
שטענדיק פעלט און פעלט און פעלט...

גלײַך זי האָט אף זיך גענומען
כאָוועז טעכטער, כאָוועז זין
צוליב איציקן דעם דראטשניק,
פאר דער קיך און דראטש־מאשין.

בא די קינדער וואקסן קינדער,
אייניקס קליינע, יאָדער־קליין.
וואָס זשע איז דאָס איציקס אייסעק,
וואָס ער קוקט זיי אין די צײן?!

ווי מע וואקסט, און ווען מע יאָרט זיך,
צען איז גוט, איז גראָד די צײַט:
„כ׳נעם זיי צו, נו יאָ, פארשטייט זיך,
איך וועל מאכן פון זיי לײַט!..“

באַ דעם פײַער שטייט מײַן בערל,
וואַרעמט אָנעטשעס פון זעק.
פּאַקט אין שמאַטעס אים די מאַמע,
לויפט ער באַלד צום דראַטש אַוועק.

דאָרטן אַרבעט ער באַם פרעס־שטיין,
יאָגט דאָס פערד, און אים סע יאָגט.
פאַר דער שווערער אַרבעט קריגט ער
זיבן קאָפּעקעס אַ טאָג.

און אַ צוגאָב — אויגן־ווייטעק,
ווערט אַנשלאָפן, ווי ער שטייט.
טוט אים מאַמע אויס און ברומקעט,
און זי שעלט זיך שטילערהייט.

אָט פון אויוון רוקט די באַבע,
מאַמעלײַעס רויט־פאַרפלאַמט.
זי באַגיסט מיט אייל מיט פרישן,
ווערן זיי ערשט רעכט באַטאַמט!

קריך איך גיך אַרײַן אין הייזלעך,
פּיץ־פּיץ־פּאַץ! — אַפּגיך אַ וואַש.
ס'איז שוין שפּעט, אַף די מאַלײַעס
לויפט שוין אום מיט אייל די פלאַש.

גיט די באַבע צווי מאַלײַעס,
בריט אין הענט — אַ וואָרף, אַ וואָרף:
„מיט אַזעלכע, נו, פאַרטרײַבן
קאָן מען פראָסט פון שטאָט און דאָרף!“

שוין פארוקט דעם הייסן אויוון,
שוין פארשטעקט דעם קוימען־לאָך,
אָפּגעבראָטן צען קאַרטאָפליעס,
פּלעצלעך גראָבע אַף אַ וואָך.

האָט די מאַמע פּעט פאַרפּוצט זיך:
טראַנטעס, שמאַטעס, דאַכט, אַ שאָק.
נאָר פאַרהוסט זי זיך אַ ביסל,
טוט זי אָן באַלד נאָך אַ ראָק.

שלעפּט זי זיך דאָרט הינטער הײַזער,
היט זי פרעמדן סקלאַד געהילץ.
און זי דאַרט אין ווײַסער קרירע,
ווערט אַלץ בלויער, בלוי ווי מילץ.

בלײַבט די באַבע, בלײַבט מײַן איטקע,
איך מיט זיי — דער „קליינער שנעק".
איטקע נעמט דאָס קלייד פאַריכטן,
איך — אָן אַלעפבייס איך קלעק.

רוימט די באַבע אויף אין קיכל,
כאַפּט דעם זאַק און טוט אַ לויף,
וואַרפט פון זיך אַראָפּ די שקראַבעס,
אַפן אויוון קריכט אַרוף.

זאָגט זי: „לייבל, נעם מײַן שאַלכל,
טו זיך אָן אין מײַנע שיך,
טראָג אַפּ בערלען דרײַ מאַליײַעס,
זײַ אַ ווילער, לויף אַפּגיך".

„אוי, ס׳איז קאַלט מיר״, — קוועקל איך זיך,
כ׳ווייַז אַף איטקען: „זי... זי מעג...״
זע איך נאָר נאָך איין מאַלייַטשיק, —
לאָז איך זיך אין שווערן וועג...

לופט איז האַרב און בייז אין דרויסן,
שטאַרקט דעם ווייַסן שניי און סמאַלט,
נאָר דער באַבעס שאַל — ער שיצט מיך,
פון דער קרירע מיך באַהאַלט.

כ׳שלעפ די גרויסע, האַרטע שקראַבעס,
זייַנען קאַלט, זיי ווערן גרוי,
ס׳קילן אָפּ מייַן בערס מאַלייַעס,
און זיי ווערן טויט אַזוי.

כ׳זע דאָ לאַנגע ריגווע־צעפּלעך,
אויסגעשמירט פון פראָסט, פון קעלט.
צעפּלעך בערד און צעפּלעך פּאַטלעס,
הוילע צעפּלעך איז די וועלט.

אוי, מייַן נאָז, מייַן נאָז, מייַן בעזל,
ס׳הייבט אָן טריפן, ווי א טייַך,
נאָך איין סמאַליע — ווערט עס צעפּלעך,
מיט די ריגווע־צעפּלעך גלייַך...

כ׳גיב אָפּ זייַנס דעם ברודער בערלען,
קייַט ער גיך און קייַט געשמאַק.
דאַכט, סע קייַען אויך די שרויפן,
קייַען, סקריפּען מיט א קנאַק.

כ׳לויף אהיים, ס׳איז קאַלט, איך ציטער
רייט דער פראָסט מיר אָף דער נאָז.
טרייסלען זיך די הענט די רויטע,
און די אויערן — שטייף ווי גלאָז.

כ׳קריך ארוף אף הייסן אויוון,
מאַכט דער פראָסט דאָ ניט קיין שטיק.
כ׳נעם זיך פּלעצל און צעלייג זיך, —
ווער נאָך האָט אזא מין גליק!..

באבע דרייט מיט אירע שפּיזלען,
איטקע נייט א באַרג, א טאָל.
„באבע, באבע, נו, דערצייל זשע!"
„אמאָל, אמאָל איז געווען, אמאָל..."

— — — — — — — — — — — —

גראָער ווערט דער דרויסן, גראָער,
זאָגט אונדז צו א בייזע וואָך.
און דער הימל, בלינדלעך קוקט ער,
ווי מע האקט אין בוג א לאָך.

פאר בעהיימעס א פּאַלאַנקע
שלאָגט מען אָפּ אין טייַך באם אייַז.
האקן העקערס, שפּרינגען שטיקער, —
ביז דער בוג אן אויג באווייַזט.

טרינקען, קוויקן זיך בעהיימעס:
ווער סע כליפּטשעט, ווער סע זופּט,
וואר׳מע פּיסקעס אומגעדולדיק
אינעם אייז־וואסער מע שטופּט.

אפן פענצטער וואקסן וועלדער,
אין די וועלדער הערשט דער פראָסט.
נאָך אן אינדיק יאָגט א יעגער,
און א טרעגער טראָגט די פאָסט.

און די באבע ברומקעט אונטער,
וואשט און פארעט דאָס געפעס.
אפן קוימען טריק׳נען שקראבעס, —
טריפן טרערן פון די נעז.

און מײַן איטקע ווארפט דאָס נייען,
שטעקט די נאָדל אין א פאלד.
גייט פארפרוירן צו צום פענצטער:
צו די כײַעלעך אין וואלד.

טוט א קוק און כאפט דאָס פלעשל,
לויפט אפגיך נאָך קעראָסין.
דאָ אין דרויסן גריסט דער פראָסט זי,
בלויע ווײַטן, גרוי און גרין.

ענגער טוליע איך זיך, ענגער,
צו מײַן באבעס לינקער זײַט.
אָט, זי רוימט שוין ניט, זי זיצט שוין,
די מאכשאָווע טראָגט זי ווײַט.

בייגט זי זייער אײַן די פלייצע
און פארשנירט דאָס דינע מויל.
טונקל, טונקל פון איר פאָנעם
קוקן שווארצע אויגן־קויל.

עפּעס ווייסן זיי אוואַדע,
אַט די אויגן, טיף און ווײַט,
וואָס אַ מענטש איז, וואָס אַ האַרץ איז,
פֿאַרוואָס אָרעם, פֿאַרוואָס רײַך?

האָט אַ ווינט זיך אויפֿגעהויבן,
ווינט אַ ווילדער האָט דערוואַכט.
אינעם קוימען פֿײַפֿט, יעלאָלעט,
זאָגט אונדז צו אַ ווילדע נאַכט.

קומט ער, בערל, פֿון דער אַרבעט.
פֿעט דאָס אָנטאָן, וואָס ער טראָגט.
טרוקן זײַנע ברייטע ביינער,
מיִדקייט אין די ביינער נאָגט.

טרוקן זײַנע ברייטע ביינער,
פֿעט איז נאָר זײַן שמוציק העמד.
אָבער פֿריילעך ווערט אין קעלער,
ווען צום וואַשן זיך ער נעמט.

הייסע וואַסער גיט די באָבע,
ר'לאָזט אַרײַן די הענט, ווי טעך,
הענט, ווי פּויקער־טעך — זיי פּליעשטשען, —
ווערט אין טאָך אַ יויך מיט פֿעטס.

פֿאָנעם, קאָפּ און האַלדז־און־נאַקן
גיבן אָפּ פֿון וואָך דעם קויט.
בערל קומט אַרויס פֿון קיכל,
גרויס און פֿריש, צעפּאַרעט־רויט.

שוואַרצער קאָפּ מיט שרונט מיט ווייסן,
העמד מיט לאַגן, ערשט געפּרעסט
ברייטע באַקנביינער בלייען,
פריש געגאָלט און מוסקול־פעסט.

טראַכט די מאַמע: „קיין בייז אויג ניט...
און פון וואָס, מישטיינס־געזאָגט?
פון קוליש מיט פּלעצל שיינט ער,
פון די מאַסעס, וואָס ער טראָגט?“

און זי קאָן ניט, קאָן ניט ליידן
איטקעס כאַווערטעס, די שלעק, —
וואָס זיי וואַרפן אַף אים אייגלעך,
אומדערוואַרט און אומגעפרעגט...

שטעלן זיך אַריין כאַווײרים:
באַנדערס, שמידן, לייט פון מיל.
איז דער מאַמען ווידער פריקרע,
טאָמער קוקן זיי צופיל

אַף איר איטקען, די יונגאַטשעס,
„נאָר מע רעדט צו איר, מע לאַכט“.
איז די מאַמע פול מיט אומרו,
פריקרע־אומעטיק פאַרטראַכט.

נאָר די באַבע איז צופרידן:
פריילעך איז די קינדער, גוט.
אָפּגעמעקט פון זיי די זאָרגן,
אופגעוועקט אין זיי דער מוט.

טרייט זי אָרעמען מאַרייעס
הייסע קערלעך שטעלט פֿאַר זיי
קיינער זאָל ניט זען, כאַפּט זי
ברענגען וואַסער, שטעלן טיי.

ניט א קינד דערוף צו שיקן.
ניט צעשלאָגן זיי דעם שמו׳ס.
אלע וואָלטן זיי געלאָפן,
ווען זיי וואָלטן נאָר געוווּסט.

באָבעס פּאָנעם אָזש פּאַרוויטליט,
דאַרע האַנט די קאָרבע קוועטשט.
שלעפּט פון ברונעם שווערן עמער,
וויגט זיך, און עס פאַלן פּלעשטש.

גיכער... פריילעך איז אין שטיבל,
מונטער שמועסט די כאַווריִי,
איילט זי מיטן עמער וואַסער —
זי האָט ליב צו זיין דערביי.

ס׳קומט אריין א לאַנגער כאַוועך —
קורץ דאָס שטיבל ווערט — פּאַטאַפּ.
ער דערציילט, ווי בא די שניידער
שוין די שטרייקברעכער צעקלאַפּט...

שוין צעקלאַפּט און שוין צענעריקט,
באַלעבאַטים צוגעפּרעסט.
אונדזערס וועט מען זיך דערשלאָגן,
איינס נאָר — האַלטן זיך און פעסט...

1927

מײַן אוצער

יוגנט האָב איך,
די יוגנט איז מײַן גרויסער, גרויסער אוצער,
טרוימען דאָרט, און דימענטן, און שטראַלן
ציִען, ציִען זונען־סטרונעס אויס,
שפּילט מיט צאַרטע פֿינגערלעך אָף זיי
מײַן יוגנט־פֿרייד...

און אַז די הענטעלעך פֿון פֿרייד
שיטן פּערעלעך פֿון איינס און צווייט,
גייט אַ טענצעלע אין מיר
מײַן יוגנט־האַרץ...

נאָר, ווײ!
די שטילע טעג, די שטומע טהאָמס שעלוכים,
גאַנווענען זיך שטיל איינס נאָך איינס צום אוצער:
דער רײַסט אַ פּערל אויס, און דער אַ דימענט,
דער כאַפּט אַ זון אַוועק, און דער אַ הימל,
די פֿינגערלעך פֿון פֿרייד, זיי בלאָנדזען,
זוכן סטרונעס — און סטרונעס פֿעלן...
זיי רײַסן בערג, די טעג, און ס'בלײַבן היילן...

מיר כאָלעמט זיך אמאָל א זאל א ברייטער,
מיט שפינוועבס אף די ווענט פון גרויסע בילדער,
און אף דעם בריק — פון יונגע וואלסן — קריצן!
מיר כאָלעמט זיך אזוי...
איך כאפ מיך אוף:
אוי! א טאָג האָט מיך באגאנוועט...

ניט לאנג בין איך ארײַנגעגאן אין אויצער,
זיך געשטעלט באם זײַט און אים באטראכט:
געגלעט די בערגלעך טרוים,
געציילט די פערל,
דעם בריליאנטן־בלענד געגאָסן איינס און צווייט,
דערנאָך באריר ט די ווענט!
דאכט מיר, אלע שטארקע...
ווי זשע קומען גאָר גאנאָווים אָט אהער?
אזוי די ווענט באריר איך, אזוי שטיי איך און קלער. —

און — וויי!
מײַן האנט באריר ט א פײַכטס...
איך קוק זיך אײַן — אָ, שרעק!
א שימל־פלעק!
בא מיר אין אויצער־יוגנט, אין אויצער־פראכט —
א גרוס פון נאכט!..

1916

מייַן אומרו

א גרויסן, טויבן אומרו טראָג איך אין מייַן האַרצן!..
באָדט די שטאָט זיך ווען איך בין אין שוואַרצן,
אין בית פון נאַכט, פאַרכליופּעט ביז די אַקסל,
כאַפּט זיך אויף מייַן אומרו
און טיאָכקעט אין מייַן האַרצן:
כ׳האָב צו דיר א טייַנע
פ א ר ד ע ר ר ו פ א ר ד ײַ נ ע ר!

איך ווייס: אין ווייַט,
ווו ביידע גרויסע אומעס,
ערד און הימל,
ווייַטערן זיך איינס פון צווייטן,
אין ווייַט, אין בלינד־פאַרוויטער,
שפּאַנט א מענטש געפּעלצט
אין פּעלץ פון שטריק און סטריכעס;
אין בליק — א שטרענג געדולד,
אין האַרץ — א האַרט שעליכעס,
אַקשן־קראַפט אין שפּרייַזן זייַנעם,
ער שלעפּט מיט זיך צו מיר
די זעלבע טייַנע

א נאכט, געהאקט פון שטיינער
ווען ס׳אנטרינט פון דולער גאַס
דער לעצטער איינער,
וועט אפן זייד־געשטריקטן שימער
פון שטיק באלויכטענער וואנט
בא מיר אין צימער —
וועט אפן זייד א וואָלקן זיך דערהייבן,
ער וועט אופוועקן מיין טויבן אומרו,
וואָס וועט ברומען:
„ער איז שוין דאָ... ער איז געקומען...“
און דאן — א פינגער־טריף אין מיינע שויבן,
א שפאן באלד איבער שוועלן,
און מענטש, דער ווייטער מענטש מיט גרויסער
טיינע —
ער וועט מיט איר פאר מיר זיך שטעלן.

שטילער, שטיל די ליפן זיינע
וועלן בלוטיק טריפן מיר די טיינע,
פון זיין בלוטיק הארץ אין מיינעם.
מיין טויבער אומרו קוקן וועט פון אויגן
און וועט די טיינע־גיפט פארזויגן...

1916

א שוויַיגנס

איז קיינער ניט פאראנען אין מיַין צימער —
ווער איך מונטער,
איך שמייכל אונטער
און טאנץ א שוויַיגנס מיט דער שטילקיַיט.
מיר דרייען זיך אין שטילער גרינגער ווילדקיַיט,
דרייען זיך — איך מיט שטילקיַיט...

זי טוליעט מיך און ווינטלט מיר אין אויער,
שיקערט מיך מיט אויסזעען איר גרויען,
איך ווער א טאם
און דריי זיך גלאט, וויַיל ס׳דרייט זיך.
נאָר באלד אין שטילקיַיטס ווינקלען
א מורמעלע צעגייט זיך,
מיך באַרירט עס —
דערקען איך זי, מיַין שטילקיַיט,
טאנצן מיר מיט גרינגער ווילדקיַיט
אין טונק׳לער לופט, ווי טונקלע ציַיגנס,
טאנצן, איך מיט שטילקיַיט,
א טיפן גרינגן שוויַיגנס...

ס׳מאכט זיך:
איך קום אמאָל,
און שטילקייט וויל מיך ניט דערקענען,
איך זוך מיך אָפּ אין אירע אויגן —
זע איך: מײַנע שליפן ברענען,
איך קער צוריק,
זי טוט א בליק
און שמידט אי מיך, אי טיר.
איך ווער געפּלעפּט
און קני פאר איר...

ווען איך דערוואך,
איז הימל שוין א שווארצער דאך,
איך און שטילקייט שטייען געארמט׳
די אויגן פײַכט, די באקן ווארעם.
מיר ציִען באלד א מײַסע־ליד
פון נעכט און העגנס
און טאנצן גריבג און לאנג א שווײַגנס...

1917

ניטע, שוועסטער

ניטע, שוועסטער, דרעמל איצטער.
ווײַל דער ווינט, אָט ברעכט ער, קריצט ער.
און דער וואלד טוט אָן א קאפּטער,
און דער הימל — וואָלקנס קלײַבט ער;
אָך, אָן אָנפאַל וויל ער מאכן,
אונדז מיט וואסער אויסצולאכן,
קוק, די וואָלקנס — ס'א סאקאָנע,
לאָמיר רעטן די לעוואָנע!..

קוק אף צאָפן, ווי א קאָטער,
אין א טײַך דאָס קעפּל באָדט ער,
קושט זיך מיט א ליוויאָסן,
און זיי שטוסן... און זיי שטוסן...
ביידע אײַלן זיי זיך, רוקן —
די לעוואָנע צו פארצוקן...
ניטע, שוועסטער, דרעמל איצטער,
ווײַל דער הימל, וויל ער, בליצט ער.
כאפּט די שווערד באלד פונעם שיידל,
מאכט אן אָנפאַל פון א זײַטל,
שלאָף ניט, שוועסטער, ס'א סאקאָנע,
לאָמיר רעטן די לעוואָנע...

1916

אזא בלויע נאכט

ראַזען

אזא בלויע נאכט...
אזא בלויע נאכט...
איך שטיי בא א ברונעם אן אלטן מיט מאָך.
א קאץ, זאָגט מען, וווינט דאָ א גאנצענע וואָך,
וואָס קישעפט מיט אייגלעך, מיט לעפלעך באשווערט,
און זעלטן אין זומער אין בלויינקע נעכט
נייגט זי דאָס קעפל צום הימל און שפּרעכט.
דעם שפּרוך ווייסט לעוואָנע, דאָס מיידל, נישט מער.
מיך שיקערט צו וויסן. איז קום איך אהער.

איך שטיי בא דעם ברונעם און קוק זיך גוט איַין,
א בילד דאָרט... דער קאַצס, צי דעם מיידלס, צי מיַינס...
טיף איז דאָס בילד, און אף דעם קוקט פּארטראכט
אזא בלויע נאכט...
אזא בלויע נאכט...

דאָרט איז די שטאָט אזוי פרום, אזוי אלט,
ברייט איז דער קלויסטער פאר נאכט־שלעק צעפּראלט.

שטייט בא דעם מויער א פרומער און בעט,
קלאפּט זיך אין הארצן א טויבן אלכעט,
זעט אים דער שוימער פון קלייטן און טראַכט:
אזא בלויע נאַכט...
אזא בלויע נאַכט...

1917

שטיל און טיף

...שטיל און טיף־טיף, ווי מײַן שווײַגן,
וועל איך מורמלען דיר אין אויער:
„מאכנעס מײַדן, וואָלקנס מײַדן
מיך א זײַטיקן, א קלײנעם,
ניט צו פֿלויטן, ניט צו וועגן,
ניט צו מאַרקן, צו געשלעגן,
כ׳וועל נישט מיטגײן מיט קײנעם".

דער האַמוין — מײַן געזונטער פּאָטער —
שטאַרקע גלידער, בלינדער ווילן,
שיקט א דולן צו א „טאָטער"
און פֿאַרשטײט א היגטיש בילן.

קאָן איך זײַן דען א פֿאַרשטײַטער,
פֿון מײַן גאַס אַרויסגעשטויסן,
ווי א שפּאָן אוועק פֿון שפּענער
צי אַף הפֿקר אינעם דרויסן...

מיט מײַן גלײַכן האַלט איך אויף זיד·
פּיק איך, קלויב, אַף הויכע שוועלן
פֿון א וועלט אין נעפּל ווײַטן, —
פֿון א וועלט, וואַס הייבט אָן העלן...

1917

27· 1953

איך גיי מיט דיר

ארבעטער־האמוין, האָרעפּאשנער קלאס!
אויך זקינים גייען מיט דיר,
אויך קינדער,

ערשט נעכטן בין געווען א בלינדער,
און בלינד מײַן האס,
איצט זע איך אלץ
און גיי מיט דיר, מײַן קלאס.

ס׳אראָפּ פון מיר א בארג מיט צאָרעס,
א קנופּיע באלעבאטים,
סראָרעס,
שטיקעניש און קאפּצן־לופּט
פון נאָרע,
ווו מײַן יוגנט האָט זיך אויסגעפּיקט.

ס׳האָט מיר זייער אָפּגעגליקט —
איצט שטיי איך פעסט אף מײַנע פיס,

ארומגעגאַרטלט מײַנע לענדן,
בין גרייט אױף װײַטן און אױף ענדן —
און דאָס לעבן איך באַגריס!

1917

גייט אײַך

אַלטווארג, גייט געזונטערהייט,
גייט אײַך מיטן טאָג אוועק,
דאָ ניטאָ פאר אײַך קיין פרייד,
ניט קיין בלום, קיין זונען־פלעק.
אײַער הארץ — א קאַליע פידל,
לאנג פארגעסן שוין איר ליד;
אײַער אויג — א טײַך אָן וואסער,
ווי א שאָטן, וויגט זיך מיד;
מיר, די יונגע, קומען שטײַפע,
בלוט און פײַער — יונגעלײַט!
זעט, מיר מאָלן אויס א לעבן,
פרײַ די פארבן, קלאָר די ווײַט;
קראפט פון ארבעט — ניט קיין שלאבער;
לעבנס־פרייד — ניט קיין קרעכץ.
ווער סע קאָן ניט זון דערגרייכן,
ווערט פארסארפעט און צעלעכצט.
גייט אײַך, גייט געזונטערהייט,
גייט אײַך מיטן טאָג אוועק,
דאָ ניטאָ פאר אײַך קיין פרייד,
פלאָנטערט זיך ניט אפן וועג!

1917

ווײַבער

און זעסטו אין דרויסן פֿון ווײַבער אַ רעדל,
מע אַרבעט די זאָקן אין שאָטן פֿון סעדל.
מע שושקעט זיך, אײנע צו צווייטער געבויגן,
און טרוי׳ריקע שאָטנס פֿאַרשטעלן די אויגן.
זײַ וויסן, מײַן ברודער, און דו, דורכגייער:
ס׳וועט עפּעס געשען... ס׳וועט עפּעס געשען...

אַ ב׳ווייִשער גײַסט איז צעגאָסן אין ווײַבערשע הערצער:
זיי קוקן אין זיי ווי אין אורים־וועטומים,
זיי פֿילן אַ סאָד, און זיי וויסן זײַן זינען,
דערפֿילן פֿאַר מײַלן די ליבע און סינע.
זיי שושקען זיך, שושקען, דו קוקסט זיך אַרומעט,
דו זוכסט כאָטש אַ סימען פֿון דעם, וואָס זיי מורמלען,
דו זוכסט, און דו שרעקסט זיך, און ווערסט שיר מעשוגע,
און ווערסט מיט אַ טיאַכקענדיק האַרץ קוים אַנטרונען.

איך ראַט דיר, מײַן ברודער, איך גאַס דאַן ניט גיין:
ס׳וועט עפּעס געשען... ס׳וועט עפּעס געשען...

1918

קומט דאָס קינד באַשיצן!

קומט דאָס קינד באַשיצן!
געהענעם גייט מיט דונערן און בליצן
אויף אונדזער קינד
און אויף זײַן מאָרגן.
קומט, מיר, האַלבע וועלט,
דאָס קינד באַשיצן
און באַזאָרגן!

האַלבע וועלט, ציטערדיקע מאַמעס!
האַלבע וועלט, פאַרהאָרעוועטע טאַטעס!
קוקט עס אָן —
דאָס קינד, סע שטײַגט פון נעפּל אויף,
פון אייביק לײַדן,
אייביק שטרײַטן;
קוקט, דאָס ליכטיק קינד
מיט בלאָנדן קעפּל,
סע קומט דעם נעכטן אונדז פאַרבײַטן
אויף אַ זוניק־גרויסן מאָרגן,
קומט זשע עס באַזאָרגן!

1918

ליב־געבענטשטער קאָפּ

ליב־געבענטשטער קאָפּ,
אײדל־ציטעריקע האַנט,
לאָז מיך אָפּ!

פֿאַרשליס זיך מיטן קינד
הינטער טויבער וואַנט,
מיט אײַנגעביסענע ליפּן זאָג דער שרעק:
„מײַן מאַן איז דאָרט".

לאָז מיך אָפּ!
אויף דײַן פֿאַרהאַלטן מיך
און אויף מײַן בלײַבן
שרײַט יאָמערדיק דאָס פּנים פֿון דער ערד:

זע נאָר,
זע דאָס קינד,
ערשט אויסגעשפּראָצטע צײנדלעך,
ס'וואַרפֿט מיט דעם,
עס טרעפֿט ניט
א צײנדל אָן א צײנדל.

פֿון די לידער וועגן דער פּעטליוראָווטשטשינע.

לאָז מיך אָפּ!
כ'וועל מײַן גאַנצע גאַל
מיט פֿײַנעדיקן צאָרן
כראַקען אַפֿן פֿײַנט!
פֿאַרסאַמט מײַן בלוט.
כ'האָב בייזע שלעכטסקײַט
אין פֿאַריאָגטע אָדערן.
היי,
גרילצנדיקער, כוצפּעדיקער אויסוווּרף.
ווי וואַקסט מען עס מיט טויזנט פּיאַווקע־
וואָרצלען?!
זע, איך קום אַנטקעגן דיר!
איך קום אַנטקעגן דיר!

1919

זי שנאָרעט שוין ווידער

זי שנאָרעט שוין ווידער,
די מיסע־מעשונע,
אף אָפּענע טראַקטן.

אָט קומט זי אַרײַן שוין
מיט מעשענע טאַצן,
מיט קלאָלישער פּויק.
פּלעטשעט און באַהאָגלט
מיט דערנער, מיט פּריסעק
ס׳באַקעטע לײַב פון שטאָט.

די קינדער באַפאַלט עס
אינמיטן דעם שפּילן.
זיי כאַפּן דערציטערט
צוריק פון דער גאַס זיך,
די זײַדענע אויערלעך
צעשטאָכן, צעבלוטיקט,
פון פּריסעק צעפלאַמט.

כ׳האָב דען ניט געבעטן:
„קינדערלעך, ווערט זיך,
כ׳ווייס, וואָס דאָס פּויקן באַטײַט!״

ווי ווערט עס פון הײַזער
אין איינער א רעגע
צעוואָלגערטע שטיינער,
גרויסע און שווערע,
אָף העפּקער!
צי אָטעמט אין זיי נאָך
דאָס ווארעם געמיט?
אין כאָרעווע הײַזער —
דאָס ווארעם געמיט?

1919

כאַפּט מיך אָן די בייזע בסורע

כאַפּט מיך אָן די בייזע בסורע,
ווערט צעשפּאַרט מײַן יונגער קאָפּ.
גרייַזט און גרויט מײַן יוגנט,
גרײַזט און גרויט.

בינד איך איבער אַלע קנופּן
פון מײַן יונגער כאַלעם־נעץ,
לעצטע קנופּן, לעצטע בליקן,
כאַלעם־נעץ.

כ'האָב מײַן ליבן ווײַבל
שוין דאָס שרעקלעכסטע דערציילט —
ז'האָט דאָס לעצטע מאָל פאַרבראָכן
אירע הענט.

כ'וויל אין פענצטער מער ניט קוקן —
כ'האָב דעם דרויסן גאַליק פײַנט,
כ'האָב באַצוווּנגען האַרץ אין צוואַנגען —
און סע שטומט.

1919

ווילסט זיך ניט קלאָגן

ווילסט זיך ניט קלאָגן, קלאָגט זיך דאָס האַרץ,
קלאָגט זיך מײַן יונגער בלײַקער טרוים:
זײַן וועט מײַן קינד, מײַן פֿריידיקער בליט,
אַ טרויעריק קינד, אַן אומעט־געמיט.
זײַן וועט מײַן קינד אַ שרעקיקער צווײַג,
מיט פּאַכעד באַהויכט,
מיט אָונט באַגרויט.

בעט איך דיך, טאָג,
בעט איך דיך, נאַכט,
פֿעלט אויס מײַן שוועל מיט אײַער געקלאָג,
מיט אײַער געקלאָג.

לאָזט מיר מײַן ווײַלע
וועבן אַליין;
אַ מענטעלע צאַרטס
וועבן מײַן קינד.

בעט איך דיך, ווינט,
גיי דיר פֿאַרבײַ,
שלײַך דיר פֿאַרבײַ!

1919

טאָג ווערט פֿינצטערער

טאָג ווערט פֿינצטערער
און פֿינצטערער.
כאַפּטעס רוקן אָן זיך אויף דער שטאָט,
רוקן אָן זיך לאָהעט, רײַסן קעפּ,
מאָרעשכוירעדיקע קעפּ,

אויך נאָך מײַנעם,
מײַן יונגן קאָפּ,
נאָך מײַן האַרץ,
וואָס האָט פֿאַרוויגט אין זיך די פֿרייד פֿון ליבע.

אָן אומגליקלעך־פֿאַרבליבענער
וועט איבערציילן די הרוגים.
ער וועט מײַן טויטן נאָמען
גלײַך מיט אַלעמענס פֿאַרשרײַבן מיט קליינע
אויסיִעלעך
אין לאַנגן צעטל.

אוי, זאָל ער ניט פֿאַרגעסן דאָרט
פֿאַרצייכענען,
וויפֿל איך בין אַלט געווען!

זאָל ער כאָטש דערמאנען דאָרט,
אז בלוטיק־יונג מײַן הארץ געווען,
אז שטארק, ווי וועלט, געווען מײַן וועלן לעבן,
מעשוגע שטארק,
ווי לעצטער טאָג!

1919

איך זאָל כאָטש ענדיקן

איך זאָל כאָטש ענדיקן מײַן דיבינק פידעלע,
וואָס שניץ און טעסע עס א גאַנצן פרי.
פון שוועבעלעך־קעסטעלע מיט פינגער פיבערשע
איך שניץ און טעסע עס א גאַנצן פרי.

— בייז געוויטער, וואַרט א ווײַל פון יענער זײַט!
איך מוז פאַרטעסען נאָך דעם אונטערטייל.
און דו, טויט, שטיי א ווײַל באַם שוועל און וואַרט אף מיר —
איך מוז פאַרגלעטן נאָך דעם אויבערטייל.

נאָך שטעלן שטיפטעלעך אין גלאַטן העלדזעלע
און ציִען הערעלעך אף דינעם סמיק.
די ראַצכים הולען שוין אין הויף דעם שכייניישן
און שוין פאַרהאַקט מײַן טיר מיט זייער בליק.

אָ, נאָך א הערעלע פון קאָפּ אין פידעלע...
אָ, ליבע, ציטער נישט, לאָז, נאָך א האָר —
א קלייניבק פידעלע דעם בלאַסן קינדעלע,
אָ, זאָל עס זײַן אים נאָר צו לאַנגע יאָר!

דעם קליינעם קינדעלע א דינינק פידעלע,
מיט דינעם פעדעמל אף הערצל דעם: —
זים־זיס מיט סמיציקל, ווי ס׳קליינע פליגעלע:
„דעם טאטנס פידעלע... דער מאמעס פידעלע...“

1919

יאַטקע־הינט

יאַטקע־הינט, די גרויסע יאַטקע־הינט,
האָבן זיך אָנגעקלעפּט
און טרעטן ניט אָפּ פון ראָכל־לייעס שוועל.
לאָזן גאָר קיין מענטש ניט צו —
ניט ארויס און ניט אריַין.

טײַנעט ראָכל־לייע צו די הינט:
„פארוואָס דען, ראָצכים, אויסוואָרפן?!
דער רויפע זאָגט, איך האָב געציילטע טעג נאָר!"
נאָר אויסגעלײַטערט איז אין ראָכל־לייען
א ביטאָכן און א גרינגער שמייכל:
„ער זאָגט עס שוין פון יאָרנלאנג!..."
די הינט, פאראקשנט אָנגעקלעפּט,
טרעטן פון דער שוועל ניט אָפּ.

ביז סע קומט איר באסיעכידקעס כאָסן,
דער רויטארמייער — מיט זײַן טייל אין שטעטל —
ביז זיי טוען א צעריַיב די הענט:
„אנו, כאַוורײַיע!"
און מע טוט א שפּאַן א הייסן צו די יאַטקע־הינט

28-1953

און מע טוט א נעם זיי בא די אויערן
די פעלצענע, די פאטלאטע.
בעט זיך ראָכל־לייע בא די רויטארמייער:
„שלאָגט זיי ניט, אוי, שלאָגט ניט, קינדער!..
דער רויפע זאָגט, איך האָב געציילטע טעג נאָר!..“
נאָר אויסגעלייַטערט איז אין ראָכל־לייען
אזא ביטאָכן, אזא נאכעס!..

1919

אָפּגעטרייסלט זיך

אָפּגעטרייסלט זיך
פון שאָטנס וויַען און פון שטויבן,
טרײַבט מיך זונען־ווינט צו איַיך אנטקעגן:

— א גוט־מאָרגן, זקיינים,
הינט און קוואָקעס,
באַנקבעטלעך און הירשן, בײַכיקע לאָפּאטעס,
א גוט־מאָרגן איַיך, אַף זײַטיק,
אַף צעקרימטע שטעטל־וועגן.

מיט פּעקלעך נאָך,
מיט מוטנעם גורל אין די מוטנע אויגן,
מיט בראָכע אַף די הענט:
זיך צורירן, אַלץ באַרירן,
און אופצורירן!

א גוט־מאָרגן!
טרײַבט מיך זונען־ווינט
צו איַיך אנטקעגן!
איך טראָג פאַר איַיך

אף יונגן אקסל זאַנגען.
א לאָגל אױסגעקעלטערטע געזאַנגען,
א גוטן, יונגן כאָלעם
אינעם אופגײן פון מײַן האַרץ!

צעװאָרף איך, צעשיט איך, צעשפּרײט,
צעבלאָז און צעװײ
די בראָכע, די בסורע, די פרײד
פון כאָלעם מײַן יונגן, מײַן גוטן.
אײַך,
אף זײַטיקע, צעקרימטע װעגן.

פאַר אײַך טאַקע, אַלטע מעװינים
פון לױטערן, זױניקן װײַן,
בין איך א מילגרוים געװאָרן, —
א פרוכטיקער קום איך אצינדער
מיט זוימען, מיט טױ און מיט װינט.

איך טראָג אײַך די בסורע די גרױסע
פון ערשטן פון ליכטיקן קינד!

1919

נאָך דער ביקס

נאָך דער ביקס
און נאָך דער שווערד,
נאָך דעם אָפּגעברענטן יאָך
פרײַ וועט זײַן די נײַע ערד!
מיט קראַפט באַשווערט!
לויטער־קלאָר, ווי אונדזער וואָר,
וועט זײַן דער דאָר, א געזונטער דאָר!..

פליִען וועט דער גרויסער גײַסט
איבער קלעצער פון װאַרשטאַט.
און נײַ געצײַג, און בלאַנק געצײַג
בענטשן וועט באַפרײַטן טאַט.

אומגיין וועט פון שוועל צו שוועל
פון אונדזער העלדן־צײַט דער העל,
פון אונדזער װוּנדער־טאָג א מײַסע —
אומגיין וועט אף וועלטן ווײַסע,
מורמלען טויִק, שטילינק, רייך:
„אזוי... אזוי איז דאַן געווען...
„אזוי... דערנאָך געשען..."

און אופשטיין וועט דער נײַער מענטש,
און שטורמען וועט א לויב־געזאנג,
צו אונדז געווענדט:
„אָ, גרויסער פרײ!
אָ, זײַ געבענטשט!..
און איר, וואָס האָט באפרײַט די מי,
אָ, זײַט געבענטשט!“

1920

האמבורג, אָקטיאבער 1923

ס׳וועט פאלן אף א גאס מײַן קאָפּ,
ס׳וועט מײַן פריילעך בלוט
ניט טאָן קיין איין געשריי.
אף בארנבעקער[1] באריקאדן
שלאָגט זיך אונדזער בלוט מיט פּאָליציי!

איך פיל, איך פיל פון מויל,
פון שטערן מײַנעם,
ווי ליבע שטראָלט צו מענטש.
כאווירים!
פאר וועלט, פאר ארבעטער
ברעכט דעם פײַנט דעם פארענטש!

אָך, ווי הויך דערהויבן
אונדזערע ווײַב און קינדער!
העכער פון וואסער און ברויט,
פון סאקאָנע און ווינטן

קוקן זיי ליכטיק אראָפּ,
מ׳יר פלאָנטען געשלעגן.
וווּהין ס׳פאלט זייער ליכט —
ווערן דעם סוינע געשניטן די וועגן!

1923

1 ארבעטער־פאָרשטאָט.

בערלינער בערזע

כ'הער אײַך דאָ און קוק אײַך אָן,
ווי בײַכער בערזעװוען א קאָן,
זוי צאָלן געדזקען זיך און רײַבן, —
כ'מוז א בריװעלע מײַן מאמען שרײַבן.

— מאמע מײַן,
אוי, מאמע מײַן,
וואָס האָסטו אונדז געבוירן,
אונדזער בליק געגעבן שײַן
און געזייגט אונדז און געשוירן?

וואָס האָסטו אונדז פון קלײנערהייט,
פון קלײנערהייט די בעגל ניט געשטאָלט,
געטעסעט,
דעם האס אין גיפט ניט אויסגעוויקט
און ניט געלערנט מיטן פרעסל פרעסן!?
אף די דיקע, דיקע פאלדן
מיטן הייסן פרעסל דורכצוגיין.
מאמע מײַן,
אוי, מאמע מײַן,
און ווו מע מוז און ווו מע דארף —
דאָרט מיטן פרעסל בלײַבן שטיין!?

1924

„ווילאגארצי"[1]

די שיינע „ווילאגארצי", וואָס ברענגט די אָקסן־פעל פון פאראגווייַ,

זי זאָל מיך מיטנעמען,
כ׳בעט מיך מיטנעמען קיין פאראגווייַ!..

כ׳קאָן ניט קעמען דאָ
דעם קאָפּ צעבאָרשטעטן דער שטאָטס,
יעדן פרישן טאָג זופן טערפקע קוואס פון צייַטונג;
כ׳קאָן ניט זען די פעט־געבייַכערטע,
איך קאָן ניט,
כ׳וויל ניט האָדעווען און האָדעווען מייַן האס!

פאראגווייַ!
ווו שטעקסטו ערגעץ מיט די טשערעדעס גוטע פעל!
פאראגווייַ!
כ׳וועל דיך ריין מאכן פון הערבן און מונדירן,
פאראגווייַ!
כ׳וועל זייַן ווי רעגן אף דייַן פּאשע,
כ׳וועל אויסציקלען מיט האָפענונג דער איידלסטער

[1] א נאָמען פון א שיף. די ליד איז געשריבן אין דייַטשלאנד.

מײַן בולאַווע
און אָפּהיטן די טשערעדעס מיט איר,
אָפּהיטן פֿון יעדן סויכער,
פֿון יעדן סויכער,
וואָס רײַט אַף בופֿלאקס גאָלדענעם צו דיר!

1924

איך האָב מיך פאַרשריבן

איך האָב מיך פאַרשריבן אין בוך פון זאַוואָד
אונטער אַ הויכן נומער.
אַן אומבייַט אַ נייַער טראָגט מיך אַרייַן
דורך פאָרטקעס און טויערס,
געבייַען פאַרבײַ.

סע ליגן דעטאַלן — מעטאַלן געשטאַפּלט אַרום,
כ׳גיי צווישן זיי, ווי צווישן טראַנשייען,
איך געפין דאָרט מייַן צעך
און מייַן נומער באַקום.

כ׳בין מיט מעטאַלן געווען פונדערווײַטנס.
איצט, בײַ דער ערשטער באַקאַנטשאַפט —
אַלע אין פּאָנעם —
שייד איך ניט אונטער:
ווער איז דאָ אײַזנס
און ווער דאָ טשוהונען.

אַזוי ווי נאָך איידער מייַן אַרבעט
דער האַרבער אין האַמבורגער האַפן —

פארטאָן אין די שטורעמס,
אין שטרײַקן,
צווישן די שיפלײַט פון אַלערליי הויטן
און ערדישע ברייטן —
איידער מײַן אַרבעט
איז שווער מיר געווען
אונטערצושיידן
פון אַ יאַפּאַנער ביז אַ כינעזער.

איצט זע איך באַזונדערע כיינעץ און צילן
אין יעדן באַזונדערן פּאָנעם:
אין אײַזנס,
אין שטאָל,
אין טשוהון.

1932

אַלע וואָגיקע טיילן

אַלע וואָגיקע טיילן —
דער סופּאָרט, די שניצערס,
די פּראָסטע פּאַטראָנען —
אַנערקענען ניט קיין ווייכע הענט.
זיי האָבן אַן אַנדער באַגריף וועגן נוצן און שיינקייַט
און נעמען באַאַרבעטן די אויסגערוטע הענט:
מע שנייַדט זיי, מע שאָבט זיי, מע קלעמט.
די ערשטע פּאָר טעג איז קיין הענט ניט,
נאָר שמאַרציקע וווּנדן,
און יעדער באַריר —
איז א שניט פון א שאַרף.

נאָר ס׳וועבן פּאַמעלעך זיך אויס
האַרטהויטיקע הענטשקעס.
סע אַרבעט זיך אויס דער זאַוואָד
די הענט, וואָס ער דאַרף.

1932

אין בארענץ־יאַם

מיר זײַנען געשוווּמען דעם אורלויב פאַרברענגען
מיט ווינטער־לײַט יונגע אין איַיז־אָקעאַן,
און אָליאַ פעטראָווא, די רוסישע שײנקייַט,
צעזינגט זיך אנטקעגן דער פּרעכטיקער שטרענגקײַט,
אנטקעגן דעם גרויזאַמען שטורמישן יאַם.

סע וואַרפט זיך דאָס שיפל, סע דרייפט און סע רינגלט,
ווי ס׳קאָן זיך אין יאַם ניט געפינען קיין אָרט.
די אײַזבערג — נאָר רויק זיי שווימען און פינקלען,
זיי אַרט ניט קיין קיין אומרו, זיי אַרט ניט דאָס זינגען,
זיי פעלט ניט דער „קאָפּ פון באַגערן", דער פאַרט.

סע וואַרפט זיך אין עסזאַל דאָס פאַרהענגל העלע,
צום פענצטער זיך ציט, נאָר צום אָרט ניט דערגרייכט,
דער סוף גייט אריבער די גרענעץ פון טעלער,
דאָס ברומען פון יאַם מיט די קוילעס פון קעלבער
אין טרום מישט זיך אויסטערליש אויס און פאַרפלעכט.

און בארענץ שרײַט אויס פון די כוואַליעס גיבוירים:
— ווער זינגט עס? ווער זינגט עס? ווער זינגט אין מײַן יאַם?

איך האָב מײַנע פֿרײַנט דאָ אין אָפּגרונט פֿאַרלוירן,
מײַן קאָפּ דאָ צעקלאַפּט, און אַלס יאַם בין געבוירן,
אַלס שטורמישער אומרו, וואָס ברעכט יעדן צאַם!

און באַרענץ, דער העלדישער שטורמאַן, באַווײַזט זיך,
ער וואָרנט מיט שטורעמס, מיט אײַנבראָך אין טיף:
— ווער גייט דאָ מיט פֿײַער? מיט כאַשכעסן רײַסט ער!
געדענקט, וואָס געטאָן האָט מײַן יאַם דער צעקײַסטער
מיט יאַם־שווימער העלדן, מיט מענטש און מיט שיף!

זינגט אָליא פּעטראָווא, דאָס נעזל פֿאַריסן,
מיט איר זינגט די יוגנט, די ליבע, דער מוט.
וואָס אַרט זיי, וואָס שטורעמס דאָס שיפֿל באַשיסן!
דער העלדישער באַרענץ, דער אײַז־יאַם דאַרף וויסן —
סאָוועטישע יוגנט פֿירט דורך אַ מאַרשרוט!

און באַרענץ — ער וואָרנט, דאָס קאָל זײַנס סע ציטערט,
און אָליא מיט לידער אים ענטפֿערט אַראָפּ:
— געשווומען פֿיר מענטשן אין פּאָליוס־געוויטער.
אָן שיף גאָר, אויף אײַז נאָר, מיט דרייסטע געמיטער,
ווי נישטיק דער טויט פֿאַר די מענטשן טרעט אָפּ!

סע ווייסט פֿון קיין שרעק ניט דאָס פֿאָלק פֿון ניצאָכן,
אוי, שטורמאַן, אוי, שטורמאַן, דײַן שטורעם פֿאַרהיט,
די נויט איז געטייט, און דער טויט איז געבראָכן,
און שטאַרקער פֿון שטאַרק זײַנען פֿאָנען, וואָס פֿאָכען
מיט אונדזערע ווילנס, מיט אונדזער געמיט!

1938

א געשלעג

זיבן — אכט און מערער באלן
מעלדן אונדז א גרויס געשלעג,
אונדזער שיפל מ'איז באפאלן,
אויסגעכאפּט בא אונדז דעם וועג.
קלאפּטער־קלעפּ מיט אײַז געזאלצן
זעצט דער יאם אין אונדז און שרײַט:
„איר וועט בלאָנקען, איר וועט בלאָנדזען,
אין מײַן שטורעם־האנט איר זײַט“.
ניט קיין ברעג מע זעט, קיין שטערן,
קיין סימאָנים ניט פאראן.
אף זײַן בריקל קעמפּט געפערלעך
פאר זײַן וועג דער קאפּיטאן.
זוכט און שלאָגט זיך, סע געלינגט אים
צו דערזען אין וואָלקן־דרויב,
ווי אן אָפּדרוק פון א פינגער
אף א פראָסט־באמאָלטער שויב
שטעקט א פלעק פון דער לעוואָנע
שכייניש מיט א פלעק פון זון,
ווי צווײ אויגן אינעם פּאָנעם
פון א בענעץ קוקן קרום,

איין סעקונדע — און פֿאַרשוווּנדן.
נאָר דערזעען, ער דאַרף ניט מער!
אינעם קאַרק ער שלאָגט די ווינטן,
און דעם וועג צו זיך ער קערט.
און דאָס שיפֿל איבער טיפֿן
שפּרינגט, געפֿירט פֿון פֿעסטער האַנט,
ס׳וועט ניט בלאָנדזען אונדזער שיפֿל,
אונדזער שטיק סאָוועטיש לאַנד!

1938

29-1953

אפן פייגל־מארק אין קארמאקול

דער בייזער יאם איז קעגן אונדזער צוקומען צום ברעג,
צום פייגל־מארק אין קליינעם קארמאקול.
ער שמיצט מיט גרימצאָרן דאָס שיפל, פאטשט און שפייט מיט קלעק,
און פונעם מוירעדיקן פייגל־ראש באזונדערס דול,
ער וויל אונדז נאָר צעשמעטערן אין שטיין פון ברעג!

דער ערשטער כאפט זיך וואניע אָן אין אָפּריס פון א שטיין,
און איידער נאָך דער שעד באוויַיזט צו טון אים א פארשלונג —
איז שוין מיט ביידע גייער אפן ברעג דער יונג
און האלט אונדז קונציק אפן שטריק אזוי, אז איין נאָך איין
באוויַיזן מיר צו טון צום ברעג דעם גוטן שפרונג.

מיסטאם פארהיט דער יאם אָ־דאָ א ווינקל פון זיַין פראכט:
א שטיקל מאָרעשכוירע־ערד אין ווינטן־ריַיסעריַי;
פון לעמינגן מיט שטיינפוקסן די אומגעשטילטע שלאכט;
פארשטיינערטע אינזעקטן, נו, און פייגל־שריַיעריַי.
נאָר אומדערוואַרט האָט זיך פאר אונדז א ניַיס גאָר אופגעמאכט:

א שלאל מיט גרינס! א שלאל מיט גרינס אין דער מעדינע קעלט!
ראָמיאניק־בלומען ריזיקע, נאָר צוגעפלעטשט צו דר׳ערד,
ווי „אף פלאסטוניש״ האלטן זיי זיך, איינס בא איינס פארשטעלט

אנטקעגן די גאזלאָנים פּרעסט, וואָס קנאַקן אומדערהערט
און שרײַען: „זאָלן פרישע בלימלעך גייען פון דער וועלט!“

דער איקער אָבער האָט אונדז דאָ דאָס רעטעניש דערשטוינט:
דער פייגל־מארק, וואָס הענגט איבערן אָפּגרונט פונעם יאַם
אף טרעפלעך פונעם אָפּריס. יעדעס טרעפּעלע באַוווינט
א פייגל־פּאָר, וואָס קומט אהער פארלענגערן דעם שטאַם.
אף קאַלטן שטיין דאָ פּיקט זיך אויס דאָס נײַס און ווערט אנטוויינט.

א שלאַל מיט קײַרעס־פויגלעך אפן אָפּריס פון גראַפּיט,
גוטמוטיק־טאַמעוואַטינקע פּארטרויט דער וועלט מע פּײַפּט,
דעריבער, ווער ס׳א כוואַט און ניט פון שרעקיקן געמיט —
דער לאָזט זיך אף א שטריק איבערן אָפּגרונט דאָ און קלײַבט
מיט א פּאַלאָניק אייער... און קיין פויגל שטערט אים ניט...

דאָס גרויסע איי געפּינטלט, וואָס ליגט באַם ראַנד פון טרעפּ —
ווי פאלט עס ניט, ווי האַלט עס זיך, אף וואָסער גלײַכגעוויכט?!
די ענגשאַפט איז דאָ מוירעדיק — געננוג איין קלײנער שלעפּ...
נאָר די, וואָס זיצט אויס אייפעלעך, געהיטזאַם טוט איר פליכט,
און אָט, א טונקל נעפעשל. דאָס ציטערט — הייסט עס, לעבט...

די טאַטע־מאַמע זוכן שפּײַז, דעם קינד אָן זיי איז קאַלט.
אָט קומען זיי, און ס׳ציטערל זיך אונטער זיי באַהאַלט.
דער איקער אָבער שטייט דעם פּאָר די ערשטע פּרווו — דער שפּרונג,
אָט יענער, ווען מע לאָזט זיך אָפּ, צום ערשטן מאָל מע פאַלט
פון הויכער טרעפּ אין יאַם אראָפּ, אין קרירעדיקן שלונג.

1938

אפן גלעטשער שאָקאַלסקי

באַם גלעטשער שאָקאַלסקי — דאָרט בין איך געווען,
העל־בלויע אָפּגרונטן האָב איך געזען.
אױף גליטשיקן גלעטשער־לײַב האָב איך פֿאַרבראַכט,
געזען אין טעהאָמען דעם טויט און זײַן פּראַכט.
די זויבער־פּאַלאַצן, וואָס ער האָט צעשטעלט.
פֿאַר וועמען אַזאַ מין קרישטאָלענע וועלט?
אַז ס'וועט זי קיין פֿויגל, וואָס שעצט זיך א קאָפּ,
ניט וועלן זי טאָן מיט א נאָגל א דראַפּ,
אפֿילע די הוילע, די אַרקטישע מויז —
מעשוגע דאַרף זײַן צו דעם גלעטשער אַרויס!
ווײַזט אויס, צוליב אונדז, זאָלן כאַפּן א קוק —
ווי שיין וווינט דער טויט אינעם גלעטשער פּאַרוקט,
און זען, ווי א גלעטשערסע גלעטשערט זיך אָפּ,
די קינדערלעך אײַזבערג אין יאַם לאָזט אַראָפּ.

באַם גלעטשער שאָקאַלסקי — דאָרט בין איך געווען,
די דרײַ באָלשעוויקעס איך האָב דאָרט געזען.
זיי האָבן א פּרעכטיקע ביבליאָטעק,
זיי פֿירן דאָרט אָן מיטן וועטער־געדריי,
דער טויט מײַדט זיי אויס און האָט מוירע פֿאַר זיי,
און דרייט ווי א סטאַטיק פֿאַר זיי מיטן עק...

1938

א שמועס וועגן וואָרט

מיך פירט מײַן פרײַנט, דער העלד פון פיל געשלעגן,
ער עפנט אויף מערכאקים מיר אנטקעגן,
און ערד, וואָס איז אָקאָרשט מיט בלוט דאָ אָפּגעגאנגען.
„דו שטייסט שוין, זאָגט ער מיר,
פיל יאָרן אין געראנגל
מיטן מאלעך יידיש־לאָשן,
געזען האָסטו, ווי אומרעכט כאפּט באַם גאָרגל דעם גערעכטן.
און מאן און ווײַב און קינד און גרײַז ער פירט צום שעכטן,
געזען, ווי ס׳האָט דער ברוינער טײַוול זייער מארך גערראָשן,
און שיר אליין דערשטיקט פון גרימצאָרן און וויטעק —
דו ווייסט, דו ווייסט, ווי דרינגענדיק דאָס וואָרט איז נייטיק.
דו זעסט, די שיינקייט פון דער מי, די העגט, די בליקן,
דו זעסט, סע פורעמען געשטאלטן זיך, פארלאנגען,
דו זעסט דעם שטאָלענעם אזשור פון עלעקטרע־סטאנציעס און בריקן.
דו זעסט די נאפט־ראיאָנען אין די מאקינטאָשן,
איז ווו איז דײַן געזאנג פון די געזאנגען,
וואָס דו האָסט אויסגעקעמפט באַם יידיש־לאָשן?!“

זײַן אָפּגעברענט געזיכט, דאָס געפּײַניקטע און שווערע,
קוקט פרײַנטלעך־שמייכלענדיק אף מיר מיטביידע אויגן,

ווי גלײַך ער וויל פֿאַרמילדן מיר זײַן מאַנען, זײַן באַגערן,
זײַן גרייטקייט און זײַן רעכט איעדער שטערונג צו צעשטערן!
כ׳האָב דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן...

„כ׳בין שולדיק,
מײַן בלוט איז צו צעדולט און אומגעדולדיק,
צו שלאַבעריק געשולט מײַן ווילן און מײַן זינען,
צו שוואַך איז מײַן אַקשאָנעס אין געשלעג מיט א ניסאָיען.
און דאָ איז אַזאַ בלענדיקער באַגינען!
און דאָ איז אַזאַ וועלט אין ווידערבויען!
א שלאָף פֿון שיינס פֿאַרפּלייצט,
אַז כ׳קאָן דאָס וואָרט גאָרניט געפֿינען!
נאָר איך וועל...“

„מיר האָבן דאָס געהערט צוריק מיט אַ יאָרצענדליק,
אין ליד צו אונדזער הימלאַנד האָסטו דאָס דערקלערט.
דערווײַל איז דאָך געשען אַזוינס! ס׳האָט אַלץ געענדערט,
א ווערטעלע! די וועלט האָט זיך געקערט!
מ׳האָט דאָך דעם פֿאָלק דערלאַנגט אַ שפּיז אין קאַרק אַרײַן,
אַז ס׳האָט פֿון אָרט צערודערט אַלע זײַנע גרונטן.
נאָר אָפּגעענטפֿערט האָט דאָס פֿאָלק מיט קלעפּ, מיט נאָך מער
— שטאַרקערע
אַז דער באַוואָפֿנטער מעטורעף ליגט שוין אונטן.
אַזוי האָט אַף צוריק דאָס פֿאָלק דעם פֿײַנט געגעבן —
און אויפֿגעשטעלט האָט זיך באַנײַס דאָס לעבן
און שטייט אַף אַלע מיליאָנען פֿעסטע פֿיס.
דאָס רוישט און ראַשט און מאָנט זײַן רעכט מיט שטאַרקייט.
און ווידער אָנגעגורט, קויעך קאַרגט ניט
צו קענען פֿרײַ אַהין אין הייך זיך טאָן אַ ריס!

איז ווו זשע איז דײַן וואָרט, דײַן וואָרט ווו איז?
געוויס, דו האָסט פאַרזוכט פון אַלדאָסבייז די טאַמען,
ביז מויעך־פינצטערניש, ביז בראַנד...
איז עפּשער ביסטו מיד... איז קום מיט מיר צוזאַמען
אַ קוק טאָן אויף דער היים מיט האַרץ און מיט פאַרשטאַנד.
ווי טרײַ שטייט אויף דער מענטש דאָ אַלע אײַנדערפרי,
צו אָפּטאָן גוטס, זיך אויסבאָדן אין יאַם פון פרײַער מי.

אַמאָל פאַרקוק איך זיך אויף אונדזערן אַ מענטשנס הענט
און זע אין זיי אַזאַ מין נײַע קראַפט, אַט יענעם ווענד דעם פרײַען,
וואָס גיט אַרײַן אין שטומען שטאָף דעם גײַסט, וואָס בלענדט,
וואָס אים, דעם מײַסטער, נערט און אונדז דערקוויקט מעכײַע...
אוואַדע איז דערצו די וועלט נאָך ניט געוווינט,
געוווינט איז זי פון לאַנג צום וואָרט פון טרייסט, פון טרויער,
צו אומעט־פרייד אין פײַן־געשלײַפטן טראָפּ געצוימט,
ווי קאָן פאַרטראָגן גאָר איר אייד'לער מידער אויער
די נײַע שיינקײַטן — אַז דאָס דערשיטערט און דערשטוינט!

אַמאָל, אַט דאָ, ווען אונדזער לעבן
געראַנגלט האָט זיך אין דער נידער,
איז די נאַטור, דאָס גאַנצע לעבן
געווען מיט אונדז אויף קידער־ווידער.
ווען ס'איז דער הונט געווען דעם פּאַרעצס —
האָט ער באַבילט אונדז אויף די וועגן;
ווען מיר האָבן געטראָגן לאַפּטיעס —
איז שמוץ געווען אונדז יעדער רעגן...
ווען מיר האָבן געשוויצט פאַר יענעם —
האָט אונדז די זון געפּלאָגט אין פּלייצע,
ווען מיר האָבן געלעבט אין געה'נעם —
האָט יעדער „קנעפּל" בייז געריצט אונדז.

נאָר האָבן מיר דער היים באַוואָרנט
אַ מענטשלעך זײַן, אַף אונדזער שטייגער —
איז ווי באַליבט איז אונדז געוואָרן
דאָס אַלץ אַרום, ווי לײַבלעך־אייגן:
ס׳איז ליב אין מיץ דער רויטער שטערן,
ס׳איז גוט דער גאַנג פון רעגן שווערן,
די זון — אין אונדזער נאַשפּיץ פּאָרט,
און יעדערער איז אַף זײַן אָרט.
געפֿין דאָס וואָרט! דאָס וואָרט פֿון עמעס
צעשפּאַלט דעם שטאַרקסטן שעקער־פעלדז,
דאָס הייסע וואָרט אונדזערס, פֿאַרנעם עס,
דאָס איז דאָס רייַנע האַרץ דער וועלטס!
דערמיט האָט אונדזער היים פֿון עמעס
פֿיל פֿײַנט באַזיגט שוין אַף דער ערד!"

— — — — — — — — — — — — — — — —

— מײַן פֿרײַנט, דײַן וואָרט, דײַן יעדן רעמעז
פֿאַרזאַפּט מײַן בלוט מיט פֿולער ווערט.
אָט זע, מײַן האַרץ באַפֿרײַט פֿון קלעם איז,
און נײַער שוווּנג איז מיר באַשערט!

1946

אינהאַלט

שטיי אויף פֿאַרטאָג

שטיי אויף פֿאַרטאָג 5
צו אַלדי גוטע יאָר 6
דער העמשעך 8
איך האָב נאָך הײַנט עפּעס א זאַך 9
אַליין זיך פֿאַרפּלאָנצט 10
די גרויסע שיינקײַט 12
א לויב דעם נײַ־געבוירענעם 14
דער ברונעם 16
ווי הייסטו? 18
א שמועס 20
וועגן פֿלוימען 21
די פּרוכט און די ביימער 22
דער רעגנבויגן 24
רויערד 26
בערעזע־קרויזלקאָפּ 28
אין פֿעלד 29
א לויב 30
דאָס הויז 31
דער ערשטער זינגער 33
פֿרײַנטשאַפֿט 35

די זון האָט פּאַרשפּעקטיקט 37
נאָכן הייסן שניט 39
געאָרגינען 41
ערשטער הארבסט־טאָג 43
א רעגן פאַרנאַכט 45
די אַלטע מורעשקעס אין הארבסט 47
און ווידער 49
די זונען־שײַן 51
א ווינטער־בילד 52
געצײַג 53
גאַטס בעהיימעלע 54
אין זאַאָגאָרטן 56
די עלטער 58
די וויג 60
זומער פאַרטאָג 61
מיר שיטן בעסטן אָפּקלײַב 63
יאָמטעוו 65

געזאנגען

אומרו 69
א ליד אין דרײַ טיילן 70
דו... 72
דײַן נאָמען 73
איך לעב ניט לויטן זיקאָרן 74
מיטוואָך... 76
שטיינער איינציקע 78
כ׳האָב געקליבן 80
קום ניט, מײַן פרײַנט 81
דײַן פערדל 82
א באגעגעניש 84

וואסיליסע 86
א דועט 88
א ליבע־ליד 91
עלף טעכטער 93
יאוודאָכע 96
זײַטיקע באַגערן 99
קליפקע 101
זאָל איך קרענקען 102
ביקלעך 103
א כאָסן אָן א קאלע 105
אן אלטער ניגן 108

דאָס פישעלע לאכט

דאָס פישעלע לאכט 113
גערויש און שטילקײַט 115
דער קאָכלעפל 116
אויסגעטראכטע יאגד 117
די טריסקאווקע 118
קונדייסים 119
די קאץ און דאָס פייגעלע 120
א ריז 122
דאָס כאזערל עסט, מע זאָל עס עסן 124
שאכמאטיסטן 125
קרויט 126
די הון 127
ווּהין שפאנט ער? 128
אף דער אויסשטעלונג 131
דער אינדיק 133
דאָס קעלבל 134

דער שטשור מיטן וועווריקס עק . . . 135
טרערן . . . 136
די באשיידענע . . . 138

צו דער זון

אף דער זון . . . 141
האסטיק־לאסטיק . . . 142
פון זאמד . . . 143
גערעטעניש . . . 144
כאזערלעך . . . 146
דאָס זשוקל . . . 148
קראָען און שוואלבן . . . 150
כ׳ווייס א סאָד . . . 152
דער קאוון . . . 154
מאָן . . . 157
דאָס בלאָזל־בלימל . . . 158
ציקאָריע . . . 160
שוין צוגעגרייט . . . 162
פראָסט־ליד . . . 164
א נײַער שליטן . . . 166
מיטן שליטל . . . 167
אפן גליטש . . . 169
דער בער אום ווינטער . . . 171
ארויס פון די קאליוזשעס . . . 173
דער בושל . . . 174
דער אווטאָ־שפּריצער . . . 176
צוויי פרײַנט . . . 178
פּאָגאָנעס . . . 180
ערעוו דערוואכן . . . 182
כאָלעם . . . 184

די קליינע ווערבע 185
נעפּל 187
זעט זשע! 189
די דרייסטע שפּערלעך 191
אין סעדער 193
דער גאָלד־זשוק 196
באַרסוקעס 199
דער צווילינג 202
אויף דער הוידלקע 205
פּיסקלעך־שנאָבעלעך 207
א קאָנפּעטל 209
א מייַסע 211
א בריוו דעם כאַווער וואָראָשילאָוו 213

„רינג אין רינג“

דאָס פּידעלע 217
פּייַפּעלעך 219
דאָס קעצעלע 221
דער באבעס הענט 224
צוויי און צוואנציק גווארדיאָנען 226
אפן שפּאציר 228
צוויי פּעטערס 230
איך בין א קאָזעקל 232
מייַן מעסערל 235
א בוים 237
דער טשיזש 239
אז איך וועל אויסוואקסן 241
בריוו 245
דער וואסער־גייער 248
רויטע רייַטער 250

צוגאסט 252
דאָס פערדל פון באנאכט 255
קאבאקעס 259
לעמל ראטעוועט די מילך 262
פון בעמבע קיין דרעמבע 263
לעמלס מאטאָנע 266
אכאכי 269
פרילינג און זומער 273
א וויגליד 274
עזרע און דער בוהײַ 278
באם יאם 283
פרײַנט 287
די ליד וועגן קאָמאנדיר 289
שטארקײַט 294

מיר האָבן מויערן געמויערט

ערעוו 297
דאָס וואָרט וועגן נײַ־זײַן 298
וואלד 300
דאָס ערשטע יאָדליקל 303
וויפל הארץ... 304
פײַער אף די סאָנים! 305
טײַנע־לאָשן פון לייזער פאפערניקס מוטער 307
מיכאל פלאָטקין פארטונקלט בערלין 309
פליישמאן דער בארדיטשעווער 311
ער צאָלט 313
די קלאָג פון פוילישן ייִנגל 314
דאָס וואָרט וועגן עטעלען 316
דאָס וואָרט וועגן קינדער 318
דאָס וואָרט וועגן באצאָלונג 320

דאָס וואָרט וועגן מײַפּעלד . . . 322
דאָס וואָרט וועגן אַניאַ גריב . . . 324
דאָס וואָרט וועגן געדענקען . . . 327
דאָס וואָרט וועגן פרײַנטשאפט . . . 329
דאָס וואָרט וועגן דער שוועסטער . . . 331
מאלקעס צוריק־קער . . . 333
קיין מאָסקווע . . . 333
אין מאָסקווער גאסן . . . 337
צוריק אהיים . . . 338
מאלקעס געזאנג . . . 342
דאָס געזאנג דער פרוי . . . 344
א זינגליד . . . 346
מיט מײַן לאנד . . . 348

איך בין צוגעבונדן צו מײַן גרויסן הײַנט

איך בין צוגעבונדן . . . 351
אין רויטן שטורעם . . . 352
א פּארע גייט פון מיסטן . . . 362
די שוואָגערלעך . . . 364
רעשט פון קנעכט . . . 368
אן ענטפער . . . 369
דעם פויער . . . 370
אויג אף אויג . . . 372
מענדעלע . . . 375
פּושקין און היינע . . . 377
טאראס שעווטשענקאָ . . . 380
ווי שורעס אינעם שיר . . . 382
נאָכן אָפּשוועבן פון טאָג . . . 384
פרילינגס, זומערס, הארבסטן . . . 386
וועגעלעך קאלך . . . 388

דער בלוטיקער זונטיק 391
אין די זומער־נעכט 393
טאָג אין נעפּל 395
קיין אָדעס 397
דער פאַרבער־יונג 399
ווער ווייסט 401
דער הימל 403
די הייך 405
כּויוועס 407

העל און שאָטן

אַמאָל איז געווען 411
מײַן אויצער 422
מײַן אומרו 424
א שווײַגנס 426
ניטע, שוועסטער 428
אזא בלויע נאַכט 429
שטיל און טיף 431
איך גיי מיט דיר 433
גייט אײַך 435
ווײַבער 436
קומט דאָס קינד באַשיצן! 437
ליב־געבענטשטער קאָפּ 438
זי שנאָרעט שוין ווידער 440
כאַפּט מיך אָן די בייזע בסורע 442
ווילט זיך ניט קלאָגן 443
טאָג ווערט פינצטערער 444
איך זאָל כאָטש ענדיקן 446
יאַטקע־הינט 448
אָפּגעטרייסלט זיך 450

נאָך דער ביקס 452
האמבורג, אָקטיאבער 1923 454
בערלינער בערזע 455
„ווילאגארצי״ 456
איך האָב מיך פארשריבן 458
אלע וואָגיקע טיילן 460
אין בארענץ־יאם 461
א געשלעג 463
אפן פייגל־מארק אין קארמאקול 465
אפן גלעטשער שאָקאלסקי 467
א שמועס וועגן וואָרט 468

Лев Моисеевич Квитко

ИЗБРАННОЕ

(На еврейском языке)

М. «Советский писатель» 1967 г. 480 стр. БЗ № 43 1966 г.

Редактор *Э. М. Фалькович.* Художник *Г. А. Кравцов*
Худож. редактор *Е. Ф. Капустин.* Техн. редактор *Р. Я. Соколова*
Корректор *А. Б. Стрельник*

Сдано в набор 3/X 1966 г. Подписано к печати 9/III 1967 г.
Бумага 70×108$^{1}/_{32}$. № 1. Печ. л. 15(21). Уч.-изд. л. 12,81.
Тираж 5000 экз. Заказ 1953. Цена 86 коп.

Издательство «Советский писатель»
Москва К-9, Б. Гнездниковский пер., 10.

Московская типография № 7 Главполиграфпрома
Комитета по печати при Совете Министров СССР
Пер. Аксакова, 13.